STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05222

PROBLEM FUN ARBEYT UN ARBEYTER IN LIKHT FUN TOYRE UN TALMUD

Yitshak Kats

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05222-1

9780657052225T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

הרב יצחק כ"ץ

„פראבלעם פון ארבייט
אין ארבייטער אין ליכט פון
תורה אין תלמוד".

ערשטער טייל

צו טאלערירט דאס יודענטום
קנעכשאפט ?

בילגורייא
שנת תרפ"ט לפ"ק
בדפוס של האחים וויינבערג

nabor. w druk. BRACI WAJNBERG BIŁGORAJ z. lub. (Polland)

Drukarnia G. Piment, Warszawa,

מיינונגער פון רבנים וועגען מיין ווערק.

דער אָסטראָווער גאון ר׳ מאיר רפאל דן ז״ל שרייבט אין זיינס א בריף צו מיין פאָטער, ר׳ מאיר כץ (וועלכר וואוינט אין נויאָרק) פאלגענדעס... הנני כותב זאת למען ידידנו הנכבדים הני׳ תרי אחי ומרחמי לבית ברנשטיין שיחי׳ שיקיימו הבטחתם להדפיס הכת״י הנ״ל (אדות הפועלים בישראל) על הוצאותיהם כי ברכה בו.

דער פלונסקער רב הגאון ר׳ צבי יחזקאל מיכלזאהן שליט״א שרייבט.

הן הראה לי הרה״ג החו״ב צנא מלא ספרא אב בחכמה רך בשנים איש אשכולות מו״ה יצחק כץ נ״י מעיר ריפין את חבורו פראבלעם פון ארבייט און ארבייטער עפ״י תוה״ק אשר הוא מעלה על מכבש הדפוס, וראיתי כי טוב פועלו, להראות בעליל עד כמה תוה״ק מחבבת את המלאכה והעבודה, ובלבד שיהיה עפ״י דת תוה״ק, וכבר אמרו חז״ל אהוב את המלאכה ובגמרא ברכות (ד״ח ע״א) גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מיראת-שמים, וכבר אמרתי באסיפת פועלי אגודת ישראל באור ליום ו׳ עש״ק פ׳ לך י״ב מרחשון העבר בברכתי אותם בשם ועד הרבנים דפה שכבר נתברכו ע״י בועז שאמר אל הקוצרים ה׳ עמכם, ודהע״ה יסד ע״ז מזמור מיוחד בתהלים (קכ״ח) אשרי כי ה׳ וגו׳ יגיע כפיך כי תאכל וכו׳, כי יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, ואז יד פועל עליונה, ועי׳ בב״ר פ׳ ל״ט ראה אותם אוכלים ושותים ופוחזים אמר הלואי וכו׳ עסוקין בניכוש, ובס׳ כוכב מיעקב הפטורת וירא דבר בפי׳ ויאהב קללה וכל הנהנה מיגיעו ע״ש ודפח״ח. אך דא עקא שגם העשירים היראים מרחיקים את הפועלים היראים מלתת להם מלאכה ועבודה ובזה עושים עולה נוראה נגד אחיהם, ותה״ק אמרה לנו דגם לבן אמר ויברכהו ה׳ בגללך וגבי פוטיפר ויברך ה׳ את בית המצרי בגלל יוסף, זה י״ל כוונת חז״ל גיטין (ד׳ ל״ח) דסיירי נכסייהו בשבתא ודמפקי עבדייהו לחרותא היינו עבדייהו הכשרים הרחיקו משום דגם המה באו לחלול שבת, דסיירו ולכן הרחיקו את הפועלים ששמרו את השבת, אוי לאותה בושה! ונענשו מדר״מ שירדו מנכסיהון גם המה.

ולמותר להגיד כי ספרו יהיה לתועלת גדול וכל ירא וחרד ע״ד ה׳ יאמר לפעלא טבא ויקבל ספרו ברצון ובשמחה יעזרהו השי״ת לבצע מעשהו ולברך על המוגמר, כנפש ידידו הבעה״ח.

אור ליום ג׳ וישלח י״ד כסלו תרפ״ט.

צבי יחזקאל מיכלזאהן בועד הרבנים דפה.

אין די איבריקע טיילען וועלען געדרוקט ווערען נאך מיינונגער פון רבנים מבקדיב.

פֿאָרוואָרט

איבערגעבענדיג פֿאַר דער עפֿינטליכקייט דאָס דאָזיגע ווערק, אַ פּראָדוקט, פֿון אַ שווערער, וויסענשאַפֿטליכער אַרבייט. איבער די פּראָבלעמען פֿון „אַרבייט און אַרבייטער אין ליכט פֿון תּורה און תּלמוד", און בכלל איבער סאָציאַלען פּראָבלעם ביי יודען, — בין איך זיכער, אַז נישט-ווענִיג וועלען זיך געפֿינען אַ זעלכע, וואָס וועלען אָבחוזק'ן דערפֿון און אָבשפּעטען, זאָגענדיג: וואָס פֿאַר אַ נייעס, האָט דאָ דער מחבר ענטדעקט, דאָס ווערק איז דאָך פֿול מיט ציטאַטין, אַ שטייגער ווי אַ „קיצור שלחן ערוך" אויף יודיש, איז דען דאָ פֿאַרהאַן עפּעס אַ אָריגינעלער געדאַנק ?, דער „קורא נכבד" פֿון דער היינטיגער צייט, האָט ווירקליך אַ גאַנץ אַנדערען געשמאַק, און אַנדערע ספרים אין ביכער זענען פֿאַר איהם נויטיג, לגמרי אַנדערע... ער זיכט נור אָריגינעלעס, אין נייאיגקייטען אַזעלכער איז ער, דער היינטיגער לעזער.

אָבער דעם נייעם לעזער, וויל איך ענטפֿערין מיט פֿאָלגענדין אַלטען אַ פֿאָריזם:

„די ביהן אין די שפּין זענען זיך אַ מאָל צונויפֿגעקומען, מאַכט די שפּין צו דער ביהן: איך בין חשוב'ער פֿון דיר, איך שאַף דאָך נייאיגקייטען, אָריגינעלעס, אָט די שפּין-וועב, אָבער דו, ביהן, וואָס טהוסטו דען, זויגסט-אויס דעם זאַפֿט פֿון די בלומען אין דערפֿון מאַכסטו האָניג, איז דען דער האָניג דיינער ? — עס איז דאָך גאָר דער האָניג פֿון די בלומען !...

אמת איך בעשאַף נישט קיין אָריגינעלע זאַך — האָט די ביהן געענטפֿערט, — די בלומען האָבין אין מיין האָניג אַגרויסען חלק, אָבער דאָך בעשאַף איך דאָך אַזאַ גוטען זיסען אין געשמאַקען האָניג, אָבער דו, שפּין, די שאַפֿסט טאַקי אָריגינעלעס, אָבער עס איז דאָך נישט מעהר ווי שפּין-וועב, עס איז דאָך מיאוס און עקעלהאַפֿט" !...

נישט שטענדיג איז גוט דאָס אָריגינעלע, דאָס פֿריש-צאַפּעלדיגע, אַזאַ אָריגינאַליטעט געפֿינט מען טאַקי ביי די מאָדערנע שרייבער אין זייערע ראָמאַנען, אַזאַ מקוריות איז אָבער דער מקור פֿון שלעכטס.

דעריבער קום איך נישט מיט'ן דאָזיגען ווערק עפּעס נייעס אין אָריגינעלעס צו ענטדעקען, קיין שום נייע טעאָריעס וויל איך נישט ענטפּלעקען, איך קום בלויז דערמאַנען דאָס אַלטע אין בעקאַנטע, אויף וואָס דער מאָדערנער לעזער לייגט נישט קיין אַכט, צוליב דעם אייגענטליכען טעם „עס איז דאָך אַלט. און בעוואוסט" —

דאָס דאָזיגע ווערק מיינס איז אַ ענציקלאָפּעדיע פֿון תּורה און תּלמוד איבער אַרבייט און אַרבייטער, אין איבערן סאָציאַלען פּראָבלעם ביי יודין צו שאַפֿען אַזאַ ענציקלאָפּעדיע האָב איך מיר געשטעלט אַלס ציעל, אין איצט זאָל דער לעזער אורטיילען, אויף וויפֿיעל עס איז מיר געלונגען די דאָזיגע וויכטיגע אַרבייט, וואָס איז דאָ נויטיג אין דער היינטיגער צייט.

יצחק בלא״א ר׳ מאיר הכהן כ״ץ נ״י מריפּין.

ערשטער טייל

צו טאָלערירט דאס יודענטום קנעכטשאפט?

א.

א שיף אין אַ ים פון בלוט.

קִרְיַת פּוֹעֲלֵי אָוֶן עֲקֻבָּה מִדָּם
(הושע ו׳)

רויטע גערדיכטע וואָלקענס האָבען זיך איבערן האָריזאָנט פערצויגען. א מהומה איז ענטשטאַנען אויף דער וועלט, א צעמישונג, א שלאַקס רעגען האָט געצעבערט, עס האָט אָנגעהויבען דונערען און בליצען, פייער מיט וואַסער האָבען שלום געמאכט, אַ חורבן פערוואָסט, אינטערגעהאַקט בוימער און צווייגען, מענשליכע לעבינס זענען אָבגעריסען געוואָרען פון לעבינס בוים. פול איז געוואָרען די וועלט מיט מענשליכע פגרים, און שרעקליכע ווילדע פאַרשוינען, אין רויטען געוואַנד געהילט, און זענען ערשיינען ווי די ראָבען אויף די פגרים, געזאַמעלט דאָס פערגאָסענע בלוט עמערס צו עמערס, און טייכען בלוט האָבען זיי אין א שטראָם פערוואַנדעלט און דערמיט גענומען לעשין דאָס פייער פון רעליגיע, דעם רעליגיעזין גייסט.

די רויטע טייוולאָנים האָבין גענומען זייערע אידעאַלען פערווירקליכען. דורך בלוטיגע שחיטות, דורך פייער און שווערד — דאָס איז דער וועג. וואָס פיהרט זיי צו דער אידעען-פערווירקליכונג, כאָטש דער דאָזיגער וועג איז כלל נישט אויסגעהאַלטען, אפילו עפ״י שיטת מאַרקס, לויט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע ווערט פון דער קאפיטאַליסטישער אָרדנונג אויטאָמאַטיש געשאַפען די סאָציאַליסטישע — די רויטע חבריא האַלט זיך אָבער ווייט, נישט ביים דאָזיגען כלל פון זייער לעהרער, זיי וואַרטען נישט אויף דער צוקונפט, און זיי האָבין זיך שוין גענומען פערשפרייטען זייער „תורה“, נישט דורך דער קאַלטער און געזונטער לאָגיק, נור דורך האַרמאַטען-פייער! נישט דורך דער שאַרפקייט פון טעאָריעס, נור דורך דער שאַרף פון דער שווערד.

דער פראָלעטאַריאַט — זאָגט מאַרקס — דאַרף קעמפען געגען יעדער קלאַסען-פריווילעגיע — ווי זעהט עס אָבער אויס אין דער ווירקליכקייט? — דער פראָלעטאַריאַט נעמט פאַר זיך די גרעסטע פריווילעגיעס, (ממילא שאַפט זיך דאָך אַ קלאַסען-פריווילעגיע) ער שאַפט זיך אַ מאָנאָפּאָל פון פערשטאַנד, א שפאַגעל-נייע טעאָריע, וועלכע לויטעט, אַז דער פראָלעטאַריאַט פערמאָגט טאַקי די גאַנצע „עשרה קבין חכמה“, דאַגעגען די בירגערליכע עלעמענטין זענין טעמפּ און נאַריש, ווערענדיג געשטעמפּעלט אַלס פערזאָנען, וואָס פערמאָגען

א קליינבירגערליכע

אַ קליינבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע" אין דערמיט איז אַלץ געלעזט, דאָס דאָזיגע זינט אַלס אַ „ויש ליישב" צו אַלע געריכטע טענות און פראַגען וואָס ווערען געשטעלט דורך בירגערליכע עלעמענטין, מעגען זיי בעגרינדען זייערע טעאָריעס אויף דער געזונדסטער לאָגיק — ווייל דער „רויטער חכם" האָט דאָך אַ פאַרטיגען ענטפער אויף אַלעם „דאָס איז אַ קליינבירגעליכע פּסיכאָלאָגיע" און דערמיט איז עס ערלעדיגט...

און אַזוי האָבען זיי געשאַפען אַ גאַנצע רייה טעאָריעס, אַ חוץ דער „אַרבייטס-ווערטס-טעאָריע" האָבען זיי אויך געשאַפען אַנ'אַרבייטס פערשטאַנדס-טעאָריע", אַז וויסענשאַפט אין חכמה. בילדונג אין אינטעליגענץ ערווערבט זיך דער מענש נישט דורך לאַנג-יעריגער שטודיום און פּערטיפונג אין די ווערק פון די גרויסע גייסטער, נאָך דורך דער פערגאָסענעם שווייס ביי שוואַרצע אַרבייט...

און די קאָנסעקווענצען פון די דערמאָהנטע טעאָריעס זענען זעהר שרעקליך און גרויזאַם, די גאַנצע וועלט מענשען האָבין גאָר נישט קיין עקזיסטענץ, בערעכטיגונג, וואָרום אויב די קליינבירגער בעזיצען נאָר מוחין דקטנות, און זענען נישט מעהר ווי „אַ ממוצע צווישען מענש אין מאַלפּע" אין וואָס פלאַנטערין זיי זיך אַרום אויף דער וועלט אין מאַכען קאַליע ברויט, — אַז זיי טויגען צו גאָרנישט, סיידען צו אַ ווי וויסעקציע פאַר סאָציאַליסטישע ערפינדונגען...

„טויט אָדער קאַמף, בלוטיגע מלחמה אָדער גאָרנישט" (1) אַזוי האָט מאַרקס געשריבען אין זיין בלוטיגע צוואה, איינטינקענדיג זיין פען אין בלוט, עס מוז אָבער געהערט ווערען אַ מעכטיגער פּראָטעסט-געשריי:

מענשליך בלוט איז נישט קיין מאַטעריאַל פרוכטבאַר צו מאַכען דעם באָדען, כדי עס זאָלען פעטע טרויבען וואַקסען און אַ גוטער ווין זאָל דערפון אויסגעאַרבייט ווערען.

איהר זאָגט: „מענשליכע שווייס איז נישט קיין שמיר-אייל פאַר די מאַשינען"! — אָבער מענשליך בלוט איז אויך נישט קיין וואַסער ווייך צו מאַכען דעם ליים מיט וועלכין איהר בויט אייערע בנינים און שלעסער!

„אין מבליעין דינרי זהב במלחמה" — זאָגט דערויף די תוספתא (2) וועלכע האָט פאָלגענדין טיפערין זין: עס איז פערבאָטען צו-שלינגען גאָלדענע מטבעות אין אַ קריגס-עפּאכע. „און עס שטראָמט אַ ים פון בלוט, טאָר מען זיך נישט אַראָבלאָזען אין דיזען ים ווי אַ טויכער און קלויבין אויף זיין אָבגרונד די ברילאַנטען אין פּערל" — אַזעלכע עטישע אידעאַלען פּרעדיגט די תוספתא פאַר די קאַפּיטאַליסטען, צו ווייס אויף דער פּראָלעטאַריאַט פון דער עלעמענטאַרער עטיק נישט צו פאַרוואַנדלען די מענשהייט אין אַ ים פון בלוט, אַריבערצופיהרען דורך איהם זיין שיף אויף וועלכער עס פלאַטערט די רויטע פאָהן, צום פאָרט?...

געוויס וועט מען שטעלען אַ פראַגע:

— די קריטיקירסט דאָך גאָר די מעטאָדען אין נישט די אידעע — וויל איך דערויף ענטפערען:

אַחוץ

(1) די געוואַלט — זאגט מאַרקס איז א הויבאם פון יעדער אלטער געזעלשאפט וואס איז שוואנגער מיט א נייער... די וועלט גופא איז א עקאנאמישער פאקטאר...

(2) גיטין פ"ה.

אַ חוץ דעם וואָס איך האַלט פאַר אַנ׳אַקסיאָמע, אַז פון די מעטאָדען ליט וועלכע אַ אידעע ווערט פערווירקליכט אין לעבין קען מען זיך שאַפען אַ בעגריף ווי אַזוי עס זעהט אויס דער „אידעאַל", צו ער פערמאָגט אין זיך עפּעס מאָראַל אין עטיק — איך האַלט אַז עס איז פאַלש און פערברעכעריש צו האַלטען זיך ביי דער מיטעלאַלטערליכער לאָזונג:

דער ציל הייליגט די מיטלען, (3) ווייל „כי חרבך הנפת עלי׳ ותחללה (4) ד״ה אויב די האָסט דיין שווערד געהויבען צו פערשפּרייטען דורך איהר אַ לעהרע, האָסטו דער לעהרע פערשוואַכט — בין איך טאַקי דעריבער אויסען צו קריטיקירען די פערברעכערישע מעטאָדען, ווייל די פליכט פון יעדין עהרליכען מענשין איז צו פראָט[illegible]ירען געגען אַ זעלכע מעטאָדען, (צו דער אידעע וועל איך מיך נאָך אומקעהרין אין די ווייטערע קאַפּיטלען).

און אַ צווייטע פראַגע צו זאַמין מיט אַ שמייכל וועט אויפשווימען:

— צו ביזטו אַזוי נאַאיוו צו זאָגען מוסר די רויטע, אַ שטייגער ווי יענער קאָך-מייסטער אין קרילאָוו׳ס משל, וועלכער האָט געהאַט אַ קאַץ אַ נאַשערין, איינמאָל בעמערקט ער, ווי די קאַץ האָט זיך צו געכאַפּט צו אַ הון אין עסט איהר מיט גרויס אַפּעטיט, שטעלט זיך אַ וועק דער קלוגער קוכער אין האַלט פאַר דער קאַץ אַ וויסענשאַפטליכען פאָרטראַג, אַז עס איז נישט עטיש, עס איז נישט עסטעטיש אַזוי זיך צו בעגעהן מיט אַהון, נו, דערווייל האָט די קאַץ די גאַנצע הון אויפגיגעסין... עס איז דאָך איינפאַך אַ קאָמעדיע די רויטע צו זאָגען מוסר —

אָבער נישט צו מוסרן די באָלשעוויקעס איז מיין ציל, נור אויסצוטענה׳ן זיך מיט יענע טיילין פון יודישען פראָלעטאַריאַט, וועלכע זענען נאָך נישט קיין רויטע יודעלעך, האָבין נאָך נישט קיין רויטע וואַטע אין די אויערן פערשטעקט און קוקען נאָך נישט מיט קיין רויטע ברילען, זיי, וועלכע קוקען נאָך אָביעקטיוו אויף דער זאַך, זיי וויל איך אויפמערקזאַם מאַכען מיט וואָסערער רשעות און ברוטאַליטעט עס האַנדלען די נייע וועלט-פערזאָרגער, און זאָלין זיי פערשטעהן, ווי לעכערליך עס איז אַ אידעע וואָס וויל וואַשען די פלעקען פון דער מענשהייט דורך בלוט...

ב.

דער יודישער ארבייטער און זיין קאַמף.

דער יודישער אַרבייטער האָט פערלאָזט דעם בלומען-גאָרטען פון זיין פאָלק און פערבלאָנדזשעט אין אַ רויטע מדבר, ווי דער גאַנצער באָדען איז בעוואַקסען מיט רויטע דערנער, זיין פיזיגאָמיע איז גלייך פערענדערט געוואָרען, די אויגן זענען

---

(3) נעטשאַעוו שרייבט: פאַרן רעוואָלוציאָנער איז מאָראַליש אַלץ, וואָס עס העלפט מיט דעם טריאומף פון דער רעוואָלוציע. און אַלץ וואָס שטערט איהם, איז נישט-מאָראַליש און פערברעכעריש"...

(4) שמות כ׳.

זענען איהם מיט בלוט פערלאפען. גיך האט ער זיך אויסגעלערענט די רויטע קריגס-סטראטעגיע, איצטער שטעהט ער אין פאכערט מיט זיין שווערד איבער זיין פאלק, אין אידישען הארץ אריין וויל ער די רויטע שווערד אריינזעצען, אין ער גיסט ברען-מאטעריאל אויפ'ן פייער פון די אנטיסעמיטען.

אבער אמשארפסטען איז דער קאמף וואס ער האט אינטערגענומען געגען דער יודישער רעליגיע, געגען יודישען גייסט, און געגען די קוזשניעס וואס שמידן-אויס דעם יודישען גייסט די חדרים, אין קייטען שמידט ער יעדען יודישען מלמד וועלכער לערנט תורה, אין די פינסטערע קאזעמאטען ווערט ער אריינגעשליידערט און רייבט זיך די האנד פאר נחת צוליב'ן נצחון איבער דער יודישער תורה.

אבער ווי קורצזיכטיג איז ער, ווי פערבלענדעט, ער פערגעסט, אז שווארצע וואלקענס קענען נור אויף א קורצע צייט פערשטעלען די זון אבער נישט פערלעשען איהר, די זון בעווייזט זיך שפעטער צוריק אויפ'ן האריזאנט מיט איהר גראנדיעזער ליכטיגקייט, די זון פון יהדות וועט אויסטריקענען די בלאטע פון מאטעריאליזם, (5) דאס וועט זיכער זיין דער פינאל.

פערשיכורט איז ער, דער יודישער ארבייטער, פרייהייט, — רופט ער, פרייהייט — דאס איז זיין קאמפס לאזונג, צו פרייהייט — רייסט ער זיך.

דער יודישער פראלעטאריאט, איז אבער שוין אזוי פערפרעמדעט פון יודישען פאלק, פון זיין געשיכטע, פון זיין עטיק אין פון זיין פאלקס-כאראקטער, אז ער ווייס נישט, אז דאס יודישע פאלק האט קיינמאל נישט אויפגעשטעלט קיין גילאטינעס פארן ארבייטער (6)

ער ווייסט נישט אז קנעכטשאפט אין שקלאפעריי עקזיסטירט כלל נישט ביים יודישען פאלק, וועהרענד דער סאציאליזם גיט די מענשהייט כלל נישט קיין פולקאמע פרייהייט, דער סאציאליזם שטרעבט כלומר'שט צו בעפרייען דעם ארבייטער פון פערשקלאפונג, אבער אין דער אמת'ן מאכט ער דעם מענשען פאר א שקלאף צו דער ארבייט (ברייטער וועגען דעם אין די וייטערע קאפיטלען)— לערנט מען באלד אין חדר, וועלכער איז אזוי פערהאסט ביי די סאציאליסטען, אין ווערט בעצייכינט אלס סימבאל פון פערשקלאפונג, אינם דאזיגען חדר ווערט געלערינט די שענסטע פרייהייטס-אידעען, אין א שטרענגער פערבאט אונטערצודריקן אדער צו עקספלאאטירען דעם ארבייטער.

עס איז אבער קיין וואונדער נישט, וואס דער יודישער פראלעטאריאט איז אזוי וייט אוועק פון זיין פאלק אין קען אפילו נישט דעם פאלקס מהות, דער יודישער ארבייטער איז קלאר אין „קאפיטאל", אין פאליטישע עקאנאמיע, אבער דעם מינדעסטען בעגריף האט ער נישט אין דער געזעצגעבונג פון דער תורה אין תלמוד וועגען ארבייט און ארבייטער.

ווי א פערטריקענט אין פערוועלקט הערבסט-בלעטעל איז ער אבגעריסען געווארען

---

(5) „אך הסכלות לא תחשיך החכמה לעולם"... (חכמת שלמה ז.)

(6) ווי ווייט טויט שטראף איז פערהאסט ביי די חכמי התלמוד בעווייזט פאלגענדער אויסדרוק: סנהדרין ההורגת אחת לשבעים שנה נקראת חובלנית. ר"ט ור"ע אומרים, אלו היינו בסנהדרין לא הי' נהרג אדם מעולם (מכות ט)

געווארען פון יודישען בוים, דורך דעם שטורם-ווינט, ווייל ער האט נישט געזויגען פון זיין בוים קיין נישט געטרינקען פונם תורה קוואהל דערפאר איז אזוי גרויס די טראגעדיע פון יודישען ארבייטער.

ג.

צי איז פארהאן א מיטעל צוצוציהען דעם יודישען סאציאליסט צו זיין פאלק?

דער יודישער סאציאליסט פאהרט צו זיין ציעל אויף א אונטערערדיגער באהן...

און אז מען פרעגט איהם: ברידער, פארוואס לאזטו זיך פיהרען פון אלאקאמאטיוו, וואס שלעפט זיך אין דער ערד אריין, פארוואס הייצטו אונטער אזא געפעהרליכען לאקאמאטיוו, זיין רויך שטיקט דאך דיין פאלק, דערהויב דיך בעסער אויף אנ'אעראפלאן, וואס וועט דיך פיהרען צו דיר אהיים, צו דיין וועלט פון גייסט!

ענטפערט ער קורץ: איך בין אמאטעריאליסטי איך שטרעב נור צו ערדישעס, אין נישט צוהימלישעס, עס ציהט מיך צום „באדען" אין נישט צום „הימעל"...

און צוליב דעם דאזיגען טעם איז ער א פריידענקער, אפראגרעסיסט ומהאי טעמא איז ער מוכן ומזומן זיך מוסר נפש צו זיין פארן 1-שטען מאי... ער איז באדאי גרייט צו טאנצען „מה יפית" צום נישט-יודישען פראלעטאריאט. ועלכער האסט איהם נישט-ווייניגער ווי דעם בורזשיאזען יוד, ער זאל איהם אין דער רייה לאזין אנשליסען בעת דער דעמאנסטראציע.

מלא התפעלות איז ער, אין טאקי אקעלבערנע התפעלות, פאר דער הויכער לאזונג: „פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך". ער זעהט עס דאך בעשיינפערליך, ער פיהלט עס דאך בחוש טאקי אינם 1-שטען מאי, אין דער יום טוב ווערט געפייערט מיטן פייער פון רעוואלווערען און גאטירליך איז דער יודישער ארבייטער ווי תמיד, על כל צרה שלא תבוא, דער בליץ-אבלייטער. דער שעיר לעזאזל.

ער בעקומט טאקי דאמאלס „פרייהייט", כיון שמת אדם נעשה חפשי...

ער ווערט טאקי דאמאלס „פעראייניגט" אבער נישט מיט'ן פראלעטאריאט נאר מיט דער ערד „כי עפר אתה ואל עפר תשוב"...

עס שאפט זיך דאן אזעלטענע הארמאניע פון... זיפצען און קרעכצען פון די צוניזוקטע און פערוונדעטע, נו האט ער נישט אין יענעם „גרויסען טאג" זיין ציעל דערגרייכט?...

די פראלעטאריער פון זעלבען לאנד אפילו פעאייניגען זיך נישט, און דאך, שלא תשתכח תורת 1-שטער מאי, איז מען יאהר-יעהרליך מקריב מענשליכע קרבנות. זייערע נישט-יודישע גענאסען פיהרען זיך אויף פונקט ווי דער פעטער ישמעאל האט

האָט זיך מיט די פערטריבענע יודען, ער האָט זיי גערופען צו זיך מכבד געווען מיט געזעגענונג, און צום סוף געגעבען זיי לאַגלען מיט גאַז...

און דאָך, זעהט איהר דאָך, יצר הרע דומה לזבוב... כאָטש מען יאָגט איהר אַוועק, קומט זי דאָך באַלד צוריק...

גאָר געה טענה זיך אויס מיט די דאָזיגע לייט, איבערציייג זיי מיט לאָגישע אַרגומענטען, אַז זיי זאָגען ווייט פון לאָגיק, פונקט ווי זיי זענען ווייט פון עמיק.

און אַז ווערט געשטעלט די פראַגע: „צו איז פאַרהאַן אַ מאַגנעטישע קראַפט, וואָס זאָל דעם יודישען סאָציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט צוציהען צום יודישען פאָלק", קען מען זעלבסט פערשטענדליך ענטפערן, און מיט דער גאַנצער זיכערקייט: ניין!

אין כאָטש עס איז אין פאָריגען קאַפיטעל אָנגעוויזען געוואָרען, אַז דער יודישער פּראָלעטאַריאַט איז פערפרעמדעט געוואָרען פון זיין פאָלק, מחמת עס איז איהם פרעמד די תורה, איז אַ נער זיכער, אַז אפילו ער וועט זיך בעקענען מיט דער תלמודישער געזעצגעבונג וועגען אַרבייטער, וועט ער אַוועק נישט געראַטעוועט ווערען, ווייל שוין צופיעל אָנגעשטעקט אָנען זיי מיט די שעדליכע באַצילען, מיטן סאָציאַליזם, מיטן קאָמוניזם, עס איז שוין קיין רעטונג נישטאָ, וואָרים די באַצילען האָבען שוין פערניכטעט זייער גייסט (שריפת נשמה וגוף קיים).

עס איז אַפּעסטגעשטעלטער אמת: אז אַ מענש ווערט קראַנק, ווייל ער האָט נישט געוואוסט די פערהיטונגס-לעהרע, צו פערמיידען די קראַנקהייט, העלפט שוין נישט, אין ער דערוואוסט זיך שפעטער די דאָזיגע לעהרע, ווייל עס איז שוין צו-שפעט...

פערפרעמדעט זענען זיי פון יודישען פאָלק, גענצליך פערפרעמדעט, און נישט נור אין רעליגיעזען זין, ווי די שנאה צום יודישען דת שטייגט איבער אַלע גרעניצען און דערגרייכט צו אַבסורדען, נאָר אפילו מאַטעריעליסטישע עקאָנאָמישען היגזיכט, קוים איז די ענטשידונג לטובת דער בורזשואַזיע, מסתמא איז עס שלעכט פאַרן פּראָלעטאַריאַט, אויב דאָס יודישע פאָלק וועט האָבען דערפון אַ טובה, מוזען זייא זיך שוין בעציהען דערצו נעגאַטיוו, ווייל אַזוי לערנט דער פּראָלעטאַרישער „אני מאמין". פונקט ווי יענער קליינשטעדטעלדיגער תקיף, וועלכער האָט שטענדיג געוואָלט אַרויסווייזען, אַז ער איז עס, האָט ער, בעת דער שמש האָט גערופען, אַז מען דאַרף זאָגען „יעלה ויבוא", אַ קלאַפּ-געטהון אין טיש און אויסגערופען: „איך זאָג לא יעלה ולא יבוא" — מיט אַזאַ ענגליכע טאַקטיק בענוצען זיך אונזערע ליבקע.

וועט דאָך אוודאי דער לעזער אויסדריקען זיין פערוואונדערונג און פרעגען: אויב עס איז אַזוי קלאָר, אַז קיין פסיכאָלאָגישע ענדערונגען וועלען שוין ביי די לינקע חברים נישט פאָרקומען, אַז וואַסער קען מעהר פון אַ פעלז אָבמעקען ווי רייד אויף זייערע שטיינערנע הערצער, טאָ צו וואָס האָסטו דאָס דאָזיגע ווערק פערפאַסט, ווייסט דאָך וואויל, אַז דיינע טינט-טראָפּענס וועלען דאָס סאָציאַליסטישע פייער נישט פערלעשען!

דעריבער

דעריבער ערקלער איך: מיין בוך איז נישט פערפאסט געווארען כדי די קראנקע געזינד-צומאכען, נאר אלס פערהיטונגס-לעהרע, אז געזינדעטע זאלען נישט קראנק ווערען, אז דער רעליגיעזער ארבייטער זאל נישט זיין קיין פוסח על שתי הסעיפים, עס זאלען פאר איהם נישט אויפשווימען קיין ספקות, וואס קענען פערורזאכען שלעכטע רעזולטאטען, און דאס קאן לויט מיין מיינונג דערגרייכט ווערען, אין עס וועט פאר איהם קלאר ווערען דאס פראבלעם פון ארבייט און ארבייטער לויט דער תורה און תלמוד.

די ארבייטער קאטעגאריעס.
לויט דער תורה און תלמוד.

לויט דער תורה און תלמוד זענען פארהאן פאלגענדן ארבייטער-קאטעגאריעס.

א „עבד" — אמענש וואס פערדינגט זיך אויף א לענגערע צייט צו טהון פערשידינע ארבייטען, דער עבד טיילט זיך איין אין צוויי קאטעגאריעס, 1) „עבד עברי (א יודישער עבד), און 2) „עבד כנעני" (א נישט-יודישער עבד).

ב „פועל" אדער „שכיר", אנ׳ארבייטער וואס פערדינגט זיך אויפ׳ן טאג.

ג. „קבלן" — א אינטערנעהמער, אזעלכער וואס פערליכטעט זיך אויסצופיהרען א בעשטימטע ארבייט, אונאבהענגיג פון דער צייט.

גאנץ פערשידען זענען די געזעצען פון די אויבענדערמאנטע ארבייטער קאטעגאריעס, און מיר וועלין זיך בעמיהען קלאר צו מאכען די דאזיגע אינטערשידען.

א
די געזעצען פון א עבד עברי.

...וכל המצוות אשר ספרנום בהלכות עבדים, כולם חמלה רחמנות, וחנינה לאביונים
(מורה נבוכים ח״ג פ׳ ל״ט)

און אלע געבאטען, וועלכע מיר האבין ברייט ארימגערעדט אין „הלכות עבדים", זענען הומאניטעט, דערבארמונג און לייטזעליגקייט צו די ארימע און שוואכע,
(רמב״ם)

שקלאפעריי און קנעכטשאפט (און שטרענגען זיך פון אויסדרוק) עקזיסטירט נישט ביים יודישען פאלק, בעפרייענדיג דאס יודישע פאלק וואס איז יאהרען לאנג געווען פערשקלאפט ביי די עגיפטיער, צו ארבייטענדיג די שווערסטע ארבייטען.

ארבײַטען, בחומר ובלבנים, איז געהערט געוואָרען אויף דער וועלט דער קלאַנג פון צובראָכינע שקלאַפען-קייטען, און דער עכאָ פון פרײַהייטס-אידעאַל האָט הויך געקלונגען: א מענש טאר קיין שקלאַף נישט זיין.

דאָס יודישע פאָלק זענען די פיאנערען און אידעען-טרעגער פון דער דאָזיגער הערליכער אידעע, ווײַל באַלד, שטעהענדיג בײַם באַרג סיני האָבין זיי געהערט די שטים פון גאָט:

אנכי ד׳ אלקיך	איך בין דיין אַלמעכטיגער גאָט,
אשר הוצאתיך	וועלכער האָט דיך אַרויסגעצויגען
מארץ מצרים	פון עגיפּטישען לאַנד,
מבית עבדים	פון דעם שקלאַפען-הויז.

דערמיט וואָס יודין זענען א פרײַ אין אונאָבהענגיג פאָלק געוואָרען, זענען זיי פעהיג געוואָרען מקבל צו זיין די תורה, וועלכע ערקלערט, לויט דער תלמודישער קאָמענטירונג.

כי לי בני ישראל עבדים	מיר, זענען די קינדער ישראל, קנעכט,
עבדי הם	מײַנע קנעכט זענען זיי,
ולא עבדים לעבדים 1)	און נישט קיין פערשקלאפטע צו קנעכט

וואָרום קנעכטשאַפט אין שקלאַפערײַ איז נישט נור א צושטערונג פון מאַטעריעלען גליק אין וואוילשטאַנד, נאָר אויך פאַרן גײַסט, פאַר דער רעליגיעזער בעשטימונג 2)

דער ירושלמי 3) ערקלערט עס גאַנץ קלאָר, אז די בעפרײַאונג איז א נויטווענדיגקײַט פאַר׳ן גײַסט, פאַר דער רעליגיע.

פערשקלאַפונג אפילו בלויז צוליב מאַטעריעלען נוצען בעדייט אויך א פערשקלאַפונג פון דער נשמה (כל המשתעבד בהם למטה, מעלין עליו כאילו משתעבד למעלה 4)

מיט וואָס האָט שאול המלך זוכה געווען צו דער מלוכה — דאָס איז געווען דערפאַר — ערקלערען אונז די חז״ל, — ווײַל ער האָט רעספּעקטירט און געהערט זיין קנעכט פונקט ווי זיך אַליין (שאול זכה למלכות, מפני ששקל כבוד עבדו ככבוד עצמו, 5) און דערמיט האָט ער זיך פערדינט, צו זיין א פאָלקס-פיהרער.

שקלאַפערײַ און קנעכטשאַפט, לויט דער יודישער אויפפאַסונג, בערויבט דאָס גײַסטיגע אין מאַטעריעלע פונם מענש, אין דאַדורך איז עס אַזוי שטאַרק געטאַדעלט געוואָרען לויט דער יודישער געזעצגעבונג, אז דער וואָס גנב׳ט אמענש און פערקויפט איהם פאַר א שקלאַף, ווערט פעראורטײַלט צום טויט.

שטרענג

1) ב״ק קט״ז. ב״מ ז׳, קידושין כ״ב.

2) עיין זוהר משפטים, ירושלמי קידושין פ״א ה״ב. פסיקתא מאמר עשרת הדברות, תוספתא ב״ק פ״ז, ובירושלמי ברכות פ״א ה״ב.

3) סוכה פ׳ לולב וערבה

4) ספרא בהר.

5) פסיקתא רבתא. פסקא ט״ו.

שטרענג איז דאָס עגיפּטישע פאָלק בעשטראָפט געוואָרען פאַר פערוואַנדלין מענשען אין שקלאַפען, די פּיראַמידען וועלכע שטעהן נאָך עד היום, זענען לויט דער יודישער אויפפאַסונג מצבות נאָך די עגיפּטיאַנער, וועלכע האָבּין מענשליכע הענד אין אַנ'אויטאָמאַט פערוואַנדעלט, וועלכע האָבּין די שטיינערנע מויער נישט פאַר'ן מענש בעשאַפען, נאָר דעם מענש פאַר דער מויער, דאָס פאָלק, וואָס האָט אויסגעבויעט מויערען אַז קיין שקלאַף זאָל נישט קענין אַנטלויפען און דערביי ווי שרעקליכע פּאַראַזיטן געפּייניגט דעם אומגליקליכען, — אָט דאָס פאָלק האָט זיין פערדינטע שטראָף בעקומען.

דערפאַר ווערט אין דער תורה גאַנץ אָפט דערמאַנט, דאָרט ווי עס ווערט גערעדט מכח דער פערווירקליכונג פון די ערהאַבּעני — און הומאַניטארע תורה-געזעצען: „זאָלסט געדענקען אַז די ביזט אין עגיפּטען אַ קנעכט געווען, און גאָט האָט דיך פון דאָרט בעפרייט דעריבער, זאָלסטו קיין מענש אין אַ קנעכט נישט פערוואַנדלען".

אין כּדי דער יוד זאָל זיך פולקאָם דערווייטערען פון דער קנעכטשאַפט קולטור, איז געגעבען געוואָרען אַ שטרענגער פערבאָט מעהר קיין עגיפּטען זיך נישט צוריק צוקעהרן אין נישט קיין וואונדער די עבדות פּסיכאָלאָגיע איז געווען זעהר שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין די נעכטיגע שקלאַפען.

אָפט האָט דער דור המדבר גערופען „נשובה מצרימה" אין זעהענדיג די בני ענקים אין לאַנד כּנען האָבען די מרגלים זיך אויסגעדריקט ונהי' בעיניהם כּחגבים, מיר האָבען אויסגעזעהן אין זייערע אויגען ווי מוראַשקעס, אין דערפאַר איז גאָטס שטראָף אויף זיי געקומען, נישט זיי נאָר זייערע קינדער זאָלען די פרייהייטס פאָהן אויף די בערג פון ציון אויפהויבען.

יודען זענען אַ פריי פאָלק אין דער פרייהייטס אידעאל דאַרף זיין איינגעוואָרצעלט אין דער יודישער פּסיכאָלאָגיע ווי אַ פלאַם אין אַ קויהל 6) אין אָן שום ספק קען מען פעסט שטעלען אַז שקלאַפערי אין קנעכטשאַפט עקזיסטירט ניט ביים יודישען פאָלק.

דער לעזער וועט געוויס זאָגען, „עס איז ניט מעהר ווי געקינסטעלטע אַפּאָלאָגיע"...

אָבער ווייט פון אמת, וואָרים צו עקזיסטירט דען ניט לויט די יודישע געזעצען קיין עבדות?

ווייל ס'איז שוין ביי די מאַסען אַ אַקסיאָמע אַז קנעכטשאַפט עקזיסטירט ביים יודישען פאָלק, זאָגאַר די וועלכע ווילען פאַרענטפערען „די משפטי התורה געפינען נור פאָלגענדען ענטפער" אַז באמת קנעכטשאַפט איז אַ מולדת חוץ גענומען פון די אַנדערע פעלקער. נור צוליב דעם וואָס דער מאַטריעלער ווירטשאַפטליכער עקאָנאָמישער לעבען האָט זיך ניט געקענט ענטוויקלען רעגולער ביים יודישען פאָלק אין יענע עפּאָכע, אָן קנעכטשאַפט האָט עס די תורה געדילדעט אין איבער געלאָזט דאָס ביים יודישען פאָלק...

דער

6) כשלהבת קשורה בגחלת שאדון יחיד ואין לו שני, (ספר יצירה). מי שמוכר עצמו לעבד עובר על לא יהיה לך אלהים אחרים (ירושלמי קידושין פ"א ה"ב).

דער דאָזיגער ענטפער ענטשפּרעכט אַבסאָליט ניט דעם תּורה גייסט, וואָרום די תּורה וועלכע באַשטימט אַלס אַלגעמיינעם שטריך, דאָס אידעאל פון הומאניטעט אין מענשען פריינדשאַפט (ווי הלל הזקן האָט עס בעצייכענט מה דעלך סני לחברך לא תעביד) וועט נישט איבער לאָזען ביים יודישען פאָלק אַזאַ געזעץ וואָס איז געגען דער עטיק נאָר בלויז צוליבען מאָטיוו וויל ביי אַנדערע פעלקער עקזיסטירט אַזעלכעס אין די מענשהייט איז צוגעוויינט דערצו!

— דער ווירטשאַפטליכער לעבען, וועט צוליב די לעבענס-בעדינגונגען, זיך ניט ענטוויקלען אָן קנעכט..

דאָס איז אַבסאָליט קיין מאָטיוו ניט, וואָרים די תּורה איז איבער די צייט אָרט אין בעדינגונג, דער דעוויז פון תּורה פאָלק, איז צו צופּאַסען די לעבענס בעדינגונגען צו דער תּורה. אין ניט די תּורה צו די לעבענסבעדינגונגען, די תּורה האָט עקזיסטירט אַ סאַך צייטען פאַר דער וועלט באַשאַפינג ערקלעהרין אונז די חכמים ז״ל, דאָס בעדייט אַז די געטליכע תּורה האָט נישט פעסט געשטעלט געוויסע מצוות אין פּרינציפּען, לויט די פּרינציפּען פון פרעמדע פעלקער, (וויל די דאָזיגע פּרינציפּען האָט ג–ט פעסט געשטעלט איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען אין פעלקער האָבען עקזיסטירט).

די וועלט האָט בעקומען אַ השפּעה פון די תּורה שטראַהלען אָבער נישט די תּורה פון דער וועלט...

7) עס ווילען אַ טייל חוקרים ערקלערן קורץ „עס איז געוועזען ביי די מענשהייט פון יענע עפּאָכע אַ צווייטע נאַטאָר די קנעכטשאַפט". אמת, אָבער די תּורה האָט ערציהונגס אויפגאַבע צו דערציהן דעם מענש אין איר גייסט אַז ער זאָל זיינע אינסטינקטען אין ליידענשאַפטען צאַהמען דורך דער תּורה.

אָבער איידער מיר חילען פאַרענטפערען די תּורה געזעצען מוזען מיר פריהער פאָרשען בעטראַכטען אין ערקלערען וואָס הייסט עס ווירקליך אַזוינס קנעכט?

„קנעכטשאַפט" הייסט, אין דורך פערשקלאַפונג ווערט דערשטיקט די פרייהייט פון אַ מענשליכען יחיד אָדער אַ מענשליכען צבור אין עס ווערט פערטוישט דורך דעם דער קאָנטראַסט צווישען מענש אין בהמה.

אַגעוויסער גריכישער פיליסאָף האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז „קנעכט זענען ווי בהמות", וויל אַזוי ווי בהמות האָבין די שקלאַפען (אין יענע שקלאַפען-עפּאָכעס) געאַרבייט שווער אין ביטער, אויסגעפיהרט די שווערסטע אין ביטערע אַרבייט, וועלכע אַ צעוויליזירטער מענש קען זיך קוים פאָרשטעלען 8)

דער

---

8) ובספר יצירה כתב: תמורת חיים — מות, תמורת שלום —, תמורת חכמה, — אולת, תמורת עושר — עוני, תמורת חן — כיעור. תמורת זרע — שממה, תמורת ממשלה — עבדות, כולל עבדות לסמל הרע הכי גדול, וכוונתו לעבדות שהיתה בין האומות וכמו שבארתי בפנים. ואין להאריך.

דער שקלאַף איז בעטראַכט געוואָרען ווי אַ בהמה, וועלכע איז בעשאַפען געוואָרען, נור צוליב דעם מענשענס נוצען, אָן און פאַר זיך האָט דער קנעכט נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ, בערעכטיגונג, ער האָט עקזיסטירט נאָר צוליב זיין אַרבייט אין פּראָדוקטיוויטעט, דער קנעכט אָדער שקלאַף אַז ביי זיין בעזיצער בעטראַכט געוואָרען ווי אַנאַטירליכע ערשיינונג, איבער באָדען, וועלכער גיט איהם תבואה, ווי דער בוים וועלכער גיט איהם פּירות, ווי די בהמה, וואָס גיט איהם מילך, אַזוי איז אויך דער שקלאַף בעשאַפען געוואָרען אַלס אַרבייטס קראַפט, וואָס גיט איהם זיסע פרוכטען אין פערגרינגערט איהם דאָס לעבען.

דער שקלאַף ווערט בעטראַכט אַלס ווערקצייג, וועלכעס איז נוצליך. ווען עס איז גאַנץ, דאַגעגען ווען עס ווערט צו בראָכען, ווערט עס אַוועקגעשליידערט ווי אַ אינבנוצליכע זאַך. אַזוי איז דערקנעכט אויף דער עלטער ווען ער האָט שוין נישט געטויגט צו דער פיזישער אַרבייט, ווען ער פלעגט שוין פאַלן אינטער דער שווערער לאַסט, — אַוועקגעשליידט אין אַרויס געטריבען געוואָרען פון זיין טיראַנישען הערר, פאַר וועלכען ער האט אַ גאַנץ לעבין געהאָרוועט. 9)

עס איז אונז אויך בעקאַנט פון דער היסטאָריע, אַז זאָגאַר קאָטאָן דער עלטערער, וועלכער האָט געשמט אין רוים מיט זיין „טוגענד" און באַרימהאַרציגקייט, אויב ער פלעגט זיינע קנעכט פערקויפען, ווי נור זיי זענען אַלט געוואָרען..

שוצלאָז איז געוועזן דער שקלאַף, שטענדיג איז ער געוועזן אויסגעשטעלט אויפ'ן חסד פון זיין האַר. עס האָט יעדע מינוט גיקענט פּאַסירען, אַז ער זאָל פערבערגט ווערען אויף אַ שייטערהויפען צוליב עפּעס אַנאַרשען קאַפּריז — אַזעלכע פאַלען זענען נישט געוועזן קיין זעלטענהייט אין אַלטערטום.

די לאַנדווירטשאַפטליכע זענען געשטעמפּעלט געוואָרען מיט דער חתימה פון זייער האַר מיט אַ אָנגעגליט אייזען.

בכלל איז שטרענג געוועזן דער דיסציפּלין פון די שקלאַפען, ווען עמיצער האָט געפּרובט צו אַנטלויפען אָדער אויסבעהאַלטען זיך פאַר אַ וואָסערע אַרבייט, האָט מען אויסגעפיהרט איבער איהם אַ טויט-אורטייל דורך קרייציגען.

ביטער איז געוועזן די לאַגע פון דעם פיזיש-קרעפטיגען שקלאַף, פון זיי האָט מען אויסגעבילדעט די גלאַדי טאַרין-מחנות, וועלכע האָבין בעדאָרפען ווייזען דעם טיראַן מיט זייערע טויט-געפעכטען אויף דער אָרענע.

אינטערסאַנט איז די בעמערקונג פון מאַרקס אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אַז קנעכטשאַפט איז ענטשטאַנען אין אַ מעהר צוויליזירטער צייט, ווען מען האָט שוין די קריגס-געפאַנגענע נישט געטויט, נאָר עס זענען געשאַפען געוואָרען די שקלאַפען-מחנות. אין דער מיט לאָזט זיך ערקלערין יענע פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, פאַרוואָס די טיראַניע איבער די קנעכט איז געוועזן אַזוי

---

9) פּרודאָן אין זיין ווערק „וואָס איז אייגענטום", רופט אָן שקלאַפעריי אין קנעכטשאַפט „די אַרבייט פון די מאַשינען"...

אזוי ברוטאל אין שרעקליך, ווייל דער קנעכט איז דאך סיי-ווי בעטראכט געוואָרען פאר א גברא-קטילא, וועלכער לעבט אין עקזיסטירט נאר א דאנק דעם חסד פון זיין האר אין עקספלואטאטאר.

ווי שוין בעמערקט איז עס זעהר מערקווירדיג, וואס זאגאר אריסטא-טעלעס האט בעטראכט די שקלאפעריי ווי א נאטירליכע זאך.

אזא פאראזיטישע-פסיכאלאגיע האבין אויך געהאט די בעקאנטע „סבי דבי אתונא” (די פיליזאפען פון אטען) איינטיילענדיג דאס פערמעגען אין צוויי: אין טויטע ווערקצייג און אין לעבעדיגע ווערקצייג (שקלאפין)

צו איז דאמאלס בכלל גיפרעדיגט געווארען פרייהייט?

געוויס, האבען דען נישט די דאמאלסטיגע פילאזאפען פלאטאן אין אריסטאטלעס, האבין זיי דען נישט פערפאסט ריזען-ווערק וועגען די דאזיגע הויכע פראבלעמען? אבער פאר וועמין, — פאר די חשובע לייט, אבער נישט פאר די שקלאפען, וועלכע דארפען נישט אין טארען נישט געניסען פון פרייהייט, ווי די בהמה.

אויף אזא שטייגער פיהרען זיך אויף די אנטיסעמיטען אין דער היינטיגער צייט. אליין פרעדיגען זיי מכח „דעמאקראטיע” „קולטור” אין „ציוויליזאציע”, גרינדען זאגאר חברות „צער בעלי חיים”, די בהמה נישט צו פייניגען, אבער דעם יוד מיינט מען נישט דערמיט... (און זעהר ראקאקטעריסטיש איז די שילדערונג פון מאקסים גארקי ווי פאגראמטשיקעס שעכטן אויס א גאנצע יודישע פאמיליע אין זייערע הערצער צוגעהט פון רחמנות אויפן פויגעלע אין דער שטייג, וואס וועט נעביך אויסגעהן פאר הונגער ווייל עס וועט נישט זיין ווער עס זאל עס שפייזען...)

דערפון איז צוזעהן, אז שקלאפעריי אין פערקנעכטונג איז אין יענע צייטען געווען די בלוטיגע אינקוויזיציע איבער דעם ארעמען אין שוואכען, וועלכער האט נישט געהאט קיין רעכט, ווייל ער האט נישט גיהאט קיין מאכט...

אין נאך שרעקליכער ווערט די דאזיגע אונקוויזיציע, ווען מען נעהמט אין בעטראכט, אז דער אומגליקליכער האט געמוזט פאר זיך אליין די גילאטינע אויסארבייטען אין האט איהם געצווינגען די טייוועל, מכשירים, דורך וועלכער ער איז אומגעקומען אליין אויסצופערטיגען, ער האט געמוזט גראבען דעם קבר, אין וועלכען מען האט איהם נאך דער עקזעקוציע אריינגעשליידערט.

א טייל געלעהרטע בעהויפטען אז דער שקלאפף גופא איז שולדיג געווען אין זיין טרויעריגען שיקזאל, „דער בעדריקער אין טיראן וואלט קיין וואלף נישט געווען, אין דער אונטערדריקטער וואלט קיין שעפעלע נישט זיין”. 10).

אבער דאס איז נישט אין גאנצען רוכטיג, מיר זעהן אין דער פראקטיק אז זאגאר אזעלכע, וואס זענען געווען, לייכטער ווי דער אדלער, אין שטארקער ווי דער לייב” אין דאך... קומט דער טרויעריגער פארשקלאפונגס. פעריאד איבער זיי. עס העלפט נישט וואס די דאזיגע העלדען זענען זיך מוסר נפש פאר זייערע פרייהייטס

10) ווילאם שעקספיר אין זיין „יוליוס צעזאר”.

פרייהייטס-אין אַלעם, דער קייטען-קלאַנג פערטויבט דעם פרייהייטס זיפץ... דאָס איז די לעהרע "פון רוים אין אַטען, אָבער גאַנץ אַנדערש איז די לעהרע פון ירושלים.

נישט בלויז וואָס אין דער יודישער זעצגעבונג אין קיין שפור נישט פאַרהאַן פון דעם אַלעם, נישט בלויז, וואָס עס איז נישטאָ קיין איין ריגעלע אין דער דערמאַהנטער שקלאַפען-קייט, האָט די תורה אויך פריוויליגירט דעם אַרבייטער.

אַז עס עקזיסטירט נישט ביים יודישען פאָלק קיין שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט בעווייזען קלאָר די פאָלגענדע ציטאַטען:

וכי ימיך אחיך	ווען דיין פעראָרימטער ברודער
ונמכר לך	וועט זיך צו דיר פערקויפען
לא תעבוד בו	זאָלסטו נישט אַרבייטען מיט איהם
עבודת עבד	די אַרבייט פון אַ שקלאַף.
כשכיר כתושב	ווי אַ אָנגעשטעלטער, ווי אַ בירגער
יהי' עמך	זאָל ער זיין מיט דיר
עד שנת היובל	ביזן יובל-יאהר
יעבוד עמך	זאָל ער אַרבייטען מיט דיר,
ויצא מעמך,	דאַן זאָל ער בעפרייט ווערין פון דיר
הוא ובניו עמו	ער אין זיינע קינדער צו זאַמען מיט איהם
וישב אל משפחתו	ער זאָל זיך צוריק קעהרין צו זיין פאַמיליע
ואל אחוזת אבותיו	צום האָבין פון זיינע עלטערין
ישוב	זאָל ער זיך צוריק קעהרען
כי עבדי הם	זיי זענען מיינע דינער
אשר הוצאתי אותם	ווייל איך האָב זיי בעפרייט
מארץ מצרים	פון לאַנד עגיפטען
לא ימכרו	זאָלען זיי נישט פערקויפט ווערען
ממכרת עבד	אַ פערקויפונג פון אַ שקלאַף!
לא תרדה בו בפרך	טאָרסט מיט איהם נישט שווער אַרבייטען
ויראת מאלקיך	זאָלסט מורא האָבין פאַר דיין גאָט.
ובאחיכם בני ישראל	מיט אייערע ברידער יודין
איש באחיו	איינער מיט'ן אַנדערען
לא תרדה בו בפרך 11)	זאָלסט נישט שווער אַרבייטען.

שווערע אַרבייט — ערקלערט דער ספרא — ווערט אָנגערופען פאָלגענדע אַרבייטען:

1) אַנ'אַרבייט אין וועלכער ער נויטיגט זיך כלל נישט, ער צווינגט איהם דער צו, בלויז כדי צו ווייזען אַז ער איז אַ האַר! (ער טאָר נישט בעפעהלין

11) תורה...

געפעהלען אנצוואַרימען דעם כּוס, אָבער אָבקיהלען דעם כּוס אין דער צייט ווען דער בעל הבית נויטיגט זיך נישט דערין).

2) אַרבײַטען אָהן אַ בּאַשטימטע צײַט, (צ. ב. ש. גראָב מיר אינטער דעם ווײַנשטאָק ביז איך וועל צוריק קומען, דאָ ווערט דאָך די אַרבײַטס-צײַט נישט בעשטימט, — דאָס ווערט אָנגערופען שווערע אַרבייט. ווײַל עס ליגט אין דער נאַטור פון אַ מענש צו פיהלען זיך פערשקלאַפּט, בעת ער אַרבײַט אָהן אַ טערמין אין ער ווײַסט נישט ווי לאַנג ער וועט אַרבײַטען, כאָטש דער אַרבײַטס געבער איז דאָ כּלל נישט אויסען קײַן שלעכטס אין האָט נישט בדעה צו אַרבײַטען מיט זײַן אַרבײַטער „אַ טאָג מיט אַ נאַכט״, פערקעהרט גאָר, ער האָט בדעה גלײַך צוריקצוקומען, דאָך אָבער מוז ער זאָגען זײַן אַרבײַטער דעם טערמין פון זײַן צוריק קומען. 12)

און כּדי דער אַרבײַטס-געבער זאָל נישט זאָגען דעם אַרבײַטער „איך דאַרף טאַקי די דאָזיגע אַרבײַט״, אין דער צײַט ווען ער נויטיגט זיך נישט דערין — זאָגט די תּורה — „זאָלסט פורכטען פאַר דײַן גאָט״. אין גאָט ווײַסט דאָך אַז די דאַרפסט באמת נישט די דאָזיגע אַרבײַט אין דערפאַר וועסטו שטרענג בעשטראָפט ווערין 13) .

בכדי עס זאָל נישט אויסקוקען פאַר איבעריג, דאָס וואָס די תּורה האָט געשטעלט אַ לאו. אַז מען טאָר נישט אַרבײַטען מיט זײַן אַרבײַטער אַזאַ אַרבײַט אין וועלכער ער נויטיגט זיך נישט דאַרף מען זיך בעקענען מיט דער פּסיכאָלאָגיע פון די פעלקער אין די פערהעלטנישען וואָס האָבין געהערשט אין אַלטערטום.

אין יענע פינסטערע צײַטען האָט מען זיך ערוואָרבען קנעכט נישט בלויז צוליב אַרבײַט, גאָר כּדי צו עררײַכען דער מיט דעם שטאָלץ אין דעם בעוואוסט זײַן, אַז מענשין זענען מיר אינטערגעוואָרפען אין אַז דער בײַזער ווילען קען מאַכין פון זײַן קנעכט אַ שפּרינגפּיבער, וועלכע ציהט זיך אײַן און ציהט זיך אויס לויטען ווילען פון אײַגענטימער.

צו פּראָדוקטיווע אַרבייט — בעווײַזט „די פּאָליטישע עקאָנאָמיע״ — פלעגען זיך צו דעספּאָטען בענוצען גראָד מיט אײַנפאַכע אַרבײַטער, „ווייל די פּראָדוקטיוויטעט פינם קנעכט איז געווען זעהער וועניג״...

דאָס דאָזיגע אילוסטירט פאַר אונז די דערמאָנטע בעהויפּטונג, אַז קנעכטשאַפט איז געווען אַזאַ לוקסוס, ווי אַ יאגד איבער מענשין, עס איז געווען אַ מין פערווײַלונג צו פּייניגען מענשען אין דערבײַ לאַכין מיט אַ טייוואָלאַניש געלעכטער.

דעריבער

12) כל עבד עברי אסור לעבוד בו בפרך. ואיזה היא עבודת פרך — זהו עבודה שאין לה קצבה ועבודה שאין צריך לה ולא תהיה מחשבתו להעבידו בלבד שלא יבטל, מכאן אמרו חכמים שלא יאמר לו עדור תחת הגפן עד שאבוא שהרי לא נתן לו קצבה, אלא יאמר לו עד שנה פלונית, עד מקום פלוני (רמב״ם הלכות עבדים)

13) ספרא בהר

דעריבער עקלערט אונז די תורה, אז ביים יודישען פאלק עקזיסטירט נישט קיין קנעכטשאפט, „די טארסט נישט ארבייטען מיט איהם אנ׳ארבייט וואס געהער צו א שקלאף, בכדי צו ווייזען דיין הערשאפט, מעגסט פערלאנגען פון איהם ארבייט, אבער נאר פראדוקטיווע ארבייט, אבער פערקנעכטען איהם טארסטו נישט דער פאר טארסטו נישט פאדערין פון עבד עברי, ער זאל דיך נאכשפאצירען אין גאס, מעשה פריץ, (צו ווייזען דערמיט דיין חשיבות, דיין „איך״, אדער דיר נאכטראגען די קליידער אין מרחץ אריין, אדער ווי עס איז דער מנהג געווען אין יענע צייטען. אז מען האט מיטגעפיהרט מיט זיך א קליין קישעלע, כדי צו זעצען זיך, ווען מען פיהלט א מידקייט, טאר מען נישט פאדערין פון עבד עברי ער זאל איהם נאכטראגען דאס קישעלע 14), אדער אויסטהון די שיך, וואשען די פיס, שמירען דעם קערפער 15), טראגען איהם אויף א בעט׳אדער א שטהול, אינטערהאלטען די לענדין פאר בעקוועמליכקייט 16) דאס אלץ איז דער סימבאל פון ספעציפישער קנעכטשאפט אין דערפאר איז עס לויט דער תורה־געזעצגעבונג שטרענג פערבאטען.

כדאי צו בעמערקען, אז כאטש לויטען תלמודישען געזעץ איז קיין אינטערשיד נישטא צווישען א מאן אין א פרוי (אלא השוה הכתוב אשה לאיש בכל עונשין שבתורה), דארף מען דאך קיין ספעציעלען דרש נישט האבען. אז א פרוי איז אויך פערליכטעט צו אלעם וואס איז געזאגט ווענען דער בעציהונג צום עבד עברי. דאך אבער, ווייל די פרוי איז מעהער אויפינדליך אויף בעדינונג, און זיי פייניגען מעהר זייערע קנעכט מיט זייערע קאפריזען, זאגט דער ספרא, אז פון פסוק איז געדרינגען, אז אויך א פרוי טאר נישט ארבייטען מיט איהר ארבייטער קיין שווערע ארבייט. 17)

צו קען מען נאך סתם רעדין און בעהויפטען, אז עס עקזיסטירט קנעכטשאפט ביי יודין?

מיינער אפרייגד א געוויסער תלמוד חכם, זעהענדיג מיינע ווערטער, האט מיך מיט א שמייכעל אפרעג געטהון: צו ווערסטו נאך ברענגען ציטאטען?

— יא — האב איך איהם געענטפערט!

— צו וואס נוצט עס אבער — האט ער ווידער געפרעגט — געוועהנליך, אז עס איז פערבאטען ארבייט פון א קנעכט, איז ער במילא קיין קנעכט נישט, ווי די האסט עס פאפולער ערקלערט, אז וואס הייסט עס קנעכטישע ארבייט?

דערויף האב איך איהם געענטפערט, ביזט גערעכט, מיין פריינד אבער נאר טעארעטיש, מען דערצעהלט, אז דער דייטשער קייזער פרידריך איז א מאל געקומען אין א שטאדט אריין, געוועהנליך איז דער מנהג, אז לכבוד דעם

קיניג

---

14) ספרא בהר. ועיין בספר יראים ובזרע אברהם.
15) מסכת עבדים פ״ב.
16) מכילתא משפטים, ועיין בסמ״ג עשין. הלכות עבדים, ועיין בזוהר הרקיע, ומותאם לבאור החנוך. וכן פי׳ הרמב״ם ז״ל.
17) ספרא שם. אשה באיש מנין — ת״ל איש באחיו מכל מקום

קעניג גיבען די זעלנער פון ציטאַדעל אַ זאַלפּ מיט האַרמאַטען, און דאָ האָט זיך געטראָפען, אַז די זעלנער האָבין נישט אויסגעשאָסען, האָט זיך דער בירגערמייסטער פון שטעדטעל ענטשולדיגט מיט פאָלגענדע ווערטער.

— אַדוני המלך, זאָלסט נישט בייז זיין פערוואָס מיר האָבען קיין האַרמאַטען-זאַלפּ נישט געגעבען. ראשית זענען דאָ קיין האַרמאַטען נישטאָ!... והשנית... דאָ האָט איהם דער קייזער איבערגעריסען, וואָס דאַרפסטו נאָך אַ מאָטיוו, גענוג דער ערשטער מאָטיוו. אַז עס זענען קיין האַרמאַטען נישטאָ קען מען דאָך ממילא נישט שיסען?...

יאָ, אָהן אַרבייט פון אַ קנעכט קען מען קיין קנעכט נישט זיין, געוויס, נור אין דער פּראַקטיק דאַרף מען אויפווייזען, נישט נור אַז ער איז קיין קנעכט נישט, נאָר אַז ער איז זאָגאַר פּריוויליגירט, און נאָך אַמאָטיוו, אין דער צייט ווען אונזערע לינקע קעמפען מיט אַמבול פון ציטאַטען פון די קאַסמאָפּאָליטישע גאונים, יעדער עם הארץ איז מבער די „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" עפ"י נוסח אַשכנז, ועפ"י נוסח צרפת, בעשמאָלצען מיט ציטאַטען פון מאַרקס'ן אין לאַסאַל'ן, דאַרפען מיר, וואָס מעהר פעריל פונאַנדערקלויבען פון ים התלמוד, יתבררו ויתלבנו הדברים!

איך האָב שוין ערקלערט, אַז די תורה פערבאָט צו פערקויפען דעם עבד עברי אַ פערקויפונג פון אַ קנעכט, וואָס הייסט עס „פערקויפונג פון אַ קנעכט"? — עס ווערט ערקלערט אין פאָלגענדען: לויט דער יורידישער געזעץ-געבונג פון דער תורה, ווען עמיצער גנב'ט, ווערט ער נישט בעשטראָפט מיט אַרעסט אָדער פייניגונג (די תורה-געזעצען זענען נישט קיין אַקטען פון נקמה) נאָר דער גנב מוז בעצאָהלען דעם געליטענעם צווייפאַך זיין שאָדען.

ווען אָבער דער גנב האָט נישט קיין געלד צו בעצאָהלען? דאָ ערקלערט אונז דער תורה-געזעץ, אַז דאָס יודישע געריכט (בית דין) פערדינגט דעם דאָזיגען גנב אַלס אַרבייטער (עבד עברי) אין דאָס געלד וואָס מען בעקומט דערפאַר גיט מען אָב דעם געליטענעם.

אין כדי מען זאָל נישט מיינען אַז דאָס פערדינגען אַן'עבד עברי קומט פאָר אויף אַן'עפענטליכען פּלאַץ, אויף אַ אַרבייטער בירזשע, וואו עס פלעגט פאַרצייטענס פאָרקומען דער שקלאַפען-האַנדעל — ערקלערט אונז די תורה, די טאָרסט איהם נישט פערקויפען, אַ פערקויפונג פון אַ קנעכט, נאָר ווי אַ געוועהנליכער אַרבייטער. 18)

דער עבד עברי איז קיין קנעכט נישט, אַזוי ערקלערט די מכילתא — די זאָלסט איהם נישט אָנרופען מיטן שפּאָט איין קנעכט, ווייל ער איז גלייך מיט דיר 19) זאָלסט זיך נישט אויפפיהרען מיט איהם ווי מיט אַ קנעכט, ווייל ער איז דיין ברודער, פּאָלקאָם גלייך מיט דיר 20) דאָס יודישע געריכט טאָר נישט פרקויפען

18) ספרא בהר.
19) מכילתא משפטים.
20) ספרא בהר.

פערקויפען דעם דאָזיגען גנב צו אַנישט יוד. ווייל דער לעצטער וועט איהם פערשקלאַפען, נאָר צו אַ יוד, וועלכער וועט זיך בעציהען צו איהם ברידערליך און יודישליך 21).

בעזונדער איז כדי זיך אָבצושטעלין אין אָבשאַצען ווי ווייט די יודישע דינסט (אמה העבריה) איז ווייט געווען פון קנעכטישע אַרבייט.

דער תנא דבי אליהו ברענגט פאָלגענדען דין: מען טאָר נישט זאָגען צו דער יודישער דינסט נאַ-דיר געלד און קויף מיר גרינוואַרג אין גאַס 22), ד. ה. אַ פון דער דינסט קאָן מען נאָר פאָדערען שטוב-אַרבייט, אָבער נישט אַזאַ אַרבייט וואָס האָט אַ שייכות מיט דער גאַס, מיט אַזאַ מערקווירדיגע פריוויליגיע האָט די יודישע דינסט.

און די יודישע פראָלעטאַרישע פערזאָרגער האָבין זיך גענומין דעם מוט משנה השם צו זיין און אָנרופען די דינסט מיט'ן נאָמען „שטוב-פערוואַלטערין”, כאָטש זיי האָבין קיין רעכט נישט דערצו אָבער לויט דער יודישער געזעצגעבונג קען מען איהר ווירקליך אָנרופען עקרת הבית, נישט שפחה נור גבירה, ווייל אויב דער בעל הבית טאָר איהר אפילו נישט שיקען קויפען גרינוואַרג אין גאַס, איז זי אַבסאָלוט נישט קיין דינסט.

ווי פיעל עטיק און הומאַניטעט צום אָרימאַן אין שוואַכען געפינען זיך אין די דאָזיגע רייד!

כ'ווייס נישט פערוואָס מען כאַפט זיך גראָד אָן אין גרינוואַרג נאָר וועמינס נשמה עס איז נישט פערמגושמ'ט, קען מען זעהן אין די דאָזיגע ווערטער די שפּאַצירענגען פון אַ גרינעם פריהלינג, ער קען זעהן דעם חודש האביב פון חרות, און בעקומין אַ בעגריף פון די יודישע תורה-געזעצען בנוגע דעם אַרבייטער.

כדי דער האַר זאָל נישט מיינען, אַז די יודישע דינסט איז זיין אייגענטום, קומט דער תורה-פערבאָט, אַז צו אַ פרעמדען טאָר ער איהר נישט פערקויפען, ווייל ער האָט איהר פעררעטען 23).

די תורה-געזעצען האָבין אַ גאַנץ אַנדערער בעשטימונג פאַר דער יודישער דינסט. די תורה בעפעהלט, אַז עס איז אַ פליכט אויפן האַר צו נעהמען איהר פאַר אַ ווייב, כדי זי זאָל זיך נישט פיהלען אַלס דינסט 24).

און כאָטש עס זענען פאַרהאַן פאַר'ן האַר צוויי רעליגעזער פליכטען, נעמליך, א) צו בעפרייען איהר דורך „גרעון כסף” (זעה ווייטער), און ב) צו נעהמען איהר אַלס פרוי דאָך איז מעהר מצוה צו נעהמין איהר אַלס פרוי ווי איהר צו בעפרייען 25), עס פערשטעהט זיך אַז דאָס איז נישט קיין צוואַנג, אין די

21) ספרא בהר.
22) תד"א פ' כ"ג ועייש"ה באר' בזה הקרא לא תצא כצאת עבדים דלא תצא לשוק, והענין נפלא. ועיין בדעת זקנים בעלי התוספות בפ' משפטים.
23) שמות כא.
24) שם.
25) מכילתא משפטים. בכורות י"ג.

די מצוה פון יעוד געהט נור אהן ווען זי איז מסכים דערצו, און נישט געגען איהר ווילען 26).

ווי ווייט די תורה האט געזארגט פאר דער יודישער דינסט בעווייזט פאלגענדער דין, כאטש לויט די תלמודישע געזעצגעבונג איז אין אישות לקטן, (א מינדער-יעהריגער, ווענינער פון 13 יאהר, קען נישט מקדש זיין א פרוי) דאך ערקלערט דער ירושלמי, אז ער קען די אמה העבריה געבען פאר א פרוי זיין קליינעם זוהן 27).

דער פאטער קען איהר פערדינגען נור צו אזעלכען, וועלכער מעג איהר נעהמען פאר א פרוי, דאגעגען צו א קרוב, וועלכער קען נישט הייראטען מיט איהר, קען ער איהר נישט פערדינגען 28).

דאס בעווייזט אז דער ארבייטער אדער די ארבייטערין זענען גאר נישט געווען מענשין פון דער צווייטער מדרגה נאר פולקאם גלייך אויף אין יחוס... און וויל דער מענשליכער עגאיזם קען נישט פערטראגען אזא בעציהונג צו א דינסט, עצה'ט די חז"ל לגמרי קיין דינסט נישט צו קויפען. 29)

עס איז געווען אזא מין סעקטע — שרייבט דער גרויסער גאון אין וואונדערליכער רעליגיעזער דיכטער רבי נחמן מברסלב ז"ל — וועלכער האט געזאגט, אז דער וואס פערמאגט פיעל געלד — איז א גאט, דער וואס א ביסעל געלד, נאר איז נישט אזוי רייך — איז א מענש, און דער וואס האט גאר נישט קיין געלד, און איז ארים, דער איז א בהמה, און זיי פלעגען ברענגען קרבנות פון די בהמות (ד. ה. פון די ארומע) צו זייערע אפגעטער (ד. ה. צו די רייכע) ביז וואנען עס איז געקומען דער „בעל תפילה" און האט געזאגט, אז דער עיקר איז צו דינען גאט, און ער האט צווישען זיי אזא פראפאגאנדע געפיהרט ביז... זיי האבין אנגעהויבען צו פערעקלען דאס געלד און צו פעראטען עס, און עס איז פערוויקליכט געווארען דער גרויסער נבואישער אידעאל „ביום ההוא ישליך איש את אלילי כספו ואת אלילי זהבו" 30).

עס איז געווען אזא סעקטע! — דאס זענען דאך די רוימער, און די גריכען און אנדערע פעלקער ווי איך האב שוין דייטליך אנגעוויזען, „ביז עס איז געקומען דער „בעל תפילה" — דאס יודישע פאלק און האט פראקלאמירט, אז דער יחוס פון א מענש איז ניט לויט זיין רייכטום אין געלד, נאר לויט זיין וויסען, די מטבע איז נישט קיין אייזערנע וואנט, וועלכער זאל איינטיילין מענשין אין קאטעגאריעס, און אמבולטסטען זעהט מען עס אין דער מצוה פון יעוד...

מיר

---

26) קידושין יט.

27) ירושלמי קידושין פ"א, **ונדפס** ממני כבר בהירחון „דגל התורה" ד"ח בענין זה, וכתבתי **מזה** בספרי „תורה מציון" על ירושלמי קידושין.

28) קידושין י"ח. עייש"ה בסוגיא.

29) כל בית שיש לו אמה העבריה מריבה ביניהם ואינו מוצא קורת רוח בעולם, לכך נאמר וכי ירובין אנשים, ואומר וכי ימכור איש, וכי מה ענין זה אצל זה — אלא ללמדך. כל בית שיש בו אמה העבריה מריבה ביניהם ואינו מוצא קורת רוח בעולם. לכך נאמר וכי ירובין אנשים, (תנדב"א פ' כ"ב)

30) ספורי מעשיות מהר"ן מברסלב ז"ל סיפור „דבעל תפלה".

מיר וועלין זיך אומקעהרען צום עבד עברי און זיך בעמיהען צו בעווייזען, ווי ווייט ער איז פרייהייט פון עקספּלואַטאַציע און פון נישט־אָנגענעהמע אַרבּייטען.

דאָס דאָזיגע אילוסטרירען פאָלגענדע געזעצען:

אַזוי ווי געדינגענער טאָג־אַרבּייטער, אַרבּייט נור בּיי טאָג און נישט בּיינאַכט, אַזוי אויך אַ עבד עברי, אַרבּייט נור בּיי טאָג און נישט בּיי נאַכט 31).

ווען אַ יודישער אַרבּייטער (עבד עברי) אָדער אַרבּייטערין (אמה העבריה) איז קוואַליפיצירט אין אַ בּעשטימטען פאַך טאָר מען איהם נישט געבּען אַ אַנדערע אַרבּייט וועלכע ער קען נישט, ווייל דאָס הייסט שווערע אַרבּייט, אַ פערשקלאַפונג 32).

אויב דער עבד איז אַ פאַכמאַן, איז פערבּאָטען אַז דער בּעל הבּית זאָל איהם הייסען טהון די דאָזיגע אַרבּייט אויך פאַר אַ צווייטען. נור דער אַרבּייטס־געבּער אַליין מעג זיך בּענוצען מיט זיין אַרבּייט און נישט פערקנעכטען איהם צו אַ רבּים.

און ר׳ יוסי זאָגט נאָך מעהר, אויב ער קען נישט דאָס פאַך, טאָר דער אַרבּייטס־געבּער איהם דאָס פאַך נישט אויסלערנען, כדי שפּעטער צו קענען זיך בּעניצען מיט דער אַרבּייט 34).

פּונקט ווי עס איז שטרענג פערבּאָטען עמיצען צו נאַרען, אַזוי איז אויך פערבּאָטען דעם אַרבּייטס־געבּער זיין עבד צו נאַרין 35).

אַזוי ווי אַ טאָג־אַרבּייטער אַרבּייט נאָר זיין ספּעציאַליטעט, אַזוי אַרבּייט אויך דער עבד עברי זיין ספּעציאַליטעט 36).

ער מעג פערלאַנגען פון עבד עברי נאָר אַ איידעלע אַרבּייט און נישט קיין בּזיון׳דיגע אַרבּייט 37.

ער טאָר נישט בּענוצען דעם עבד עברי צו ערד אַרבּייט, ווייל דאָס געהט נישט אַריין אין די ראַהמען פון זיינע פליכטען, אין געגענטייל מוז ער איהם ספּיציעל בּעצאָהלען דערפאַר און טאַקי אינם זעלבּען טאָג, אויב נישט איז ער עובר אויפ׳ן לאו פון לא תלין פעולת שכיר 38).

בּיז איצט האָבּין מיר ערקלערט דעם צד השלילי פון עבד עברי (די

31) מכילתא משפטים.
32) ירושלמי ב״מ פ״א הלכה ד׳.
33) מסכת עבדים פ״ב, ספרא בהר מכילתא משפטים.
34) ספרא בהר וכביאור הקרבן אהרן, ועי׳ מכילתא משפטים.
35) ספרא בהר.
36) מכילתא משפטים.
37) מכילתא משפטים.
38) ספרא בהר, וכ״כ הסמ״ג דעבודת קרקע אין מחויבין, וכן יראה עפ״י רש״י על התורה.

אַרבייטען וועלכע מען מעג אויף איהם אַרויפלעגען אָדער מען טאָר נישט אַרויפלייגען, וואָס איז אָבער ביי איהם דער צד החיובי. און וואָס זענען די ספּיציעלע פליכטען פון זיין אַרבייטס-געבער?

איך וועל דעריבער זיך בעמיהען צו עָרקלערין פון וועלכער פּריווילעגיעס דער עבד עברי געניסט, דאָס קען מען זעהן פון די ווייטערדיגע ציטאַטען.

דער וואָס דינגט אַ עבד עברי — זאָגט דער תלמוד איז פערפליכטעט צו שפּייזען נישט נאָר איהם אַליין, נאָר אויך זיין פרוי און קינדער. 39) די שפּייזונג ווערט נישט אַריינגערעכינט אין׳ אַרבייטס-לוין, און כאָטש עָר גיט צו עָסען דאָס ווייב און קינדער פון זיין עבד, קען ער פון זיי קיין אַרבייט נישט פערלאַנגען 40).

היות אָבער ווי „עָסען״ צו „עסען״ איז נישט גלייך, זאָל ער נישט מיינען דער אַרבייטס-געבער, אַז ער איז יוצא מיט געמיינע שפּייזען — קומט דער געטליכער בעפעהל „כי טוב לו עמך״ — דער עבד דאַרף זיין פולקאָם גלייך מיט זיין אַרבייטער און עסען די זעלבע שפּייז. די טאָרסט נישט עסען ווייס ברויט און דעם עבד געבען צו עסען שוואַרץ ברויט, די טאָרסט נישט טרינקען אַלטין וויין און דער עבד פרישען וויין 41).

דערפון איז צו זעהן, אַז נישט נור אין די עסענוואַרג פון ערשטען געברויך, נאָר אַפילו לוקסוס-זאַכען (ווי וויין) מוז ער זיין פולקאָם גלייך מיט׳ן אַרבייטס-געבער.

אין איצט וועגען שלאָפען: זאָלסט נישט מיינען, אַז ער איז יוצא ווען ער לאָזט שלאָפען זיין עבד אויף אַ שטרוי זאַק, אָדער אין אַנדערע שלעכטע בעדינגונגען — זאָגט דערויף דער תלמוד — די טאָרסט נישט שלאָפען אויף פעדערען און ער, דער עבד עברי, זאָל שלאָפען אויף שטרוי 42).

און נאָך אַ מערקווירדיגע פּריווילעגיע האָט דער עבד עברי:

אויב דער אַרבייטס געבער פערמאָגט נישט מעהר ווי איין קישען, מוז ער עם אוועק געבין צו זיין אַרבייטער. דער עבד עברי זאָל שלאָפען אויפ׳ן קישען און דער האַר אויף דער האַרטער באַנק 43).

צו האָט מאַרקס אָדער קאַוטסקי גאָר געטרוימט פון אַזאַ מערקווירדיגע פּריווילעגיע?

עס איז אָבער פאַרהאַן „אַ וואונונגס, פראַגע, וועלכע איז דורך די פּראָלעטאַרישע פיהרער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ספּעציעלען פּראָבלעם, ווארום

39) קידושין כ׳, מכילתא משפטים,
40) מכילתא דרשג״י והובא ברמב״ן ז״ל משפטים.
41) קידושין ב׳ ספרא בהר.
42) שם
43) תוס׳ קידושין כ׳ ירושלמי.

וואָרום דער פּראָלעטאַריער ליגט פערשטיקט אין אָרימסטען קוואַרטאַל, וואו עס עס איז קיין לופט נישטא און דאָס פעראורזאַכט די פיעל קראַנקהייטען, ווי אַזוי האָט אָבער דער תלמוד געזאָרגט פאַר דער וואוינונגס פראַגע?

די טאָרסט נישט וואוינען אין דאָרף און דיין אַרבייטער אין שטאָדט — זאָגט בפירוש דער ספרא — דער אַרבייטס-געבער זאָל געניסען פון פרישע לופט אין דער אַרבייטער זאָל פערגיסען שווייס אינטער דער ברענענדיגער זון, דאָרט ווי די געפינסט זיך מוזטו אויך דיין עבד עברי מיטנעהמען.

און אין ווינטער. ווען די בעדינגונגען אין שטאָדט זענען בעסער ווי אין דאָרף — זאָגט ווייטער דער ספרא — „די טאָרסט נישט וואוינען אין שטאָדט אין דער אַרבייטער — אין דאָרף 44).

פיעל איז אויך שוין געשריבען געוואָראן וועגן דעם בעקליידונגס-פּראָבלעם, דער אַרבייטער, נישט האָבענדיג די מעגלעכקייט צו קויפען א געהעריגען מלבוש, טראָגט שטענדיג אָבגעריסענע קליידער — דער תלמוד בעוואָרינט דאָמיט דעם אַרבייטער. „גלייך מיט דיר זאָל דער אַרבייטער טראָגען א זויבער קלייד, די זעלבע קליידער וואָס די טראָגסט, דאַרף אויך דער אַרבייטער טראָגען" 45).

דורך די ליכטיגע שטראַהלען פון דער תורה-ליכט פאַלט אַוועק דער פינסטערער פּראָטעסט פון קאַוטסקי. דער פּראָלעטאַריאַט — צאָרענט קאַוטסקי — עסט נישט ביים טיש פון קאַפּיטאַליסט, אין וואוינט נישט מיט איהם צוזאַמען... מעג דער פּראָלעטאַריער וואוינען אין דער ערגסטער חורבה, מעג ער עסען די שלעכסטע שפּייזען, וועלכע מען גיסט אַרויס, מעג אַפילו גאָר נישט עסען. מעג ער הינגערין...

לויט די תורה-געזעצען, וואָס מיר האָבין דאָ דערמאַנט, איז עס פּונקט קאַפּויר, פערקערט גאָר, דער אַרבייטער איז גאָר פּראָוויליגירט און אָט ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס:

ווער עם דינגט א יודישען ארבייטער דינגט פאַר זיך א האר 46).

אויך בנוגע דער אויסדרוק „עבד" דאַרף מען קיין גרויסער פילאָלאָג נישט זיין צו בעגרייפען, אַז עס האָט נישט די בעדייטונג פון קנעכטשאַפט אין שקלאַפעריי. עבד שטאַמט פון וואָרט עבודה, — אַלזאָ אַרבייט — אַרבייטער, אין קנעכטשאַפט עקזיסטירט כלל נישט ביי יודין!

---

44) ספרא בהר.
45) ספרא שם
46) קידושין כ'

ד.

די בעפרייאונג פון עבד עברי.

ווי מיר האָבין שוין אָנגעוויזען עקזיסטירט נישט קיין קנעכטשאפט לויט די תורה-געזעצע. עס זענען אָבער פאַרהאַן 3 סאָרטען אַרבייטער:

א) אַ אַרבייטער אָהן אַ דיסציפלין, אַ שטייגער ווי אַ אינטערנעהמער, א קבלן.

ב) אַ אַרבייטער מיט אַ געוויסען דיסציפלין, אַ טאָג-אַרבייטער. א שכיר.

ג) אַ אַרבייטער מיט אַ גרעסערען דיסציפלין — דאָס איז אַ עבד עברי.

צו דער לעצטער קאַטעגאָריע קען אַ מענש נישט שטענדיג געהערען, ווייל עס איז נישטאָ קיין שווערע זאַך — ערקלערט דער אבן עזרא, ווי צו זיין אינטערטעניג אינטער אַ צווייטען 1), דעריבער מוז דער עבד עברי בעקומען זיין פרייהייט נאָך אַ געוויסער צייט.

און אַז די ווערסט דינגען אַ יודישען אַרבייטער — זעקס יאָהר זאָל ער אַרבייטען, און אויפ'ן זיבטען יאָהר זאָל ער אַרויס פריי, אומזיסט 2), אַפילו ווען ער האָט איהם געקאָסט די גרעסטע סומע, דאָך מיז ער דעם אַרבייטער בעפרייען אינם זיבטען יאָהר, ער דאַרף איהם קיין שום צייגניש נישט געבען אויף דער בעפרייאונג, ווייל די בעפרייאונג איז אַ נאַטירליכע 3), זאָגאַר ווען דער אַרבייטער איז קראַנק געווען דריי יאָהר אין געאַרבייט די אַנדערע דריי יאָהר, בעקומט ער די פילע בעלוינונג פון זעקס יאָהר אַרבייט אין ווערט בעפרייט אויטאָמאַטיש אויפ'ן זעגסטין יאָהר 4). אַפילו ווען דער אַרבייטס-געבער האָט אויסגעגעבין פיעל געלד אויף רפואות, קען ער פון איהם נישט פאָדערען קיין קוראַציע געלד, ער מוז איהם זאָפאָרט בעפרייען אויפ'ן זיבטען יאָהר 5), ער ווערט בעפרייט אויפ'ן זיבטען יאָהר, אַפילו ער איז קראַנק געווען גאַנצע 6 יאָהר, (כאָטש אין אַזאַ פאַל קומט איהם נישט קיין בעלוינונג 6).

דאָס דאָזיגע ווערט אָנגערופען „יוצא בשש".

ער ווערט אויך בעפרייט דורך יובל, ווי עס ערקלערט פאָלגענדער תורה-געזעץ.

---

1) אבן עזרא משפטים. שפינאזא אין זיין „טראקטאט בענוצט זיך מיט'ן דאזיגען אויסדרוק, עס איז אבער אַפּלאַגיאַט ווארום דער מקור דערפון איז אין אבן עזרא.

2) תורה. וכתב בעל „התמונה" (ספר בחכמת הקבלה) אלו ז' שנים הם במקום ז' ספירות... והדרש שלהם הוא סוד נעלם וגנוז מאותו שקנה אדון לעצמו... שהוא הנרצע שלא יזכה השם. כי יצא מתחת רשות של השכינה. נגנז תחת רשות של בני אדם והוא גולה תמיד עד סוף כל השמיטות וביובל יוצא דכתיב והגישו אדוניו אל אלקים ועבדו לעולם, כגון זה הדרך לנשים המקטרות, שהיו מקטרות למלאכת השמים... הכוכבים והמזלות ולכל צבא השמים, ובשבת לד' לבדו י"ל שאע"פ שיצאו הם מרשות השם כל שבת וכל שבוע לד' ליסוד שהיא שבת הגדול ושם ינוחו כל הנפשות, וביום ההוא אין עבד עולם, אלא כולם לשם ד' לבדו דכתיב ובשביעית יצא לחפשי חנם ואז כולם עבדים לד', דכתיב כי לי בנ"י עבדים, עבדי הם ועוד, כי לי כל הארץ. (תמונה).

3) מכילתא משפטים. 4) קידושין י"ז. 5) סמ"ג. 6) דרך פקודך. והנה שביעית למכירה ולא שביעית לשמיטה וכמוזכר בערוכין י"ח ועיין במכילתא משפטים, וכן מפורש בירושלמי קידושין (פ"א ה"ב) ומה"ט תמוהין ד' היראים שכתב דעבד עברי יוצא בשמיטה, וזה סותר כל הני דאמרן ועיין עוד בספרא בהר מפורש להדיא „זו מציאה עבודה ואין השביעית מוציאה עבדים" ואכמ"ל.

געזעץ אין איהר זאָלט הייליגען דאָס פינפציגסטע יאָהר, און איהר זאָלט רופען פרייהייט אין לאַנד צו אַלע איהרע בירגער, יעדער זאָל זיך צוריק קעהרין צו זיין באָדען, צו זיין פאַמיליע 7).

זאָגאַר ווען ער האָט זיך פערדינגען איין יאָהר פאַר יובל (אין גענומען די פולע סומע פאַר זעקס'ן, ווערט ער דורך יובל בעפרייט, ווייל דער יובל איז אַ פרייהייטס-יאָהר פאַר'ן יודישען אַרבייטער, די דאָזיגע פרייהייט איז סיגנאַליזירט געוואָרען דורך דעם קול שופר.

נישט דורך די מאַרסעלעזיע-קלאַנגען פון אָרקעסטער, ווערט דער אַרבייטער בעפרייט, אָבער דורך דעם קול השופר איז דער יודישער אַרבייטער בעפרייט געוואָרען, דער שופר איז דער סימבאַל צו זעלבסט אָפערונג (אילו של יצחק) אָבער וואָס סימבאַליזירט די מאַרסעלעזיע? — אָה טרויעריגער געדאַנקען דערוועקט דאָס דאָזיגע פרייהייטס-ליד, וואָס רופט צו נקמה, צו קאַמף מיט טעראָר געגען טעראָר.

אַ טרויער-מאַרש איז עס, וואָס האָט שוין טויזענדער בעגלייט צום קבר.

עס איז דער קלאַנג פון אַ וואולקאַן, וואָס זיינע לאַוועס פערניכטען שטעדט אין דערפער.

אָט דאָס איז די „מאַרסעלעזיע"...

אָבער דער קול שופר וועלכער האָט דעם יודישען אַרבייטער בעפרייט איז אַ אַנדערער געווען, אָהן שום קרבנות אין בלוט-פערגיסונגען איז די פרייהייט פון יודישען פראָלעטאַריאַט דערגרייכט געוואָרען.

דער איינפאַכער קול פון קול השופר האָט געשאַפען אַ האַרמאָניע פון פריינדשאַפט אין ברידערליכקייט, ווייל געהערט האָט ער זיך אינם טאָג פון יום כיפור, ווען די הערצער זענען נאָהנט, ווען עס הערשט נישט קיין האַרמאָניע, ווען עס ווערט געשאַפען די גייסטיגע פעראייניגונג, דאַמאָלס איז פערוויקלעכט געוואָרען דער נביאיש-פאַציפיסטישער אידעאַל:

„און זיי וועלין זייערע שווערדען אין אַקער'ס פערוואַנדלען.
אין די שפיזען אין טרויבען-שניידערס".

אַזוי אַרום איז דערגרייכט געוואָרען די עמאַנדיפאַציע, אָהן אַ טראָפען בלוט...

און אַזוי איז פאָרגעקומען די בעפרייאונג פון יודישען אַרבייטער דורך יובל:

איהר זאָלט אויסרופען אַ שופר שאַלונג אין זיבטען חודש, צעהן טאָג אין חודש, אום יום כיפור זאָלט איהר שאַלין מיט'ן שופר אין גאַנצען לאַנד 8).

ר' יוחנן בן ברוקא זאָגט: ראש השנה האָט דער אַרבייטער נאָך געוואָרפען די אַרבייט אָבער ער האָט נאָך נישט פערלאָזט דאָס הויז פון זיין אַרבייטס-געבער, פלעגט ער זיך אַרום דרעהענדיג לעדיג, עסען אין טרינקען פרעהען זיך, אין מיט קרוינען האָבין זיי בעצירט זייערע קעפ ביז עס איז געקומען יום כפור

7) תורה ויקרא. 8) שם.

כפור אין עס האָט זיך דער הערט דער קול שופר, דאַן זענען זיי אַוועק צו זיך אַהיים 9), ר' יהודה זאָגט עס איז יובל כאָטש עס איז קיין שמטת כספים ניט געווען (וועגען דעם וועלין מיר רעדין באריכות אי"ה אין אונזער טייל פריוואַט איינענטום). און כאָטש עס האָט זיך קיין שופר שאַלונג ניט געהערט אָבער אויב מען האָט דעם אַרבייטער ניט בעפרייט איז עס גאָר קיין יובל נישט אין עס איז פערהאַן אַ מאדוס לויט וועלכען דער „עבד עברי" קען זיך צו יעדער צייט בעפרייען דאס איז „גרעון כסף".

ער מאַכט פאָלגענדען חשבון צ. ב. ש. ער האָט געדינגען דעם עבד עברי אויף 6 יאָהר פאַר 600 גילדען. אין באַלד בעצאָהלט די גאַנצע סומע, דער אַרבייטער האָט אָבגעאַרבייט 3 יאָהר צייט, אין וויל זיך בעפרייען צוריק צאָהלענדיג די 300 גילדען, קען דער אַרבייטס געבער נישט טעהנען דער עיקר האָב איך געהאָפט אויף די אַנדערע 3 יאָהר, ווען ביזט שוין צוגעוואוינט צו דער אַרבייט, אין איצטער ווען די ווילסט אַוועק געהן מוזטו היזק האָבען ווייל די האָסט מיר שאָדען געמאכט, דאָס איז גאָר קיין טענה נישט אין ער מוז אים זאָפאָרט בעפרייען ער באַרעכינט זיך מיט אים אַז יעדער יאָהר מאַכט אויס 100 גילדען אין אַזוי ווי ער האָט געאַרבייט 3 יאָהר קומט אום אַלזאָ זיין אַרבייטס לוין די 300 גילדען, דאָס איבריגע געלד גיט ער צוריק דעם אַרבייטס געבער.

דאָס ווערט גערעכינט פאַר אַ מצות עשה. ווייל די תורה ערקלערט ביי אמה עבריה ו„הפדה" 10).

אין אַ אָמה עבריה כדי יודישע דינסטן ווערט בעפרייט (אויסער די אויבענדערמאַהנטע פרייהייטען) אויף דורך סימני נערות ד. ה. ווען זי ווערט אַלט 12 יאָהר מיט אַ טאָג (אין האָט שוין פיזיאָלאָגישע סימנים, וועלכע בעדייטען איהר רייפקייט).

ענטוועדער דער אַרבייטס געבער שטאַרבט געהט זי ניט איבער בירושה צו זיינע קינדער 11).

אויף אויב זי האָט חתונה געהאַט ווערט זי דאַדורך בעפרייט 12) לויט איין מיינונג אין תלמוד, אויב איר פאָטער איז געשטאָרבען ניט האָבענדיג שוין מעהר וועד ס'זאָל אַכטונג געבין אויף איר אַז זי זאָל ניט שווער אַרבייטען, ווערט זי צוליב דעם בעפרייט 13).

זאָגאַר ביי אַ עבד-עברי געפינט זיך אַ מיינונג אין ירושלמי אַז ער ווערט בעפרייט געגצלעך. ווען דער האַר זיינער איז געשטאָרבען זאָגאַר ער האָט איבערגעלאָזט אַ זוהן 14).

אין ביי „א אָמה עבריה" צווינגט דער בית דין (דאָס יודישע געריכט)
דעם

9) תורת כהנים בהר. 10) קידושין י"ד יעיין דעת זקנים בעלי התוס' ובריב"א עה"ת ובספר החנוך. 11) קידושין י"ד שם.

12) ירושלמי קידושין (פ"א ה"ב). 13) כן ס"ל לר"ל בקידושין ט"ז ודע דאף דבבלי פליג עכ"ז בירושלמי בקידושין ט"ל לר' פדא כן דאמה עבריה יוצאת במיתת האב ואכמ"ל.

14) ירושלמי קידושין פ"ז (ה"ב).

דעם פאטער אז ער זאל איר בעפרייען פון ארבייטס געבער! [15].

ווייל ס'איז דער תורה אידעאל אז דער מענשליך וועזען זאל האבין זיין פרייהייט וועלכע איז פון גאט געגעבין געווארען!

אין טאקי צוליב דעם אויב דער ארבייטער האט בעקומען א אונטערטעניקייטס פסיכאלאגיע פונקט ווי א פויגעלע וועלכע ווערט צוגעוואוינט צו די קליאטקע, אין ערקלערט „איך האב ליב מיין הער“... איך וויל ניט בעפרייט ווערען...

האט אים די תורה בעשטראפט דורך רציעת אוזן („בויערען דאס אויער“) אלס מאטיוו גיט אן דער תלמוד פאלגענדעס „דאס אויער האט געהערט אויפ'ן בארג סיני צו מיר זענען יודין דינער! זיי זענען מיינע דינער! ניט קיין קנעכט צו קיין קנעכט! אויב אבער ער האט ווידערשפרוכט דעם ג—טליכען קול וואס ער האט געהערט בעדארף ער בעקומען זיין פערדינטע שטראף אין אויער“, מערקווירדיג איז די אויפאסינג פון רלב"ג וועגען פרייהייט, וועלכער זאגט „פרייהייט איז אנויטווענדיקייט ניט נור אין די צוקונפט ווען ער האט שוין די פרייהייט ערהייכט, נור אויך די געגענווארט זי איז אליכטיגער בליצען שיין אין יעדען פינסטערען מאמענט ווען ער ווייסט פון זיין פרעהליכען פרעספעקטיוו“ [16].

ניט נור דער ארבייטער ווערט בעשטראפט ווען ער וויל ניט בעפרייט ווערען נור אויך דער ארבייטס געבער אין די עפאכע פון ירמיהו הנביא האט דאס פאלק ניט געוואלט פראקטיצירען די פרייהייטס אידעאלען פון דער תורה בנוגע זייערע ארבייטער, אין זיי זענען דערפאר שטארק בעשטראפט געווארען מיט'ן גאנצען חומר הדין [17], דער ירושלמי דריקט זיך אויס לא נענשו ישראל אלא על פרשת שלוח עבדים [18] ד. ה. אז די יודען זענען ניט געשטראפט געווארען אין יענע עפאכע נור דערפאר ווייל זיי האבין זייערע ארבייטער ניט בעפרייט!

ווי אזוי בעדארף זיין די פרייהייט פון עבר עברי?

דער מענש איז פון זיין נאטור שטארק עגאיסטיש אין אינדיווידיאליסטיש (לגרמיה עביד) זאגאר דאס וואס ער טהוט פאר'ן כלל מיינט ער אויך זיין „איך“... צוליב כבוד רוהם, אויך דער „פרייהייטס קעמפער“ וועלכער קריצט אויס אויף זיין פאהן די ווערטער „עמאנסיפאציע“ אין נאך שעהנע פראזען מיינט אויך זיין קאריערע זיך צו בעפרייען פון די ענגע ד' אמות איהם צו ערווארבען הערָאסטראטישע בעריהמטקייט...

ס'איז שווער צו געפינען א אידעאליסט ביי דעם וועלכער איז ניט דורך געלויכטען מיט די תורה שטראהלען פון „ואהבת לרעך כמוך“...

איבע.

---

15) קידושין י"ח. 16) רלב"ג בספרו הגדול על התורה. 17) ירמיהו ל"ד. 18) ירושלמי ראש השנה פ"ג הלכה ה'.

איבער דעם דאָזיגען מאָטיוו מאַכען אויפמערקזאַם די חכמי המדרש ווי אַזוי עס דאַרף זיין די אַרבייטער בעפרייאונג לויט די תורה עטיק, אויב די האָסס זוכה געווען צו ערפילען דעם הומאַניטאָרען געבאָט פון שליח הקן וועסטו אויך ערדייכען צו בעפרייען דעם אַרבייטער! 1).

עס בעדייט פאָלגענדעס, די פרייהייט וואָס ער גיט דעם „עבד עברי" דאַרף זיין אַ אידעאַליסטישע, דער בעפרייער זאָל ניט מיינען צו צוהען דערפון רענאָמע פּראָפיט דער אַרבייטער זאָל ניט ווערען יעצט קיין שקלאַף צו זינגען איהם שטענדיג שבחים, אין מורא האָבען פאַר אים. ניין! דאָס איז ניט קיין בעפרייאונג נור אַקרוין פאַר דיר!...

נור פון וואָס בעדאַרפסטו זיך לערנען צו בעגרייפען דעם זין פון די פרייהייט? לערן דיך פון ג—טליכען געבאָט פון „שלוח הקן", פונקט ווי ער בעפרייט די מוטער פון די פויגעלעך מיינט ער ניט זיין עגאיזים, נור אַלס הומאַניטעטס-טעהאַט, שיקט איר אַוועק דאָס איז דער סימבאָל פון רחמנות פון טיפען האַרצען צו יעדער ג—טליך באַשעפעניש 2). וואָס פאַר אַ קאַריערע קען ער דאָ אויסען זיין?.

אַזוי אויך די בעפרייאונג פון אַרבייטער זאָל זיין אָן פניות אין טענדענצען, נור צוליבן פרייהייטס אידעאַל פון דער תורה!.

אַ פריהלינגס פרייהייט, זאָלסטו געבען דעם אַרבייטער — שרייבט דער האר"י ז"ל — אין זיין לקוטי תורה 3).

ד. ה. אַז קיין שום עגאיסטישע וואָלקענס זאָלען איר ניט פאַרשטעלען!

דער פרייהייטס בעגריף לויט'ן תלמוד.

געה ניט צו מיט קיין מגושמדיגע השגות צום פרייהייטס בעגריף פון דער תורה, מיין ניט אַז ער איז גלייך צו אַנדערע פרייהייטס טעאָריעס...

מאַך ניט קיין ערוב פרשיות, וואָרום ס'איז אַריעזעגער קאָנטראַסט צווישען זיי, וועהרענד ביי אַנדערע „פעלקער הייסט פרייהייט", בעפרייאונג פון קערפער אין פערשקלאַפונג פון גייסט, דער מענש וועט דורך די פרייהייט אַ שקלאַף צו זיינע נידריגע אינסטינקטען אין לײדענשאַפטען דאָס האַרץ געוועלטיקט איבער אים ניט, ער איבער דאָס האַרץ... וואָס איז דער עפילאָג פון פרייהייטס טרוים?... אויב די האָסט נור אַעלעמענטאַרען בעגריף אין די היסטאָריע דאַרפסט עס וויסען... קענסט עס רעזימירען אין פאָלגענדע ווערטער, ווען די שקלאַף קייט ווערט פון אַ קעלעקטיוו צו פון אַ אינדיווידואים אָב געלאָזט הויבען זיי אָן צו

---

1) מדרש רבה תצא. 2) דבריהם עפי"ד הרמב"ם בספרו מורה נבוכים בענין שלוח הקן ועיין מס' מגילה והדברים ארוכים בענין „יש טעם למצות" ואכמ"ל.

3) „לקוטי תורה" משפטים.

צו דערפילען א ריח פון בלוט עס הויבט זיך אָן א שדים טאַנץ איבער חורבות וועלכע זענען איינגעפאַלען אין עס געפינען זיך שוין דאָרטען מענשליכע סקלעטען... — צוליבן נקמה געפיהל... ד. ה. פרייהייט פון קערפער אָבער ניט פון גייסט! הייסט אָבער פרייהייט לויט דער תורה, בעפרייאונג פון די נשמה ווי פון קערפער „אין דער וועלכע הערט צו זיינע ליידענשאַפטען פון כעס איז ער גלייך צו א געצען דינער" 1). דאָס גוטס אין דיינע אויגען האָב איך געטאָהן, עס בעדייט ער האָט סומך געווען גאולה צו תפלה 2). ער האָט בעגריפען אַז פרייהייט איז האַרמאָניש פערבינדען מיט'ן רעליגיעזען אידעאַל פון תפלה וועלכע איז אַ עבודה שבלב (צו געוועלטיקען איבער דאָס הארץ) אַז פרייהייט הייסט פערווירקליכען די תורה אידעאַלען וועלכע באַגרענעצען דעם מענש אַז ער זאָל ניט געפאַנגען ווערען פון זיין נאַטירליכען אינסטינקט ווי יעדער ווענען.

דער תורה ציל איז צו געבען פרייהייט די נשמה. עס זאָגען עס גאַנץ קלאָר די פאָלגענדע מאמרים.

„חרות על הלוחות אל תקרי חרות אלא חרות"! 3).

„כל מקום ש״ש משיח, יש ארון ותורה, וכל מקום שאין משיח אין ארון ותורה" 4).

ד. ה. אַז די תורה האָט דעם משיח אידעאַל (פון פרייהייט) צו בעפרייען דעם מענש פון זיינע נאַטירליכע אייגענשאַפטען, צו מאַכען דעם מענש פאַר אַגייסטיגען העלד וועלכער קען איבער זיינע געפיהלען געוועלטיקען 5).

אין ס'איז גלייך צו 2 צטעצקעס איינע פון פייער, די צווייטע פון שניי, געהט ער אין די פון פייער ווערט ער פאַרברענט, געהט ער אין די פון שניי ווערט ער פאַרקויפט וואָס זאָל ער טאָהן? זאָל ער געהן אין מיטען 6).

עס איז פערהאַן „אנירוואַנא" וועלכע לערנט אַז דער מענש זאָל ניט האָבין קיין שום פערלאַנגען געפיהלען אין געדאַנקען אַז דער מענש בעדאַרף אָב טויטען אַלע געפיהלען אין זיך, אין שטרעבען צום אַבסאַלוטען נישט זיין.

דאָס איז דער וועג פון פייער פון פערניכטונג דער מענש טאָר אין דעם וועג, ניט געהן! ווארום עס דערקלערט די תורה ובחרת בחיים!.

אין ס'איז פערהאַן אַוועג פון שניי, וועלכער הייסט דעם מענש מעהר טרינקען פון די וועלט צו שטילען די ליידענשאַפטע ווי ס'איז געווען די לעהרע פון אַנאַקרעאן א. א.

דער מענש טאָר אויף דעם וועג ניט געהן, עס איז דער וועג פון אַ בהמה.

דער

1) ירושלמי נדרים פ"ט הלכה א'. 2) ברכות י' יעיין שם פני יהושע ובס' תולדות יצחק על חכמת הקבלה. 3) ערובין נ"ד. 4) מדרש תדשא. 5) די זאגסט מיר איך בין פריי — שרייבט ניטשע. אבער צוליב וואס ביזטו פריי ברודער מיינער?... פוסטע פרייהייט איז גאר קיין פרייהייט ניט אויך סאנטיאנא פרעגט „וואס וועט ארויס קומען דעם מענשען „ווען ער וועט בעפרייען די וועלט אויב זיין נשמה איז ניט פריי? דער אמת'ער אינהאלט פון רעליגיאן — זאגט העגעל — דאס איז דער געפיהל פון אבסאליטער פרייהייט".

6) ירושלמי חגיגה פ"ב תוספתא חגיגה פ"ב.

„דער מענש בעדארף געהן אין מיטען" ער דארף געהן אין די וועגען פון דער תורה, וועלכע ערלויבען דעם מענש צו געניסען פון די וועלט אדער באגרענעצט „אסר לן תחומין" — זאגט נעמי צו רות — ווען דער לעצטער וויל ווערין א יודין, 8) עס בעדייט אז לויט די תורה געזעצען זענען פערהאן גרענעצען ביז מען מעג יא, און פון ווען מען טאר ניט, און די דאזיגע גרענעצין זענען אנויטווענדיגקייט פאר'ן מענש פונקט ווי די גרענעצען געגען פייער און וואסער, און נור דורך די תורה גרענעצען עררייכט דער מענש צום לעבען!. „עץ חיים היא למחזיקים בה"!.

אט אזוי בעדארף מען פארשטעהן פרייהייט לויט דער תורה.

* *
*

מערקווירדיג איז אויך ווי דאס יודישע פאלק פייערט דעם זמן „חרותנו" פון פסח, אויף א ארגינעלען אופ'ן, איינגאנצען אנדערש ווי ביי די אנדערע פעלקער, וועהרענד ביי די לעצטע, ווערט אין „היסטארישען פרייהייטס טאג" איינגעארדענט „א מיליטערישע דעמאנסטראציע" מען שלעפט ארויס די הארמאטען מען מאכט א אויסשטעלינג פון טייוויל מאשינען, עס הערט זיך א זאלפ פון הארמאטען, נאכהער קנאלט דער ארקעסטער דעם נאציאנאלען הימן עס ווערען געהאלטען רעדעס וועגען קעמפען ביז'ן „לעצטען טראפען בלוט".

פייערט אבער דאס יודישע פאלק זיין פרייהייטס יו"ט, אין א איינגעארטיקען פארעם, ער זעצט זיך צום סדר מיט רעליגיעזער עקסטאז. דאנקט גאט פאר די פרייהייט, עסט מרור אלס סימבאל פון שקלאפעריי, און מצה אלס סימבאל פון פרייהייט. און ביים צווייטען האלבין סדר איז שוין דער יוד אין א משיח עקסטאז, ער טראכט שוין וועגען די העכסטע צוקונפט פון די מענשהייט, אט אזוי פארשטעהט דאס יודישע פאלק דעם היסטארישען פרייהייטס מאמענט צו פעראייביקען! עס איז אמענוגענדע אילוסטראציע צו זעהן דאדורך דעם בעגריף פון יודישען פאלק וועגען פרייהייט, וואָרום דער פארעם פון די „פייערונגער" זענען א פרוביר שטיין צו אנערקענען דאדורך די פאלקאם פסיכאלאגיע...

שמועסענדיג וועגען דעם ענין פון פרייהייט איז כדאי איבער צו געבען דא אקלוג ווארט פון בעקאנטען גאון מחבר פון חי' הרי"ם ז"ל. וועלכער פרעגט פאר וואס ביים „סדר" עסט מען מצה פאר מרור, וועהרענד דאס לעצטע איז אסימבאל פון קנעכטשאפט און דאס ערשטע פון פרייהייט, האט מען בעדארפט עסען „מרור" פריהער, ווייל די קנעכטשאפט איז דאך געווען פאר די פרייהייט?.

נור עס זענען פערהאן מאמענטען ביי א שקלאף, ווען ער ווערט צוגעוואוינט

---

8) יבמות ס"ב.

צוגעוואוינט צו דאָס שקלאַפּישע לעבען אַז עס דיכט זיך אים „עס בעדאַרף אַזוי צו זיין״ ער ווערט ווי אַפּראַלאַזשירטער וועלכער פיהלט ניט דעם נאָדעל שטאָך...

ער פילט ניט דאָס ביטערקייט פון די קנעכטשאַפט, נור ווען עס ווייזען זיך אויפ׳ן האָריזאַנט די ערשטע פריהלינגס שטראַהלען פון פרייהייט דערגרייפט מען דאַן „אַז עס איז ביטער״... מען פילט דעמאָלט די שרעקליכע טראַגעדיע... איבער דעם עסט מען מצה פאַר מרור... עס איז אַפּסיכאָלאָגישער אמת, און עס לערנט זעהר פיל...

מיר זענען אַ ביסעל אַוועק פון אונזער טעמא, נור ס׳איז כדאי, צו מאַכען אַ שמועס וועגען „פרייהייט״ וועלכעס איז דאָס גרויסער אידעאַל פון די מענשהייט, און דאָך גרייזט זי אין דעם זעהר פיל, אַ סברא אַז פון „פיל בוימער ווייזט זיך ניט דער וואַלד״ און אַז צוליב צופיל וועלען פרייהייט, פערלירט מען געוועלען די פרייהייט...

די גרויסע סומע וואס ער בעקומט ביי זיין בעפרייאונג.

פרייהייט איז טאַקי אַגוטע זאַך פאַר׳ן אַרבייטער, אָבער דאַן ווען ער ווערט אויך אין די ערשטע מאָמענטען לכל הפחות בעפרייט פון זיין „דאגת הפרנסה״...

וואָרים די אַרבייט בעדאַרף בעלוינען דעם אַרבייטער אַז אויך אין זיינע רוהיגע צייטען זאָל ער פון איר געשפייזט ווערען.

וואָס זשע פאַר אַ ווערט קען האָבען פרייהייט ווען ער איז ניט בעפרייט פון די מאַטריעלע טראַגעדיע, ווען זיינע קינדער פאָדערען ברויט ער האָט זיי ניט צו געבען...

„ער וועט בעקומען פרישע אַרבייט״, אָבער ביז די נייע אַרבייט דאַרף מען אויך פּרנסה, פון וועלכע קוועלען זאָל ער נעהמען זיך צו ערנעהרען?

אויף דאָס האָט די תורה פערזאָרגט דעם אַרבייטער דורך די מצוות „הענקה״, ווי עס פאָדערט פאָלגענדער תורה געבאָט.

וכי ימכר לך אחיך,	אין אַז עס וועט זיך צו דיר פערקויפענדיין ברודער
העברי או עבריה,	אַ יוד אָדער אַ יודין,
ועבדך שש שנים	און ער וועט ביי דיר אַרבייטען 6 יאָהר
ובשנה השביעית	און אין זיבעטען יאָהר,
תשלחנו חפשי מעמך,	זאָלסטו אים אַרויס שיקען פריי פון דיר!
וכי תשלחנו חפשי מעמך	און אַז די וועסט אים ארויס שיקען פריי פון דיר,
לא תשלחנו ריקם	טאָרסט אים ניט אַרויס שיקען לעהדיג,
העניק תעניק לו	זאָלסט איהם אָן לאָדען
מצאנך ומגרנך ומיקבך	פון דיין שאָף פון דיין שייער, פון דיין קעלטער

וואס

אשר ברכך ה׳ א—קיך תתן לו וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים 1)	וואָס ג—ט דיין גאָט האָט דיר געבענשט, זאָלסטו אים געבען, זאָלסט געדענקען אַז די ביזט אַ קנעכט געווען אין עגיפּטען
ויפדך ה׳ א—קיך על כן אנכי מצוך	אין ג—ט דיין ג—ט האָט דיר אויסגעלייזט איבער דעם געבאָט איך דיר
את הדבר הזה היום, לא יקשה בעיניך בשלחך אותו חפשי מעמך, כי משנה שכר שכיר	הייגט די דאָזיגע זאַך! עס זאָל דיר נישט פערדריסען ווען די שיקסט איהם אַרויס פריי פון דיר, וואָרים טאָפּעלט ווי דער לוין פון אַגעדינגענעם
עבדך שש שנים, וברכך ה׳ א—קיך בכל אשר תעשה 2)	האָט ער ביי דיר געאַרבייט 6 יאָהר, אין ג—ט דיין ג—ט וועט דיר בענשען, אין אַלעס וואָס די וועסט טאָהן

וויפּעל איז די סומע פון הענקה? ענטפערט דער תלמוד אַז לויט ר׳ מאיר 15 טאָלער, לויט ר׳ יהודה 30 טאָלער, אין לויט ר׳ שמעון 50 טאָלער 3), דער פליכט פון הענקה איז אַ אונבעדינגטער סיי דער אַרבייטער איז געווען זעהר פלייסיג פּראָדיקטיוו, אַזוי אַז דער אַרבייטס געבער האָט ערר׳יכט פיהל פּראָפיט דורך איהם, סיי ער איז געווען ניט פלייסיג אין דער קאַפּיטאַל פון אַרבייטס געבער האָט זיך ניט דורך איהם געמעהרט, דאָך מוז ער אים די הענקה געבען! 4)

ווי ס׳איז שוין ערקלערט געוואָרען, הייסט ניט ערפילט די „הענקה" איידער ווען ער גיט אים מיט אַפּערבאָרגענעם פערדרוס, נאָר ער מוז אים געבען „בעין-יפה" אין וואָס מעהר.

אַזוי ווי אין מצרים האָט ג—ט געשאָנקען דאָס יודישע פאָלק טאָפּעלטע מתנות אַזוי זאָלסטו דעם עבד עברי טאָפּלען די הענקה מתנות 5).

אַזוי ווי אין מצרים האָט ג—ט דיר געגעבען מיט אַפולע האַנד, אַזוי זאָלסטו אויך דעם אַרבייטער געבען מיט אַפולע האַנד 6).

עס איז דער תורה פּרינציפּ אַז ביים ענדיגען זיין אַרבייטס טערמין בעקומט ער פון די פּראָדוקציע ביי וועלכע ער האָט געאַרבייט. „זאָלסטו איהם געבען וויין פון דיין קעלטער"! עס איז אַ סימבאָל צו די בעציהונג פון אַרבייטס געבער צום אַרבייטער לויט די תורה געזעצגעבונג, ניט קיין בעכערס שווייס אין טרעהרען זאָלסטו דער אַרבייטער געבען צו טרינקען (ווי ס׳איז ביי אַנדערע) נור בעכערס וויין!

„דיר טאָר ניט פערדריסען פאַרוואָס די בעפרייסט דעם אַרבייטער", עס איז ניט בלויז אַ פליכט פון טעהאַטען נור אויך אַפליכט פון האַרץ. אין דאָס לעצטע

צו

---

1) דאדכר יציאת מצרים חמשין זמנין באורייתא לאודמא לן דמסטרא דיובל מתפרקין „מגיד מישרים" ובכמה דרכי בזוהר. 2) דברים. 3) קידושין (י"ז). 4) קידושין שם. 5) ספרי ראה. 6) ספרי שם.

צי לענקען די הארץ מחשבות לויט די עטישע פרינציפען איז פיהל שווערער ווי דאָס ערשטע, אין דערביי איז כדאי צו בעטאָהנען אז די תורה האָט אין איהרע סאָציאלע געזעצגעבונגער רעגולירט ניט בלויז די מענשליכע טעהאטען נור אויך זיינע מחשבות שבלב ווי „לא תשנא את אחיך בלבבך" „ורעת איש אחיו אל תחשבו בלבבכם", 7) „לא תטור" דער מענש מוז זיין דער הערשער איבער זיינע געדאנקען אז זיי זאָלען זיין צוגעפאסט צו די עטיק אין מאָראל!

פון דעם קענען מיר בעגרייפען אז עס איז דער ווילען פון דער תורה, אז די הענקה זאָל אונבעדינגט געגעבען ווערען צום ארבייטער אין סערקלערט טאקי דער תלמוד. האָטש ס'איז א יודישער געזעץ „אויב איינער מאָהנט ביים צווייטען א חוב, און דער צווייטער ביי א דריטען קען דער ערשטער אָב נעהמען דעם חוב פון דריטען, (בעקאנט אין תלמוד אונטערען נאָמען שעבודא דר' נתן), דאגעגען קען ניט דער מלוה פון „עבד עברי" אָב נעמען זיין חוב, וואָס אים קומט ביים ארבייטער, פון די הענקה וועלכע איז דאָ ביים ארבייטס געבער. 8)

אין זאָגאר ער איז קראנק געווען די גאנצע 6 יאָהר, אין ווערט בעפרייט אין זיבעטען יאָהר בעקומט ער אויך די „הענקה" 9).

דער עטישער פליכט פון ראטעווען א מענש פון פערשקלאפונג.

פונקט וויא ס'איז א עטישער פליכט צו ראטעווען א מענש ווען ער טרינקט זיך דאָס זעלביגע איז אויך ווען א יוד איז דורך זיין נויט געוואָרען פערקויפט צו א ניט יוד. אין ווערט דאדורך א שקלאף איז א פליכט אויף יעדען איבער הויפט אויף זיין פאמיליע צו ראטעווען אים פון די פערשקלאפונגס כוואליעס ווי סערקלערט פאלגענדער תורה געזעץ.

וכי תשיג יד גר ותושב עמך	אין אז עס וועט גרייכען די האנד פון א ניט איד וועלכער וואוינט ביי דיר.
ומך אחיך עמו.	אין דיין ברודער וועט דורך זיין התקרבות צו אים ווערען פעראָרימט.
ונמכר לגר תושב עמך.	אין ער איז פערקויפט געוואָרען צום גר תושב וועלכער איז ביי דיר.
או לעקר משפחת גר	אָדער צו א געצען דינער.
אחרי נמכר גאולה תהיה לו. !	נאָכדעם ווי ער איז פערקויפט געוואָרען מוז זיין צו אים א אויסלייזונג,
אחד מאחיו יגאלנו	איינער פון זיינע ברידער זאָל איהם אויסלייזען.
או דדו או בן דדו יגאלנו	אָדער זיין פעטער אָדער זיין פעטערס זוהן זאָל איהם אויסלייזען.

אָדער

7) זכריה ז. 8) קידושין ט"ו—טז. 9) „דרך פקודך" ויש לדון בה ואכמ"ל.

או משאר בשרו ממשפחתו. יגאלנו

או השיגה ידו ונגאל

יחשב עם קנהו.
משנת המכרו לו
עד שנת היובל
והיה כסף ממכרו.
במספר שנים.

כימי שכיר יהיה עמו

אם עוד רבות בשנים
לפיהן ישיב גאולתו.
מכסף מקנתו
ואם מעט נשאר בשנים
עד שנת היובל
וחשב לו כפי שניו
ישיב את גאולתו.
כשכיר שנה בשנת
יהיה עמו

לא ירדו בפרך לעיניך!

ואם לא יגאל באלה.
ויצא בשנת היובל
הוא ובניו עמו.
כי לי בני ישראל עבדים
עבדי הם
אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים.
אני ה׳ א—קיכם

אָדער פון זײַן פאַמיליע.
זאָל איהם אויסלײזען,
אָדער ער זעלבסט ווערט פאַרמעגליך און
ווערט דורך זיך זעלבעסט אויסגעלײזט
ער זאָל זיך באַרעכענען מיט זיין קויפער.
פון דעם יאָהר וואָס ער איז פערקויפט געוואָרען.
ביז דעם יובל יאָהר
זיין פערקויפינגס געלד ווערט גערעכענט לויט
די צאָהל יאָהרען צו יובל 1).
אַזוי ווי די טעג פון אַגעדונגענעם זאָל ער
זיין מיט איהם. 2).
אויב ס׳איז ווייט צו „יובל"
לויט זײ ווערט אומגעקעהרט זיין אויסלײזונג.
פון זיין קויפס געלד
אויב ס׳איז איבער געבליבען ווינציג יאָהרען
ביז דעם יובל יאהר
זאָל ער איהם באַרעכענען לויט די יאָהרען.
אומצוקעהרען זיין אויסלײזונג
אַזוי ווי אַ געדונגענער אַ יאָהר בײ אַ יאָהר
זאל ער זיין מיט איהם
טאָרסט ניט זעהן ווי ער אַרבייט מיט איהם
שווערע אַרבייט
אויב ער ווערט דאַדורך נישט אויסגעלייזט
דאַן געהט ער אַרויס פון איהם אין יובל יאָהר
ער און זײַנע קינדער מיט איהם.
צו מיר זענען יודין דינער
זײ זענען מײַנע דינער
וואָס איך האָב זײ בעפרייט פון לאַנד עגיפטען
איך ג—ט אײַער ג—ט! 3).

עס איז אַ געזעץ צו בעפרײַען דעם „ברודער פון די שקלאַף קײַטען וועלכע זענען אויף איהם אַרויף געוואָרפען געוואָרען ווי ס׳ווערט ערקלערט אויך אין ספר „ברוך".

נמכרת

1) צ. ב. ש. ער האט אים געקויפט פאר 2000 גילדען און ס׳איז געווען דעמאלט 20 יאהר ביז יובל האט ער געקויפט די ארבייט פון יעדעס יאהר פאר 100 גילדען. יעצט ווען ער האט אבגעארבייט 5 יאהר קומט איהם 500 גילדען און דאס איבריגע גוט ער צוריק זיין „האר".
2) ווי ס׳איז שוין ערקלערט געווארען פריהער. 3) תורה ויקרא כ״ה.

במכרת לזרים
„אך לא לצמיתות" 4)

זאגאר די ביזט פערקויפט געוואָרען צו פרעמדע
אבער ניט אויף אייביג !.

עס איז ארעליגעזער פליכט אויפ'ן יוד דאס צו פערווירקליכען אין אלע עפאכעס, — מערקווירדיג זענען אויך די פריוויליגעס וואס דער עבד האט דא ביי זיין אויסלייזונג, — אזוי ערקלערט דער תלמוד פאלגענדעס, „אויב ער איז געוואָרען פערקויפט אויף 6 יאהר פאר 600 גילדען. נאכהער איז ער געוואָרען פעהיגער צו די ארבייט אזוי אז זיין ארבייט איז ווערט יעצט 1200 גילדען, אין האט ניט געארבייט מעהר ווי 2 יאהר ווערט בארעכענט יעדעס יאהר פאר א זעקסטיל פון 600 גילדען, ניט פון 1200 גילדען. אלזא בעדארף ער צוריק געבען זיין האר ניט מעהר ווי 400 גילדען , אין פארקעהרט, אויב ער איז געוואָרען פערקויפט פאר 1200 גילדען. אין זיין ארבייט איז ביליגער געוואָרען זי איז נישט מעהר ווערט ווי 600 גילדען אין האט ניט געארבייט ביי איהם מעהר ווי 2 יאהר בעדארף ער צוריק געבען ניט מעהר ווי 400 גילדען, יעדעס יאהר ווערט בארעכענט פאר אזעקסטיל פון 600 ניט פון 1200 ! ווייל — דער קלערט דער תלמוד — דער ארבייטער ווערט פריוויליגירט זאגאר ווען ער איז געוואָרען פערדינגען צו א יוד, ווערט אויך גערעכענט דער דערמאהנטער פריוויליגירטער רעכענונג 5).

ס'איז כדאי צו באמערקען אז ער ווערט בעפרייט גענעצלעך, ד. ה. אז די וועלכע בעפרייען איהם פאר זייער געלד מארען ניט ארבייטען מיט איהם 6).

עס איז אויך א געזעץ אין תלמוד, אז „לוה וגואל לחצאין" 1). ד. ה. אז ווען דער עבד וויל זיך זעלבסט בעפרייען פון זיין האר קען ער בארגען די נויטיגע סומע, אין דאס געבען זיין האר אין אויך אויב ער האט ניט מעהר ווי א העלפט פון די געפאדערטע סומע, ענטפערט ער דאס איהם איבער, אין ס'ווערט אראב גערעכענט א העלפט פון די ארבייטס יאהרען.

מ'זאל ניט מיינען אז נור אויף זיין פאמיליע איז דער פליכט, ערקלערט טאקי דער תלמוד, אז אויב די פאמיליע זיינע רופט זיך ניט אן, בעדארף ער ווערען אויסגעלייזט דורך יעדען מענש 8).

דער קאמף געגען שקלאפעריי און די חשמונאים עפאכע.

(היסטארישער קאפיטעל).

דאס איז געשעהן אין די חשמונאים עפאכע ווען די פרייהייטס פאהן האט אויף די ציון בערגער געפלאטערט, אין דעמאלט האט דער טיראן אין שקלאפען האלטער נקנור בלעשאסען צו פערקויפען די יודישע געפאנגענע, וועלכע האבען זיך

---

4) ספר „ברוך" „מ־תובים אחרונים" בלשוי האומות „Apokrypha"
5) קידושין י"ד וספרא בהר. 6) קידושין שם. 7) קידושין כ'. 8) קידושין י"ד.

זיך געפינען אין זיינע הענד, — פאַר שקלאַפען אין צו דעם צוועק האָט ער אַפענטליכע ליצטאַציע״ איבער זיי געמאַכט אויס רופענדיג איבעראַל דורך זיינע דינער, פאָלגענדעס: „ווער וויל קויפען 90 יודען פאַר אַ צעהנ׳טנער זילבער״...

ווען יהודה האָט דאָס דערהערט איז אין איהם געוואָרען אָנגעצינדען דער גרויסער קאַמפס גייסט אין שרעקליך געצאָרענט געגען דאָזיקען שענדליכען טהאַט פון די שקלאַפען האַלטער ווי אַ לייב איז ער צום קאַמף גרייט געווען אָבער אין זיינע רייהען האָבען זיך געפינען פיל פחדנים, וועלכע האָבען מורא געהאַט אָנצוהויבען דעם קאַמף געגען די ריעזיגע מיליטערישע מחנות פון פיינד. יהודה האָט דאַן געפיהרט פאַר זיי אַפּראָפּאַגאַנדע, ערקלערנדיג זיי דאָס וויכטיקייט פון דעם פרייהייטס קאַמף, אין ניט בלויז מיט זיין שווערד איז ער געווען דער זיעגער, נור אויך מיט זיין איבער צייגונגס קראַפט, ער האָט זיי געוואָנען פאַר זיינע אידעען, זיינע אַרמעען האָבען זיך פעראייניגט אַרום זיין פרייהייטס פאָהן אין פון אָט דעם אינערליכען נצחון איז ער געקומען צום צווייטען, נעמליך זיי האָבען מיט די גרעסטע גבורה, געקעמפט געגען די שקלאַפען האַלטער, זיי האָבען זיי פאָלקאָם פערניכטעט, אין זיי האָבען נאָכגעיאָגט נאָך די מענשען וועלכע זיי האָבען זיי געוואָלט קויפען פאַר קנעכט — פאַרצעהלט דער „חשמונאים״ — אין זיי האָבען צוגענימען פון זיי דאָס געלד וועלכע איז געגאַנגען פאַר פערשקלאַפונגס צוועקען — אין איבער געענטפערט עס צו אלמנות אין יתומים...

דאָס איז געווען דער הויכער אידעאַל פון די חשמונאים אַז דאָס געלד פון די פערשקלאַפער זאָל ווערען געגעבען פאַר הומאַניטאַרע צוועקען! 1).

ווער ווערט פערדינגען פאַר א עבד עברי?

אַ גר ווערט ניט פערדינגען פאַר „אַ עבד עברי״ מ׳קען דערביי זאָגען פאָלגענדען מאָטיוו ווייל קומענדיג פון ניט יודען האָט ער ממילא ווי אין יענע עפּאָכעס אַ קנעכטישע פסיכאָלאָגיע, מוז מען דערווייטערען פון איהם יעדער סאָרט דיסציפּלינאַרע אונטערגעוואָרפענע אַרבייט, וועלכע קען דורך איהם שלעכט אויס געטייטש ווערען.

מיר האָבען שוין ערקלערט אַז „אַ עבד עברי״ איז אַבסאָלוט קיין קנעכט ניט נור אַ דיסציפּלינאַרער אונטער געוואָרפענער אַרבייטער אָבער דאָס איז נור פאַר אַ געבוירענעם יוד וועלכער וועט ניט אַריין פאַלען דאַדורך אין קנעכטישע געדאַנקען אין טעהאַטען, דאַגעגען איז עס ניט ערלויבט פאַר אַ גר...

פונקט ווי מען טאָר ניט געבען אַ מענש וועלכער איז אויפגעשטאַנען פון אַ קרענק אַזאַ עסען וואָס אַ געזונטער מעג עס יאָ עסען... 2)

ווען

---

1) ספר חשמונאים ב,—ה. 2) ב״מ (ע)

ווען מעג מען זיך פערדינגען פאר א עבד עברי?

עס איז שוין פיל מאהל ערקלערט געוואָרען אז „א עבד עברי" איז ניט קיין קנעכט, נור „א דיסציפּלינאַרער ארבייטער" און דאָך איז ניט ערלויבט לויט'ן תלמוד ביי יעדער געלעגנהייט צו ברענגען אויף זיך די דיסציפּלינאַרע אַרבייט, אזוי ערקלערט דער ספרא פאָלגענדעס: א מענש טאָר זיך ניט פערדינגען פאַר א עבד עברי מיט'ן צוועק דאָס געלד צו זאמלען אריין צו לייגען זיי אין זיין בייטעל, אדער צו קויפען פאר זיך א בהמה, מעבעל, א הויז, אז. וו. — נור אין'ם מאָמענט ווען ער איז פעראָרימט געוואָרען אין די נויט צווינגט איהם דאַצו מעג ער זיך פערדינגען פאַר א עבד עברי 2).

דער רמב"ם זאגט אז אפילו צוליב'ן בעצאָהלין א חוב, איז ניט ערלויבט, זיך צו פערדינגען פאַר א עבד עברי 3).

אין וועלכע צייט איז נוהג „עבד עברי"?

דאָס געזעץ פון „עבד עברי" איז אין קראַפט נור אין יענע עפּאָכע. ווען ס'איז נוהג „יובל" ד. ה. ווען יודין זענען אויף זייער לאַנד האָבין א אייגענע אונאָבהענגיגע מלוכה. א אייגענעם „בית דין". קענענדיג אכטונג געבען אז ס'זאָל ניט געאַרבייט ווערען מיט'ן עבד עברי קיין שווערע אַרבייטען און זאָל בעפרייט ווערען. דאַגעגען ווען יודען זענען פון זייער לאַנד פערטריבען געוואָרען און יובל עגזיסטירט ניט מעהר, איז ניטא מעהר דאָס געזעץ פון „עבד עברי".

ווייל ס'איז ניטא מעהר ביי יודין די רעגירענדע קראַפט וועלכע זאָל קענען האָבין די געהעריגע פולמאַכטען אז די געזעצען זאָלין אין לעבען פערווירקליכט ווערען 1).

„העובד והעבודה עפ"י אור התורה והתלמוד".

א"ה. עד כה נתתי העתקת המאמרים ביהודית. ופה אתנם בלשונם המקורי.

(א)

„אדות התרחקות מעבדות".

(א). כל המשתעבד בהם למטה מעלין עליו כאלו משתעבד למעלה 1).

אשר

2) ספרא בהר. 3) רמב"ם ה' עבדים פ"א ועיין מנ"ח.
1) קידושין ס"ט ובכמ"ד יעיין מס' עבדים (פ"א).
1) ספרא בהר.

ב) אשר פדית לך ממצרים גוים וא—קיו כאלו עצמך פדית אותם 2).
ג) מנין שאין אדם רשאי למכור עצמו ולהניח באפונדתו וליקח לו בהמה וליקח לו כלים וליקח לו בית אא״כ העני? ת״ל וכי ימוך 3).
ד) תמורת חיים מות תמורת שלום רע, תמורת חכמה אולת, תמורת עושר עוני, תמורת חן כיעור, תמורת זרע שממה, תמורת ממשלה עבדות 4).
ה) מרבה עבדים מרבה גזל מרבה שפחות, מרבה זימה 5).
ו) אזן ששמעה על הר סיני כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם ולא עבדים לעבדים והלך וקנה אדון לעצמו ירצע 6).
ז) אוזן ששמעה על הר סיני לא יהיה לך אלהים אחרים, וכ״י וקנה אדון לעצמו, 7)

העובד והעבודה עפ״י אור התורה והתלמוד.

אית דאיהו קנוי ליה לעולם, ואית דקנוי לו שית שנין מאן דאיהו קנוי לו לעולם, כתיב ביה ורצע אדוניו את אזנו במרצע ועבדו לעולם, לית עולם אלא עולמו של יובל, דאינון חמשין ודא קרית שמע, דתמן חמשא ועשרין, חמשא ועשרין אתוון ערבית ושחרית חמשין תרעין דבינה בתר דמייחד בהון בר נש להקב״ה דאיהו עבד דיליה בעול תפילין על רישיה, ואזן דיליה רציעא פתיחה למשמע קרית שמע דשמע בכל לשון שאתה שומע דהיינו״משמעות דמאן דפדיון דילי׳ תלויה בק״ש דאיהו רזא דחמשין דלית ליה פדיון ע״י אחרא דגלגולא דמרוצע הוא למאריה, והכא לא אתמר או דדו או בן דדו יגאלנו 8).

יחוסים הדדיים בין העבד־העברי ואדונו.

צד השלילי.

שלא יאמר לו החם לי הכוס הזה, והוא אין צריך לו הצן הכוס הזה והוא אין צריך לו, עדור תחת הגפן עד שאבא, שמא תאמר לצורך עצמי אני עושה? ת״ל ויראת מא—קיך! 1).

מכאן אמרו, לא ירחץ לו רגליו ולא ינעיל לו מנעליו, ולא יטלנו לא בכסא ולא בלקטקא, כדרך שעבדים עושין 2).

שלא יטול אחריך בלונטיא ולא יטול לפניך כלים במרחץ 3).

ולא יסמוך לו את מתניו ולא ישיפנו ולא יסיכנו. 4)

לא

2) ירושלמי סוכה פ׳ לולב וערבה. 3) תורת כהנים בהר. 4) ספר יצירה. 5) פרק אבות. 9) קידושין (כ״א). 7) ירושלמי קידושין (פ״א ה״ב), זוהר משפטים.
1) ספרא בהר. 2) מכילתא משפטים. 3) ספרא שם. 4) מסכת עבדים פ״ב.

לא תודה בו בפרך וכו׳ אשה באיש מנין? ת״ל א״ש באחיו מ״ל מקום, 5)
לא ימכרו ממכרת עבד שלא יעמידנו בסמטא ויעמידנו על אבן המקח 6).
יכול תקראנו עבד לשם בזיון? ת״ל כי תקנה עבד עברי 7).
יכול אף אתה תתנהג בו כעבד? ת״ל אחיך! 8).
כשכיר כתושב, מה שכיר עובד ביום, ואינו עובד בלילה אף עבד עברי עובד ביום ואינו עובד בלילה 9).
עבדו ושפחתו העברים הואיל ואינו רשאי לשנותו ממלאכתו 10).
יעבוד עמך שלא תמסור אומנתו לרבים, שאם היה בלן לרבים, ספר לרבים, נחתום לרבים, לא יעשה 11), ר׳ יוסי אומר אבל לא ילמדנו בתחילה, 12)
מה תושב בטוב לו לא תוננו אף זה בטוב לו לא תוננו 13).
מה שכיר אי אתה רשאי לשנותו מאומנתו, אף עבד עברי אי אתה רשאי לשנותו מאומנתו, 14).
שומע אני בין עבודה שיש בה בזיון? ת״ל כשכיר 15).
כשכיר מה שכיר ביומו תתן שכרו, אף זה ביומו תתן שכרו, 16).
ומנין כשיהיו ב״ד מוכרים אותו לא יהיו מוכרים אותו אלא לך? ת״ל ימכר לך אחיך שתנהוג בו אחוה 17).

יחוסו לאמה העבריה.

צד השלילי.

שלא יהא נוהג באמה העבריה כדרך עבדים שלא יאמר לה, הליכי דמים והביאי לי ירק מן השוק 1).

צד החיובי.

מצות יעוד קודם למצות פדיה 1).
אין יעוד אלא מדעת מאי מדעת? מדעתה דידה, 2).
ר׳ יוחנן אמר מיעדה לבנו קטן 3).

צד החיובי לעבדו העברי.

א״ר שמעון אם הוא נמכר בניו ובנותיו מי נמכרים? מכאן שרבו חייב במזונות

---

5) ספרא בהר. 6) ספרא שם. 7) מכילתא משפטים. 8) ספרא בהר. 9) מכילתא משפטים
10) ירושלמי ב״מ פ״א הלכה ד׳. 11) מס׳ נדרים פ״ב ספרא בהר. מכילתא משפטים. 12) שם בספרא.
13) ספרא שם. 14) מכילתא משפטים. 15) ספרא בהר ועיין בסמ״ג. 19) מכילתא שם. 17) ספרא שם.
1) תנא דבי אליהו פרק כ״ג.
1) מכילתא משפטים בכורות י״ג 2) קידושין (י״ט). 3) ירושלמי קידושין (פ״א ה״ב).

במזונות בניו. כיוצא בו, אם בעל אשה הוא, ויצאה אשתו עמו, א״ר שמעון אם הוא נמכר, אשתו מי נמכרה? מכאן שרבו חייב במזונות אשתו 1)

העובד והעבודה עפ״י אור התורה והתלמוד.

עמך במאכל עמך במשתה. שלא תהא אתה אוכל פת נקיה. והוא אוכל פת קידר. אתה שותה יין ישן. והוא שותה יין חדש. אתה ישן על מוכין והוא על התבן 2). שלא תהא אתה בכפר והוא בכרך. אתה בכרך והוא בכפר 3). עמך בכסות נקיה 4).

פעמים שאין לו אלא כר אחת. ואם שוכב עליו בעצמו. אינו מקיים כי טוב לו עמך. ואם אינו שוכב עליו גם אינה נותנה לעבדו זו מדת סדום. נמצא שע״כ צריך למוסרה לעבדו. 5).

כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו 6).

אדות חרות העבד עברי. ואמה העבריה.

וקונה את עצמו בשש ויובל וגרעון כסף. יתירה עליו אמה העבריה שיוצאת בסימנין 1).

יצא חפשי חנם למה נאמר? לפי שהוא אומר תשלחנו שומע אני שיכתוב לו גט שחרור ת״ל יצא לחפשי. או יתן לו מעות ויצא? ת״ל לחפשי חנם 2).

חלה שלש ועבד שלש אינו חייב להשלים 3).

ומפדין אותה בעל כרחו 4).

„ר׳ יוחנן בן ברוקא אומר לא היו עבדים משועבדים. ולא נפטרים לבתיהם. ולא שדות חוזרות לבעליהם אלא אוכלים ושותים. ושמחים ועטרותיהם בראשיהם עד שהגיע יוהכ״פ. הגיע יוהכ״פ תקעו בשופר חזרו שדות לבעליהם. ועבדים נפטרים לבתיהם. ר״י אומר יובל אע״פ שלא השמיטו. אע״פ שלא תקעו בשופר. או יכול אע״פ שלא שלח עבדים? ת״ל היא ד׳ ר״י 5).

אמר ר״ל אמה העבריה קונה את עצמה במיתת האב מרשות האדון מק״ו 6) אמה העבריה יוצאת בנישואים 7).

יכול

1) קידושין (כ) מכילתא משפטים.
2) קידושין כ׳ ובספרא. 3) ספרא בהר. 4) ספרא שם. 5) תוס׳ קידושין כ׳ וירושלמי.
9) קידושין כ.
1) קידושין י״ד 2) מכילתא משפטים, 3) קידושין י״ז. 4) שם י״ח. 5) בתורת כהנים, ובתלמוד. 6) קידושין ט״ז. 7) ירושלמי קידושין (פ״א ה״ב).

אדות הענקה.

יכול נתברך הבית בגללו מוניקין לו, לא נתברך הבית בגללו אין מעניקין לו ת"ל העניק תעניק לו מ"מ 1).

כמה מעניקים לו? שהן ט"ו סלעים ד' ר"מ ר"י אומר שלשים ר' שמעון אומר חמשים 2).

וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים, הענקתי לך ושניתי לך אף אתה העניק ושנה לו 3).

מה במצרים נתתי לך ברוחך יד אף אתה תתן לו ברוחב יד 4).

לו ולא לבעל חובו 5).

גאולת עבד עברי כשנמכר לעכו"ם.

ת"ו נמכר במנה והשביח ועמד על מאתים, מנין שאין מחשבין לו אלא מנה? שנאמר מכסף מקנתו! נמכר במאתים, והכסיף ועמד על מנה מנין שאין מחשבין אלא מנה? ת"ל כפי שניו. אין לו אלא עבד עברי הנמכר לעכו"ם נמכר לישראל מנין? ת"ל שכיר שכיר לגז"ש 1).

וחכ"א זה וזה לשחרור 2).

לוה וגואל וגואל לחצאין 3).

מי ומתי נמכרים לעבד עברי?

אין גר נמכר בעבד עברי 1).

מנין שאין אדם רשאי למכור עצמן ולהניח באפונדתו וליקח לו בהמה, וליקח לו כלים וליקח לו בית אא"כ העני? ת"ל וכי ימוך! 2).

אין עבד עברי נוהג אלא בזמן שהיובל נוהג 3).

אין כהן נמכר בעבד עברי 4).

געזעצען פון „עבד כנעני".

איך האָב שוין ערקלערט אין די פריהערדיגע פרקים. אַז אין די שקלאַפעריי עפאכעס

1) קידושין (יז). 2) שם. ספרי תצא. 4) ספרי שם. 5) קידושין ט"ז.

1) קידושין (כ) שם י"ד. שם כ'.

1) ב"מ (ד"צ) ועיין מכילתא משפטים מבואר להיפך. 2) תורת כהנים בהר. 3) קידושין ס"ט ובכמ"ד. 4) מכילתא משפטים וסתירה לזה מקידושין (כא) ואכמ"ל.

עפּאָכעס איז בײַ די אַנדערע פעלקער ניט נור צוגערויבט געוואָרען פון קנעכט די לעבענס בעדינגונגען, נור אויך דאָס לעבען זעלבסט...

די גרענעצען פון דאָס געזעץ וועלכעס בעשיצט דאָס לעבען פון מענש, זענען נור געווען פאַר פרײַע בירגער ניט פאַר׳ן שקלאַף אָדער קנעכט.

וועלכע זענען געווען רעכטלאָז אין פולען זין פון וואָרט דער בלוט דאָרשט פון די טיראַנען און שקלאַפען האַלטער נאָך בלוט איז געלאָשען געוואָרען דורך זײַנע קנעכט, דער „האַר" האָט זיך געהאַלטען פאַר „אַקיניג" און ממילא אויב דער קנעכט האָט ניט ווי געהעריג ערפילט דעם קאַפּריז פון זײַן „האַר" איז ער ווי אַ שעפּעלע פון אַ וואָלף צוריסען געוואָרען, אַזוי איז אין אַלטערטום געווען בײַ אַנדערע פעלקער.

דאַגעגען דאָס יודישע פאָלק האָט שטענדיג אנערקענט דאָס פאָלקאָמע גלײַכבערעכטיגונג פון די „עבדים" זאָגאַר ניט קײן יודישע, ווײַל אַזוי פאָדערען די פאָלגענדע תורה געזעצען.

וכי יכה איש את עבדו או את אמתו בשבט 1) ומת תחת ידו	און אויב אַ מענש וועט שלאָגען זײַן ניט יודישען דיסציפלינארען אַרבײַטער אָדער זײַן ניט יודישע דינסט מיט אַרוט און ער וועט פאַלין טויט אונטער זײַן האַנד
נקום ינקם 2) !.	מוז ווערען גענומען נקמה פון דעספּאָט. עס ווערט אויסגעפיהרט איבער איהם אַ טויט אורטייל.

אַלזאָ שטעהט דער ניט יודישער עבד, אונטער די ראַהמען פון געזעץ, און ניט בלויז דאָס וואָס זײַן מערדער ווערט פעראורטײַלט צום טויט נור אויך אין מאָמענט ווען דער אַרבײַטס-געבער ווערט גרויזאַם ער שלאָגט איהם, און האָט איהם דאַדורך אונהיילבאַר פערוואונדעט, מוז ער איהם זאָפאָרט בעפרייען, ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ.

וכי יכה איש את עין עבדו או את עין אמתו ושחתה לחפשי ישלחנו תחת עינו.	און אויב אַ מענש וועט שלאָגען דאָס אויג פון זײַן ניט יודישען דינער אָדער דאָס אויג פון זײַן ניט יודישע דינסט, און וועט איהר פערדאַרבען פריי זאָל ער איהם אַוועק שיקען פאַר זײַן אויג.
ואם שן עבדו או שן אמתו	און אויב דעם צאָהן פון זײַן ניט יודישען דינער. אָדער דעם צאָהן פון זײַן ניט יודישע דינסט וועט

1) בדין „יום או יומים" כתב הרמב"ם דדוקא בשבט יש דין זה. ואולם אם הכהו בחרב וכדומה אינו נדון כלל ביום או יומים וגאון אחד הביא ראיה ממכילתא משפטים, ואכמ"ל. 2) נקום ינקם מיתה אתה אומר מיתה או אינו וכו׳ נאמר כאן נקימה ונאמר להלן נוקמת מה להלן חרב אף כאן

יפיל	
לחפשי ישלחנו תחת שנו 3).	ווערט ער אַרויס וואַרפּען.
	מוז ער איהם בעפרייען פאַר זיין צאָהן.

און ניט דוקא „בשן ועין” נור אויך אויב ער איז דורך איהם פּעוואונדעט געוואָרען בכ״ד ראשי אברים ווערט ער בעפרייט 4).

און זאָגאַר די פאַרדערבונג איז ענטשטאַנען אַ צייט נאָכ׳ן שלאָגען ווערט ער אויך בעפרייט 5). איך ווייס דער לעזער וועט פרעגען. דאָס בעדייט נור אַז די מויערען פון די געזעצען פעררהיטען איהם פון שלעכטס אָבער צו גיבען זיי איהם אויך גוטס?

דאַדורך וועל איך דאָ דערווייזען דורך פיל ציטאַטען, אַז ער געניסט זאָגאַר פון פיל פּריווילעגיעס, מיר האָבען שוין ערקלערט, אַז אין רוים האָט געדראָהט טויט שטראָף אויף אַקנעכט וועלכער איז אַנטלאָפען פון זיין האַר אָבער לויט׳ן יודישען געזעץ ניט נור וואָס ער ווערט אַבסאָלוט ניט בעשטראָפט, ניט נור וואָס מען טאָר איהם קיין שטרויכלונגס שטיינער ניט לייגען אויף זיין פרייהייטס וועג.

נור אויך מ׳מוז איהם בייהילפיג זיין מיט פיל מיטלען, אַז ער זאָל ערייכען זיין פרייהייטס אידעאַל, ווייל אַזוי זאָגט די תורה!

לא תסגיר עבד	טאָרסט ניט פערשליסען (איבער ענטפערין) דעם
אל אדוניו	ניט יודישען דינער צו זיין האַר!
אשר ינצל אליך	וועלכער איז אַנטרונען געוואָרען צו דיר פון
מעם אדוניו.	זיין האַר.
עמך ישב בקרבך	מיט דיר זאָל ער זיצען צווישען דיר.
במקום אשר יבחר	אין אָרט וועלכען ער וועהלט אויס
באחד שעריך	אין איינע פון דיינע שטעדט
בטוב לו	אין אָרט וועלכער ס׳איז איהם גיט
לא תוננו! 6).	טאָרסט איהם ניט גענאַרען!

דער תלמוד גיט פאָלגענדע ערקלערונגען אויף די פסוקים „אויב דער עבד כנעני” איז אַנטלאָפען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, ווערט ער פאָלקאָם בעפרייט און בלייבט אין ארץ ישראל 7) ווייל מאָטיווירט—דער חנוך — „ארץ ישראל” איז אַפרייהייטס-לאַנד און דער וועלכער קומט אַהין בעדאַרף געניסען פון פרייהייט 8).

עס איז אין אַגעוויסע עפאָכע פאָרגעפאַלען פאָלגענדער עפיזאָד, אַ עבד כנעני איז אַנטלאָפען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, זיין האַר וועלכען עס האט די מעשה שטאַרק פערדראָסען, איז איהם טאַקי נאָכגעלאָפען (קיין א״י), טרעפענדיג

כאן חרב, (מכילתא משפטים סנהדרין ע״א). 3) תורה משפטים.
4) קידושין כ״ד ומכילתא. 5) אור החיים. 6) תורה דברים (כ״ג). 7) גיטין מה.
8) חנוך פ׳ תצא.

טרעפענדיג איהם דאָרטען, האָבען זיי באַשלאָסען אַז זייער סכסוך זאָל ווערע ענטשיידעט דורך ר׳ אמין, און דער לעצטער האָט געזאָגט צו דעם האר „בעפריי איהם״! ער איז דאַדורך געצוואונגען געוואָרען, צו בעפרייען איהם גאַנצלען 9).

דער עבד כנעני בלייבט טאַקי אין ארץ ישראל, אָבער כדי מ׳זאָל ניט מיינען, אַז ביי יודען איז אויך ווי ביי די פרעמדע פעלקער ביי וועלכע עס עקזיסטירט אַ ספעציעלער פראָבלעם פון בירגער רעכט, און די מענשען ווערען איינגעטיילט אין 2 מדרגות, צו די ערשטע קאַטעגאָריע געהערען די אַדעל מיוחסים, וועלכע בעזעצען זיך אין די בעסטע ערטער, דאַגעגען פאַר׳ן אָרימערען עלעמענט וועלכער איז באַשטימט דער שוואַכערער, ווערט געשאַפען אַ ספעציעלער געטהאָ, „אָט דאָ מעג ער זיצען״... ער זאָל ניט מטמא זיין במגע די מיוחסים חס וחלילה... (אויף דעם זענען זיי מסופקים), האָט די תורה ערקלערט איהר גלייכהייטס געזעץ ביי אָט דעם פראָבלעם, מיט דיר זאָל ער זיך באַזעצען און שטאָדט זעלבסט ניט נור אונטערען שטאָדט, 10).

„און אָרט וועלכען ער וועהלט אויס״, עס בעדייט וואו מ׳קען פערדינען, דער האַנדעל אין לאַנדווירטשאַפט זענען גוט ענטוויקעלט עס געפינען זיך דאָרטען פרנסה קוועלען, 11).

ער באַזעצט זיך אין צענטרום פון שטאָדט, ער אָרדענט זיך איין אַ פרנסה, ווי יעדער בירגער, אָן שום באַגרענעצינגער, קענען ניט קומען די אַלט געזעסענע פראָטעסטירען, און זאָגען, ער קאָנקורירט מיט אונז... זאָל ער געהן אין אַ צווייטע שטאָדט, מיר האָבען איהם גאַנץ גענוג געבילדעט עטליכע יאָהר, אָבער שוין גענוג... זאָל ער עמיגרירען... אין אַ צווייט אָרט, ניין! קיינער טאָר אַזא פראָטעסט ניט ערקלערען, ווייל ער האָט דאָס רעכט זיך צו באַזעצען אין יעדען אָרט, ווי לאַנג ער וויל.

זאָגאַר ווען דער באָדען ווערט דיר צו ענג, די פרוכטען פון לאַנד זענען צו קנאַפ אַז אַלע זאָלען דערפון קענען געניסען.

טאָרסט ניט הייסען דעם אַרבייטער נעמען זיך צום וואַנדער שטעקען אין שאַפען אַ ספעציעלען עמיגראַציע פראָבלעם פאַר די אָרימע מאַסען, ניין! דאָס איז פון עטישען שטאַנדפונקט פערבאָטען שאַרף איהם די געהעריגע בעדינגונגען אַז ער זאָל זיך אין זיין וואוין-אָרט קענען ערנעהרען, 12).

אויב אָבער דעם אַרבייטער ווערט צוליב די שלעכטע לעבענס בעדינגונגען אונמעגליך צו בלייבען אין דאָזיגען אָרט, ער מוז אַליין (צוליב זיין נויט) עמיגרירען אין אַ צווייט אָרט, מעג ער פאַר זיך אויסוועהלען דאָס בעסטע אָרט פון לאַנד קיינער טאָר איהם ניט שטערען 13).

און דאָס וואָס די תורה ערקלערט „די טאָרסט איהם ניט גענאַרען״ מיינט מען ניט ביים צאָהלען זיין שכר און ווייל דאָס איז זעלבסט פאַרשטענדליך — איבער דעם, קאָמענטירט דער ספרי, פאָלגענדעס, זאָלסט איהם ניט גענאַרען דורך רייד, זאָלסט איהם ניט זידלען ווי רופען „קנעכט״ אָדער זאַמען זעהט נור דעם פרעמדען

---

9) שם. מ״ה. 10) ספרי תצא. 11) ספרי שם. 12) עפ״י הספרי שם. 13) כפרי תצא

„פרעמדען" וועלכער נאָגט פון אונזער באָדען ווי אַוואַמפּיר.., וואָרום ער האָט זיך אויפ'ן בעסטען אָרט באַזעצט... צו אַנדערע יעגאָאיסטישע זידעל ווערטער, ווייל ס'איז אַלעס פערבאָטען 14).

די טאָרסט איהם ניט געבאַרען! זאָלסט ניט זיין פאַלש צו איהם ווען די זעהסט ווען ער אַנטלויפט פון זיין „האַר" אום צו ערוואַרבען די עמאַנסיפּאַציע, און דיר איז דאָס בעוואוסט ער האָט דיר דעם סוד אַנטפּלעקט — זאָלסטו ניט פערראַטען איהם, און איבער געבען דערפון זיין האַר, אויף דעם זאָגט אויך משלי.

אל תלשן **עבד**	די זאָלסט ניט פערמסרען דעם דינער
אל **א**דניו	צו זיין האַר!
פן יקללך	טאָמער וועט ער דיר שילטען,
ואשמת 15)	וועסטו ווערען פערשולדיגט,

דאָס מיינט מען — באַמערקט דער אבן **עזרא** — אויב **אַ עבד** כנעני **איז** אַנטלאָפען פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל 16).

אַז די טאָרסט ניט אינטריגירען איהם.

מיר וועלען זיך אומקעהרען צום פסוק „**לא** תסגיר עבד **אל אדניו**", לויט אַ צווייטע מיינונג אין תלמוד ווערט קאָמענטירט דער פסוק אויף פאָלגענדען אויפן אויב ער ענטפערט איבער דעם „עבד כנעני", וועלכער איז געווען אין ארץ ישראל — קיין חוץ לארץ, צו איינעם, שאַפענדיג צו איהם דאַדורך אַ שווערע לאַגע, ווערט ער דאַדורך בעפרייט 17).

אָדער ווען ער ענטפערט איהם איבער צו אַ ניט יוד, מאַכענדיג איהם פאַר אַ שקלאַף, (ווי ס'איז געווען ביי אַנדערע פעלקער) ווערט ער אויך צוליב דעם בעפרייט 18).

אין מען בעשטראָפט דעם „האַר" אַז ער זאָל אויסלייזען זיין אַרבייטער און געצען דינער, זאָגאַר דער לעצטער וויל פאַר איהם היגדערט מאָהל אַזוי פיהל פון זיין ווערט, און נאָכמעהר ערקלערן די „בעלי התוספת" אַז דער אַרבייטס געבער ווערט געקנס'ט אפילו מיט מעהר ווי הינדערט מאָהל אַזוי פיהל ביז ער זאָל איהם בעפרייען פון שקלאַפען האַלטער 19).

דער דאָזיגער „קנס" איז אייגענטליך די סאַטיספאַקציע פאַר'ן „עבד כנעני" פאַר זיין קורצע פערשקלאַפונגס שרעק!

אין זאָגאַר ער קויפט אַ ניט יודישען קנעכט פון אַ געצען דינער, אויפ'ן בעדינגונג איהם צו בעפרייען מוז ער דאָס פערווירקליכען, זאָגאַר ער האָט פאַר איהם די גרעסטע סומע געגעבען דאָס מוז ער איהם בעפרייען אין דאָס יודישע געריכט צווינגט איהם דאַצו! 20).

איך מיין אַז דער וועג ווייזער פון אָט די געזעצען זענען די רייד פון בן סירא וועלכער ערקלערט פאָלגענדעס.

עבד

14) ספרי שם. 15) משלי ל. 16) אבן עזרא שם. 17) גיטין מ"ה ובספרי תשא. 18) שם. ובספרי שם ילפינן זה מקרא ובירושלמי לעכו"ם אפי' בארץ ישראל. 19) גיטין (מ"ה) יבמות (צ"ג) קידושין (ס"ג). 20) בן סירא ל"ג.

עבד נאמן
שמר כנפשך
כי נפשך
קשורה בנפשו.
כשאר בשר
יהיה לך
ואהבת לו
כמוך 21)
עבד נאמן
אל תלחץ 22)
אל תהי
ליש בביתך.
ואכור לעבדך 23)
אהב עבדך
כמוך
ולא תמנע
רגעי חופש ממנו 24)

א בעגלויבטען דינער
היט אָב ווי דיין אייגען לייב!
וואָרום דיין קערפּער
איז פערקניפּט אין זיינעם.
ווי א פאמיליען פריינד זאָל ער
זיין צו דיר.
זאָלסט איהם ליב האָבען
ווי זיך זעלבסט
דעם בעגלויבטען דינער זאָלסטו
ניט אונטער דריקען!
זאָלסט ניט זיין אווילדער לייב
אין דיין הויז
און א טיראַן צו דיין דינער,
ליב דיין דינער ווי זיך
זעלבסט.
און פערמייד ניט פון
איהם מינוטען פון פרייהייט.

דוכט זיך אַז אָט די ווערטער, זענען אַגענוגענדע אילוסטראַציע צו דערוויזען דאַדורך דאָס רעכט אויך פון די „עבדים כנענים״. און אַז זיי זענען ניט מצהר ווי אונטערגעוואָרפענע דיסציפּלינאַרע דינער „אָבער ניט קיין קנעכט אָדער שקלאַפען״!

מערקווירדיגע רעכט פון „עבד כנעני״.

ניט בלויז ביים „עבד עברי״ איז דא דער לאו פון „לא תרדה בו בפרך״ נאר אויך ביי „א עבד כנעני״ איז פון עטישען שטאַנדפונקט ניט דערלאָזבאַר, צו אַרבייטען מיט איהם שווערע פיזישע ארבייט „די האָסט נור אין ניט יודישען דינער געוועהנליכע אַרבייט״ 1). אָבער ניט קיין שווערע אַרבייט 2).

דער וועלכער דערבאַרעמט זיך אויף א פרייען מענש, „דערבאַרעמט זיך אויך אויף אַ עבד כנעני״ 3).

דאָס רחמנות געפיהל דאַרף אויך זיין איבערען „עבד כנעני״. און ס'איז טאַקי אַ הומאַניטאַרער פליכט. צו בעפרייען אַ ניט יודישען דינער ווען ער ווערט בעפאַנגען דורך שקלאַפען האַלטער, פונקט ווי ס'איז דער פליכט יעדען מענש פון זייא צו בעפרייען 4).

דאָס בעווייזט אונז קלאָר און דייטליך פאָלגענדע דעפיניציע, דער עבד כנעני

---

21) בן סירא ל״ג. 22) בן סירא ו׳. 23) בן סירא ד׳. 24) שם.
1) ספרא בהר. 2) הג״ם „בהתורה והמצוה״. 3) גיטין י״ב. 4) גיטין ל״ז תוספת שם. וירושלמי.

כנעני איז אבסאָלוט קיין שקלאַף ניט וואָרום. אויב ער איז ביים יוד אַ שקלאַף טאָ וואָס איז שייך צו זאָגען אַז ס'איז אַ עטישע פליכט צו בעפרייען איהם פון די שקלאַפען האַלטער, (און בלייבט ווייטער ביים יודישען ארבייטס געבער) ווען ער בלייבט ווייטער אַ שקלאַף?

ווי ווייט עס איז דער ציל איהם צו בעפרייען פון זיי, קען דינען פאָלגענדע צוטאַט מ'מעג געהן אויף אַ יאַריד פון געצען דינער, חאָטש ס'איז געגען די יודישע עטיק. (צו געהן און די ערטער וואו די געצען דינער פראַווען דאָרט זייערע אָרגיעס) אָב קויפען פון זיי קנעכט און דינסטען ווייל ער ראַטעוועט זיי פון זייערע ברוטאַלע הענד 5).

ער דאַרף דאָס טאָן! ווייל דער עבד כנעני איז אויך דיין ברודער! 6).

דער עבד כנעני פון תלמיד חכם, ווערט אויך פאַרעכענט אַלס תורה געבילדעטער מענש, 7).

דער דינער פון מלך, ווערט פאַרעכענט אַזוי ווי דער קיניג, 8) מערקווירדיג זענען די ווערטער פון ירושלמי, וועלכער פאַרצעהלט פאָלגענדעס.

ר' יוחנן ווען ער האָט פלייש געגעסען, האָט ער דערפון זיין „עבד כנעני" געגעבען.

ווען ער האָט געטרונקען וויין האָט ער אויך דערפון זיין ניט יודישען אַרבייטער געגעבען, און גערופען אויף זיך דעם פסוק פון איוב, צו קען איך גרינג שעצען, און באַליידיגען מיין קנעכט, ער איז דאָך גלייך מיט מיר פון זעלבען אָרט אַרויס געקומען 9).

די פאַרצייטיקע חכמי התלמוד פלעגען געבען צו עסען זייערע ניט יודישע ארבייטער פריהער פאר זיך 10).

צו איז דען דאָס ניט קיין פרייהייט און גלייכהייט און פולען זינן פון די ווערטער.

צו איז אַ טייל דערפון בעקאַנט די סאָציאַלע פאָרשער, וועלכע שטורמען אַזוי אויף דער תורה אין תלמוד וועלכער דולדעט לויט זיי שקלאַפעריי. —

דאָס איז זיי געוויס ניט בעוואוסט, וואָרום יעדער מענש וואָס האָט נור אַ „מוח בקדקדו" וועט דאָך ניט זאָגען, „אַז ליעב האָבען דעם אַרבייטער ווי זיך זעלבסט" און געבען איהם צו עסען, פאַר זיך אַליין. אָט דאָס הייסט גאָר שקלאַפעריי.

אַ בעקאַנטער תלמודישער געזעץ זאָגט „בן נח נהרג שהי"ל ללמוד ולא למד"! אויב ווען ער ענטשולדיגט זיך אַז דער קוואַהל פון זיין פאַרברעכען איז געווען די אונוויסענהייט, — ראַטעוועט איהם דאָס ניט פון קיין שטראָף ווייל ער האָט געדאַרפט לערנען...

איך מיין עס וועגען די עמי הארצים, פון אַזעלכע טיפען ווי „אינגערסאַל" וועלכע פלאַפלען דאָס פון יודישען ברוטאַליטעט, און שקלאַפעריי, אַז זיי בעדאַרפען

5) ערובין מ"ז כתובות נ"ז מ"ק י"א ע"ז י'. 6) ב"ק ד' ס"ח וגיטין ל"ח. 7) עבודה זרה ל"ט. 8) שבועות מ"ז. 9) ירושלמי ב"ק פ' החובל הלכה ד. 10) כתובות ס"א.

בעדאַרפֿען זיצען אויף די בעשולדיגונגס באַנק זיי קענען זיך ניט ריינוואַשן אַז זיי האָבען ניט געוואוסט, ווייל מ׳קריטיקירט ניט קיין זאַך איידער מען לערענט עס גוט דורך אָביעקטיוו. זיי האָבען אַבסאָלוט קיין אַהנונג ניט אין יודענטום, פונקט ווי זיי זענען ווייט פון די עטיק, פאַר וועלכע זיי פערגיסן קראָקאַדעל טרעהרען...

צו בעציהט מען זיך מיט אזא הומאניטעט צו א שקלאף?

די תורה דולדעט שקלאַפעריי צאָרענען די אַטעאיסטישע ביבעל קריטיקער, אָבער ווי שטיקער איינ וועלען זייערע רייד צוגעהן אַ קעגען די זון שטראַהלען פון דער תורה.

וואָרום די „ברכת-כהנים" אין וועלכע עס געפינען זיך אַזעלכע גליק וואונשען, ווי.

ג—ט זאָל דיר בענשען, (מיט מאַטריעלע גליקן) און זאָל דיר באַשערמען פון שלעכטס, ג—ט זאָל מאַכען לייכטען זיין פנים צו דיר, און דיר לייטזעליגען (ד. ה. געבען דיר חן) ג—ט זאָל דיר ליידען, (ער זאָל אויף דיר ניט צאָרענען) און טאָהן צו דיר פרידען, אָט די ברכות — זאָגט דער ספרי — געהט אויך אַרויף אויף „עבדים כנענים" ד. ה. אַז מען ווינשט זיי דאָס אַלעס, 1). און פון דעם קען מען בעגרייפען אַז דער „עבד כנעני" איז ניט קיין שקלאַף, וואָרום צו בענשט טאַקי א טיראַן זיינע שקלאַפען אַזעלכע ברכות?...

איינער פון די חכמי התלמוד, האָט אַמאָהל פאַרשעמט (צוליב א שטודיום צוועק) זיין ניט יודישע דינסט האָט ער איהר דערפאַר בעצאָהלט געלד ענטשולדיגונג 2).

טאַקי דער זעלבער אמורא, זאָגט צום דינסט און אַרבעט זענען זיי געגעבען געוואָרען אָבער ניט צו פאַרשעמען זיי 3).

ווי פעריל און בריליאַנטען שעמערירען, מיט זייער גלאַנץ און פראַכט די ווערטער פון ספר חסידים, אָט וואָס ער שרייבט וועגען די טעמאַ.

מען טאָר ניט פאַרשעמען זיין ניט יודישען אַרבייטער אָדער דינסט, אויב זיי האָבען ערפילט זייער אַרבייטס פליכט טאָר ער ניט זיין קיין קריטיקער, און זיי צו זאָגן איהר ניט ווי געהעריק ערפילט אייער פליכט עס איז פון עטישען שטאַנדפונקט גישט דערלאָזבאַר 4).

מיט׳ן גרעסטען טאָלעראַנץ האָבען זיך די חכמי התלמוד בעצויגען צו זייערע ניט יודישע אַרבייטער ווי עס דערצעהלט פאָלגענדער עפיזאָד.

ר׳ יהודה הנשיא — פאַרצעהלט דער מדרש — איז אַמאָהל געקומען פון מרחץ ער האָט זיך אין דעם מאָמענט פעראינטערעסירט מיט כלל זאַכען דעמאָלט האָט זיין עבד כנעני אָנגעגאָסען אַ כוס וואַרימען געטראַנק און עס פאַר איהם אַוועק געשטעלט

---

1) ספרי נשא, ועיין סוטה ל״ח, ויש בזה אריכות. 2) נדה ס״ז. 3) נדה שם. 4) ספר חסידים, יעיין ב״ק פ׳ החובל בעבד כנעני של אהרים וכו׳.

געשטעלט צוליב דעם אָבער וואָס רבי איז געווען זעהר פּערנומען האָט ער נישט באַמערקט דעם כּוס,—דער ארבייטער איז דערווייל איינגעשלאָפען ווען רבי איז פאַרטיג געוואָרען פון זיין אַרבייט, האָט ער שוין נאַטירליך געטראָפען פאַר זיך אַ קאַלטען כּוס מיט גיטראַנק אין ער האָט איהם נישט אויפגעוועקט אַז ער זאָל פאַר איהם צוואַרעמען דאָס געטראַנק נור ער האָט געזאָגט פאָלגענדע ווערטער „זיס איז דער שלאָף פון אַרבייטענדען" 5).

אין טאַקי ביי אָט דעם ר' יהודה הנשיא, פאַרצעהלט דער ירושלמי נאָך אַ מערקווירדיגען פאַקט וועלכער קען אילוסטרירען די הומאַניטאַרע בעציהונג צום אַרבייטער, אָט וואָס.

ווען גרמני דער עבד כנעני פון ר' יהודה הנשיא, איז דורך אַצופאַל געוואָרען צוביסען דורך אַ משוגענעם הונט. (אין ער איז געווען נאַטירליך זעהר געפערליך) האָט מען אָנגעווענדעט די שטאַרקסטע ענערגיע צו חאַפּען דעם הונט און איהם צו טויטען כּדי מען זאָל איהם קענען געבען אַ שטיקעל פון זיין לעבער וועלכעס איז אַ הייל מיטעל לויט'ן תלמוד צו די דאָזיקע געפערליכע פערגיפטיגונג חאָטש דאָס חאַפּען דעם הונט איז געווען פערבונדען מיט אַ טויט קאַטאַסטראָפע, (וואָרום טאָמער צובייסט ער די כאַפּערס) דאָך צוליב די אידעע פון ראַטעווען אַ מענש, האָבען זיי זיך מוסר נפש געווען די רעטונגס אַרבייט האָט געהאַט ערפאָלג, דער עבד כנעני איז טאַקי פאָלקאָם געזונד געוואָרען 6) צו וואָלט אַזעלכעס פּאַסירט און רוים צו אין אַטהען?

און איך שטעל טאַקי נאָכאַמאָל די פראַגע צו בעצוהט מען זיך מיט אַזאַ הומאַניטעט צו אַ שקלאַף?

ווען דער „עבד כנעני" איז פערבלאָנדזשעט אין אַלאַבירינט אין מאַטריעלען אָדער גייסטיגען זין בעדאַרף מען איהם ווייזען דעם וועג, — געבען איהם די גוטע עצה, חאָטש צו אַזאַ „עבד" וועלכער איז ווייט פון גערעכטיקייטס טעהאַטען ווי „הורדוס" איז געווען... וואָרום דער לעצטער, האָט דורך אַ בלוט באַד די חשמונאים דינאַסטיע פערטיליגט, אין דאָך?... צאָהלט מען מיט גוטס פאַר שלעכטס, מען גיט איהם די גייסטיגע רעטונגס מיטלען, זיין נשמה צו רייניגען אַזוי האָט געטאָהן בבא בן בוטי און בעגרייפט איהר דעם אידעאַל פון אָט דעם תנא 7)

נאָכמעהר אָט דער „עבד" האָט בבא בן בוטין די אויגען אויסגעשטאָכען, פערטיליגט פיל פון די חכמים, — האָט ער גיט געזאָגט „קבורת חמור יקבר"!... ניין! ער האָט איהם געראַטעוועט פון שרעקליכען זימפף, צו האָט טאָלסטאָי דער פּרעדיגער פון „צאָהלען גוטס פאַר שלעכטס" און גיט צאָהלען מיט קיין טראָר פאַר טעראָר — געקענט עס אַדורך פיהרען אין לעבען יאָ ער האָט געקענט שרייבען גוטע אותיות אָבער ניט פּראַקטיצירען זיי אין לעבען...

ווייל די ליידענשאַפטן און אינסטינקטען וועלכע זענען אין בלוט און פלייש, זענען פיל שטאַרקער ווי די ווערטער פון דאָס בוך...

אַזוי

5) מדרש רבה קהלת. 6) ירושלמי יומא פ"ח הלכה ה'. 7) בבא בתרא ד'.

אַזוי איז אָבער ניט געווען ביי די חכמי התלמוד, (בּרייטער וועגען דעם אין אונזער טייל וועגען אַרבייט).

זיי האָבּען די אידעאַלען וועלכע זיי האָבען געפּרעדיגט און לעבען פּערווירקליכט.

אַזוי בעציהט מען זיך זאָגאַר צו אַ שלעכטען עבד פון דעם קען מען דן זיין אַ קל וחומר, ווי זשע איז שוין די בעציהונג צו אַ עדעלען און קלוגען עבד? זאָגט טאַקי שלמה פּאָלגענדעס.

אַ קלוגער עבד בעדאַרף געוועלטיקען אויף אַ שלעכטען זוהן, און צווישען די ברודער בעדאַרף ער נעהמען אַ חלק און דער נחלה... 8).

עס איז אויך דאָ אַ מאָמענט פון גלייכהייט פון אַרבייטער. און אַרבייטס געבער, און די בּאָדען פּרוכטען, און דאָס איז שמטה יאָהר ווי עס ערקלערט פאָלגענדער תורה געזעץ.

עס זאָל זיין די רוהונג פון לאַנד (ד. ה. „ספיחים") צו אייך צו עסען. צו דיר צו דיין אַרבייטער, צו דיין דינסט. און צו דיין געדינגענעם,

„די זאָלסט זיך נישט פיהרען און שמטה יאָהר מיט דיין באָדען ווי אַ בעל הבית, ביי אַלע זאָלען זיין גלייך די אין דיין אַרבייטער".

און די דאָזיגע גלייכהייט וואָס די תורה גוט שטייט דייטליך „ולעבדך", פון דעם קענען מיר בעגרייפען ווי ווייט דער „עבד" איז פון קנעכטשאַפט און שקלאַפעריי.

די עטישע רעזומע פון רמב"ם וועגען עבדים כנענים.

ראיתי עבדים על סוסים ושרים הולכים
כעבדים על הארץ. (קהלת י')

רחמנות „פילאַנטראָפּיע" זענען ווי בעקאַנט, געגען די „קאָמוניסטישע" פּרינציפּען, פאַר זיי איז עס נישט מעהר ווי געפעלשטע סענטימענטען, דאַגעגען עקזיסטירט ביי זיי אַנדערע ווערטער, ווי „קאָלעקטיוו" „אינטערנאַציאָנאַל". וועלכע זענען דאָס פייגענבלאַט צו פאַרדעקען דעם שענדליכסטען טעראָר, ס'איז זעלבסט פאַרשטענדליך (ווי איך האָב עס שוין אויך באַמערקט און מיינע ערשטע פּרקים) אַז צו די דאָזיגע לייט קען מען ניט רעדען וועגען די הומאַניטאַרע דערבאַרמונגס געזעצען פון דאָס יודענטום, ווייל זיי ווילען זאָגען „אפכא מסתברא".. נור וויא שוין געזאָגט זענען מיינע ווערטער פאַרן רעליגיעזען פּראָלעטאַריאַט זאָל ער זיך בעקאַנען מיט די רייד פון רמב"ם ז"ל. וואָס ער זאָגט זאָגאַר וועגען נישט יודישע עבדים.

זאָל ער וויסען דעם קאָנטראַסט פון עפּיס אַ „פּרייען פויגעל" צו דעם מעכטיגען ריעזען, אַדלער וועלכער רופט זיך רמב"ם.

זאָל

8) משלי י"ז.

זאָל ער וויסען דעם קאָנטראַסט פון אַ פערקאָפּטשעט נאַפּט לעמפּעל, צו אַ ריעזען רעפלעקטאָר...

זאָל ער זעהן אין די יודישע געזעצגעבונג דעם הויכען אידעאַל פון נביא. דאָס געזעץ וועט זיך צופליסען ווי וואַסער, און גערעכטיקייט וועט זיך צוגיסען ווי אַמעכטיגער שטראָם 1).

זאָל ער וויסען דעם קאָנטראַסט פון „אַדאָקטער"... צו אַ שיפס קאַפּיטאַן, און פלוג וואָס איז דער אונטערשעיד פון ביידע? דאַכט זיך אַז ביידע געהן ראַטעווען דעם אומגליקליכען, אָדער וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט ס'איז דאָ צווישען זיי, ווארים דער דאָקטער פאַרשטעהט דאָס אומגליק פון קראַנקען, אָבער ער פיהלט איהם ניט, אויב דער קראַנקער וועט שטאַרבען וועט דאָס איהם גאָר נישט שאַדען.

דאַגעגען דער שיפס קאַפּיטאַן ווען ער ערשיינט פאַר די רייזענדע און אין מאָמענט ווען די כוואַליעס דערהויבען זיך די שיף צו דערטרינקען, און זאָגט זיי „איך וועל אייך ראַטעווען" איז קיינער קיין סקעפּטיקער נישט, פאַרוואָס ווייל ער פיהלט אויך די טראַגעדיע וואָרום אויב די קאַטאַסטראָפע וועט געשעהן וועט דער שיפס קאַפּיטאַן אויך פערלאָרען ווערען... איבער דעם, דער וועלכער פיהלט די טראַגעדיע פון אומגליקליכען קען אָנגריפען וועגען אין אַלעגאָרישען זין „שיפס קאַפּיטאַן"!

זאָגט טאַקי דער תלמוד, אַז אברהם אבינו וועלכער האָט זיך אין די גרעסטע פלאַמען פייערן געוואָרפען, אבי צו ראַטעווען לוט'ן פון זיין פערשקלאַפונג (האָט ער דאָס אלזא געפיהלט מיט'ן האַרץ) איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען שיפס קאַפּיטאַן.

עס פאַרשטעהט זיך אַז קאַלטער היסטאָרישער מאַטעריאַליזים „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" מאַטעמאַטישע ציפערען פון קאַפּיטאַל זענען ניט בכח אָנצוצינדען אהאַרץ עקסטאַז אין מענשען, אַז ער זאָל פיהלען די קריטישע לאַגע פון אומגליקליכען „ועבד ושפחה מסטרא דתפילין דיד" ערקלערט דער תקוני זוהר 2).

דאָס בעדייט לויט מיין מיינונג פאָלגענדעס, תפלין של יד איז אַ סימבאָל פון האַרץ פיהלינג (ועל היד כנגד הלב...) ווערט טאַקי געמיינט דערמיט, אַז דער וועלכער אינטערעסירט זיך מיט די לאַגע פון אָרימען און שוואַכען דאַרף דאָס זיין אַ פּראָדוקט פון רגש-הלב, (ניט בלויז פון פאַרשטאַנד פון מוח) „ער דאַרף זיין אַ שיפס קאַפּיטאַן" וואָס יענעמס ליידען זענען אויך זיינע און דאָס איז געווען דער רמב"ם ז"ל לעזט זיינע ווערטער וועלכע זענען געזאָגט געוואָרען מיט רעליגיעזען פּאַטאָס.

מדת חסידות ודרכי חכמה, שיהיו אדם רחמן	די עטיק פון פרומקייט אין די וועגען פון קלוגשאַפט זענען אַז אַ מענש זיין אַ דערבאַרעמדיגער אין

1) עמוס ו'. 2) וישלח.

ורודף צדק
ולא יכביד עולו
על עבדו
ויאכילהו וישקהו
מכל מאכל ומכל משתה
חכמים הראשונים
היו נותנין לעבד
מכל תבשיל
ותבשיל שהיו אוכלין
ומקדימין מזון העבדים,
לסעודת עצמן,
וכן לא ירזהו ביד

ולא בדברים.
לעבדות מסרן הכתוב
ולא לבושה.
וכן מפורש בדרכי
איוב הטובים שהשתבח בהם

אם אמאס משפט עבד וכו׳

ואין האכזריות מצויה
אלא בעכו״ם
אבל זרעו של אברהם
אבינו
והם ישראל שהשפיע להם
הקב״ה
וצוה אותם בחקים
ומשפטים צדיקים
רחמנים הם על הכל
וכך מדותיו של הקב״ה
שצוונו להדמות אליו.
הרי הוא אומר ורחמיו
על כל מעשיו
וכל המרחם מרחמין
עליו 3)

און זאָל שטרעבען צום גערעכטיקייטס אידעאל,
און ער זאָל ניט באַשווערען דעם יאָכט אויפזיין
אונטערגעוואָרפענעם דיסציפלינאַרען אַרבייטער,
ער זאָל איהם געבען צו עסען און צו טרינקען,
פון יעדער עסענוואַרג און פון יעדער געטראַנק,
די פאַרצייטיגע חכמים,
פלעגען געבען זייערע דיסציפלינאַרע אַרבייטער
פון יעדער עסענוואַרג וואָס זיי האָבען
געגעסען
זיי פלעגען געבען זייערע אַרבייטער פריהער
צו עסען פאַר זיך אַליין
ער זאָל נישט זיין ברוטאַל צו פאַרשעמען
דעם אַרבייטער דורך זיין האַנד...
און אויך נישט דורך קיין זידעל ווערטער
וואָרום די תורה האָט זיי איבער געגעבען
צום דינסט אָבער נישט צו פאַרשעמען זיי?
און דאָס זעלבע ווערט ערקלערט און „איוב״
אין יענע עטישע וועגען, מיט וועלכע ער
האָט זיך געריהמט.
צו קען איך גרינג שעצען דאָס געזעץ פון
מיינע דינער, וואָרום כ׳בין דאָך גלייך ווי זיי
פון אָרט אַרויס געקומען!
ברוטאַליטעט טיראַניי געפינט זיך נור ביי
געצען דינער,
אָבער אברהמס קינדער,
וועלכע זענען די יודען וואָס ג–ט האָט זיי
באַשטראַהלט מיט תורה גוטסגייט,
און האָט זיי געבאָטען מיט גערעכטע
געזעצען.
זענען דורך דער תורה דערבאַרעמדיג אויף
יעדער וועזען,
און אַזוי זענען די וועגען פון ג–ט וואָס ער
האָט אונז געהייסען זיך גלייכען צו איהם!
זאָגט דאָך דער פסוק זיין דערבאַרמונג איז
אויף יעדער וועזען
נור דער וועלכער דערבאַרעמט זיך אויף
אַ צווייטען איז ווערט אַז מען זאָל זיך
אויף איהם דערבאַרמען.

דאָס

3) רמב״ם ה׳ עבדים פ״ט.

דאס איז די גרויסע לעהרע פון גרויסען שיפס קאפיטאן רמב״ם ז״ל ?

און די רעליגיעזער ארבייטער ווען מ׳וועט דיר קריטיקירען, זאגענדיג דאס איז „מיטעלאלטערליכע סענטימענטען״... זאלסטו זיי ענטפערן אייער וועג איז נאך פון אלטערטום פון יענע עפאכע ווען ס׳האט געהערשט די ברוטאליטעט און נידערטרעכטיקייט פון דור המבול...

ווענען דאס פאמיליען לעבען פון די עבדים כנענים.

די שקלאפען האלטער זענען געווען די בלוטיגסטע פיינד פון שקלאף אדער קנעכט. ס׳פארשטעהט זיך, אז עס האט זיי גאנץ קנאפ געקימערט. ווענען באזוכען דאס פאמיליען לעבען פון שקלאף...

זיי האבען געוואלט אז „קבורת חמור יקבר״.. אבער דער „עבד כנעני״ ביים יודישען ארבייטס געבער איז נור א דיסציפלינארער ארבייטער, ווערט ער טאקי בעזארגט אין אלע הינזיכטען, אויך זיין פאמיליען לעבען ווערט געשיצט דורכ׳ן געזעץ.

אין דער וועלכער איז „א חציו עבד וחציו בן חורין״ ניט האבענדיג די מעגליכקייט צוליב רעליגיעזע מאטיווען צו נעמען א פרוי, צווינגט דאס יודישע געריכט דעם האר אז ער זאל איהם בעפרייען, ווייל מאטיווירען די „בית שמאי״ „איהר האט גוט איינגעארדענט דעם האר אבער ניט דעם ארבייטער ?, 1)

און בית הלל האבען מודה געווען צו די בית שמאי צוליב אט די מאטיווען, ווי אזוי ס׳איז געזארגט געווארען פאר זיין פאמיליען לעבען אילוסטרירט אויך פאלגענדע מיינונג פון ירושלמי.

אז אום חול המועד, ווען מען טאר ניט חתונה האבען, ווייל — גוט און דער תלמוד א מאטיוו — יעדער מענש וועט ווארטען אויף חול המועד וואס דעמאלט האט ער צייט און ממילא וועט דאס שטערען צו „פריה ורביה״ — און אויך א עבד כנעני טאר דעמאלט (ד. ה. אום חול המועד) גיט חתונה האבען טאקי צוליב׳ן זעלבען מאטיוו, (ווייל כ׳ווערט געשטערט זייער פארמעהרונג) 2).

מערקווירדיג זענען אויך די רייד פון די משנה אז א ממזר קען זיינע קינדער ריין מאכען (אז זיי זאלען מעגען חתונה האבען מיט א יודישע טאכטער) דאדורך וואס ער נעמט א שפחה, און צוליב דעם. איז שוין דער צוקונפטיגער דור פאלקאם ריין ! 3).

די רעליגיעזע פונקציעס פון עבד כנעני.

דער קלאנג פון די שקלאף קייטען. וועלכע זענען געווען אויפ׳ן קנעכט. האבען געדינט אלס ארקעסטער מוזיק פארן דעספאט.

דאגעגען

1) גיטין מ״א פסחים פ״ז חגיגה ב׳ ב״ב י״ג 2) עדיות פ״א מ״י ערכין צ״ב. 3) קידושין ס״ט.

דאַגעגען דעם עבד כנעני וועלכער איז קיין קנעכט נישט. איז טאַקי איבער בעגעבען געוואָרען. אַ ווירקליכען אָרקעסטער צו שפּילען אויף איהם. אין בית המקדש.

די ניט יודישע אַרבייטר פון די כהנים — זאָגט די משנה — פלעגען שפּילען אויפ'ן חליל (פלייט) אין בית המקדש 1).

עס איז זיי (ד. ה. די „עבדים כנענים") איבער געגעבען געוואָרען נאָך רעליגיעזע פונקציעס. און אַ געוויסע עפּאָכע פאַרצעהלט דער תלמוד האָבען אַ קיניג און אַ קיניגען געזאָגט צו זייער עבד, „געה און שחט פאַר אונז דעם קרבן פסח"!

דאָס אילוסטריט אַז זיי האָבען זיך בעציגען צו זייערע „עבדים כנענים" מיט רעספּעקט טרויענדיג איהם אַ וויכטיגע רעליגיעזע אַרבייט. 2).

בכלל פון זיין רעליגיעזען פליכט זאָגט דער תלמוד „אַז אַ עבד כנעני איז פערפליכטעט צו היטען די געזעצען וועלכע אַ פרוי איז פערפליכטעט". (לה לה מאשה), ס'ווערט אויך ערקלערט און תלמוד „אַז עבדים כנענים קענען פאַר זיך בענשען מיט „מזומן" 3). אין איין „עבד" ווערט אַ צעהנטער צום „מנין" 4).

גייסטיגע דערהויבענקייט ביי „עבדים כנענים".

דער הויכער אידעאַל פון אַבסאָלוטער אונשטערבליכקייט וואָס נור יחידי סגולה זענען צו איהם זוכה, געפינט זיך אויך ביי „עבדים כנענים"...

אליעזר עבד אברהם — זאָגט אַ אַגדה איז אַריין און גן עדן לעבדיגערהייט 1).

דער נבואה גייסט בעצוהט זיך אויף אויף עבדים. אין אויך אויף עבדים און שפחות וועט אין די צוקונפט זיין מיין נבואה גייסט. 2) און געזעהן האָט אַ דינסט אויפ'ן ים וואָס יחזקאל הנביא האָט אין זיין צייט נישט געזעהן... 3).

איך שטעל פאַר עדות הימעל און ערד אַז סיי אַ „עבד" און אַ שפחה לויט זייערע טעהאַטען רוהט אויף זיי רוח הקודש 4).

איך וואָלט געקענט ברענגען נאָך פיהל צוטאַטען נאָר איך דענק אַז די צוטאַטען זענען שוין גענוג...

די תורה בעוואוסט'זיניקייט פון די „עבדים כנענים".

דעם פּראָלעטאַריאַט היט מען אָפּ אויף אַ קונסטליכען אופן פון דער וויסענשאַפט און קונסט צאָרגען די פּראָלעטאַרישע פערזאָרגער, דאַדורך וועל איך דאָ ברענגען איינינגע צוטאַטען אום צו בעווייזען ווי פיל די עבדים כנענים, זענען געוועזן געבילדעט און דער תורה 1).

ווענען

1) ערכין י' ותוספתא שם. 2) פסחים פ"ח. 3) ברכות מה. 4) ברכות מ"ז.
1) דרך ארץ זוטא פ"א מס' סופרים פכ"ט. 2) יואל ג ב. 3) מכילתא יתרו. 4) תנדב"א פרק ט'.
1) כדאי צו באמערקען אז אין אלטערטום איז געוועזן פערבאטען די ארבעטענדע פערזאנען צו לערנען וויסענשאפט ווי אין אינדיען און עגיפטען די וויסענשאפט איז געוועזן א אייגענטום. פון די הערשענדיגע קלאסען א געהיימעס וואס די פערשקלאפטע האבען נישט געטארט וויסען.

וועגען „אמהתא דרבי" (די נישט יודישע דינסט פון רבין) ווערט פארצעהלט און תלמוד מערקווירדיגעס וועגען איהר וויסען און בעגרייפען די תורה וויסענשאפט אויך וועגען איהרע פילאָלאָגישע קענטעניסען אין די העברעאישע שפראך און וואונדערבאר! איינציגע חכמים, האָבען איהר געהאלטען פאר א קאָמענטאָטאָרען צו פארשידענע העברעאישע ווערטער, איהר פערטייטשונג איז געוועןן מאסגעבענד אזוי פארצעהלט דער תלמוד, „די רבנן האָבען נישט געוואוסט די בעדייטונג פון וואָרט „סירוגין" ביז וואנען זיי האָבען געהערט ווי רבי'ס דינסט האָט געזאָגט צו די חכמים, וועלכע פלעגען אריין געהן טיילווייז פארוואס געהט איהר סירוגין (געהיפערט), זיי האָבען נישט געוואוסט די בעדייטונג פון דאָס וואָרט „חלוגלוגות" ביז זיי האָבען געהערט און א געוויסען טאָג ווען א מענש האָט פערשפרייט אזא מין גריגוואַרג (וואָס איז זיינע צייט געוועזן פופילער) האָט זי איהם געפרעגט ווי לאנג נאך וועסט די פערשפרייטען דיין „חלוגלוגות" זיי האָבען נים געוואוסט די בעדייטונג פון דאָס וואָרט „סלסלה" ביז זיי האָבען געהערט ווי רבי'ס דינסט וועלכע האָט געזעהן ווי א מענש האָט זיך געקרייזעלט די האָר האָט זי איהם געפרעגט „עד מתי אתה מסלסל בשערך". ?

זיי האָבען נישט געוואוסט די בעדייטונג פון וואָרט „וטאטאתיה במטאטא" ביז וואנען זיי האָבען געהערט ווי זי (ד. ה. רבי'ס דינסטן האָט געזאָגט צו א צווייטע שקילי טאטיתא וטאטי ביתא) נעם א בעזים און קעהר אויס די שטוב) 2).

פון דעם קען מען זעהן אז ס'איז נישט געשאפען געוואָרען קיין „נומערוס קלאוזוס" ביים יודישען פאלק פאר'ן אָרימען און ארבייטענדען עלעמענט.

און מערקווירדיג זאָגאר פון א נישט יודישע דינסט האָבען די חכמי התלמוד געלערענט צו בעגרייפט איהר דאדורך דו רעספעקטירונג פון די חכמי התלמוד. צו יעדען מענש?

איהר קענט אויך דערפון בעגרייפען ווי ווייט די שפחה כנענית איז פון קנעכטשאפט און שקלאפעריי, פון קיין שקלאף לערינט מען נישט...

און נאָכמעהר און תלמוד מס' „נזיר", 3) וועגען דעם וואָס די משנה זאָגט אז דורך די ווערטער „הריני מסלסל" ווערט א נזיר ווייל די בעדייטונג דערפון איז אז ער וויל ווערען א אסקעט אין טראָגען לאנגע האָר און נאטירליך וועט ער זיך קרייזלען די האָר פרעגט דער תלמוד. פון וואנען ווייסט מען אז מ'מיינט אונטערען „סלסול" האָר איז דאך נור פון דעם וואָס רבי'ס דינסט האָט געזאָגט צו א מענש וועלכער האָט זיך געקרייזעלט די האָר „עד מתי אתה מסלסל וכו'". אלזא דער תלמוד ברענגט איהר מיינונג אלס מאסגעבענדען צוטאט.

אויך ווערט איבער געגעבען אין תלמוד. מיט וואָס פאר א שעהנע פראזעאָלאָגיע. זי האָט גערעדט, די דינסט פון רבי — פארצעהלט דער תלמוד — ווען זי פלעגט רעדען מיט א קלוגע שפראך, פלעגט זי זאָגען ווען זי האָט געוואָלט אז די תלמידים זאָלען שוין געהן א היים ווייל דער מאָהל צייט איז שוין געענדיגט,

דער

2) ר"ה כ"ו ובמגילה י"ח. 3) נזיר ג'.

דער ווײַן אָנשעפּער קלאַפּט שוין אין פאַס, זאָלען די אָדלערס פליהען און זײַערע נעסטען...

און אַז זי האָט געוואָלט אַז זײַ זאָלען זיך ווײַטער זעצען צום טיש, האָט זי געזאָגט לאָמיר אָראָפּ נעמען דעם שפונד פון די צווײַטע פאַס און די שעפּ וועט שווימען און פאַס ווי אַ שיף אין ים !... 4).

עס איז פאַרשטענדלעך אַז אַ שקלאַפין וועלכע שטעהט שטענדיג בײַ די קיך און ווערט פערשוואַרצט פון די סאַזעס, וועט מיט אַזאַ בלומען שפּראַך בישט רעדען.

פון דעם וואָס זי האָט בעקומען אַזאַ הויכע בילדונג, פאַרשטעהען מיר פון וויפעל פרײַהײַט זי האָט גענאָסען.

שוין פון די אויבענדערמאַהנטע ציטאַטען קען מען בעקומען אַ בעגריף פון די בעציהונג פון די חכמי התלמוד, צו איהר.

אָבער עס איז מערקווירדיג בײַ וואָסערע פראַגען איהר וואָרט האָט דעצידירט, ווען רבי איז קראַנק געוואָרען איז רבי׳ס דינסט אַרויף געגאַנגען אויפן דאַך און ערקלערט פאָלגענדעס, פון הימעל וויל מען רבי׳, מענטשין פון די וועלט ווילען איהם. און עס זאָל זײַן דער ווילען פון ג–ט אַז די מענטשען פון די וועלט זאָלען זיעגען. דאַגעגען שפּעטער ווען זי האָט געזעהן די שרעקליכע שמערצען פון רבי האָט זי געזאָגט זאָל זײַן דער ווילען, אַז די אויבערשטע זאָלען בעזיגען די אונטערשטע, דאַגעגען די חכמים, האָבען נאָך געבעטען רחמים פאַר דאָס לעבין פון רבי, ביז זי האָט גענומען אַ קריגעל און אַראָב געוואָרפען פון דאַך, דעמאָלט האָבען די חכמים אויפגעהערט צו בעטען פאַר זײַן לעבען, און רבי איז נפטר געוואָרען 5). אַזוי האָבען זיך די חכמי התלמוד פון יענע עפּאָכע צו געהערט צו רבי׳ס דינסט !

און אַ געוויסע עפּאָכע — פאַרצעהלט דער תלמוד — האָט אמהתיא דרבי געזעהן ווי אַפּאָטער שלאָגט זײַן עלטערען זוהן, האָט זי דאַן געזאָגט „דער מענש זאָל זײַן און חרם״... די חכמים האָבען באַשטעטיגט איהר אורטײַל 5).

און נישט בלויז „אמהתא דרבי״ (וועלכע איז ווירקליך געוועזן פיל געבילדעט) נור אויך אַ אײַנפאַכע דינסט — פערצעהלט דער ירושלמי איז אין אַ געוויסע עפּאָכע פאַרבײַ געגאַנגען פאַר א חדר זעהענדיג ווי דער מלמד האָט געשלאָגען זײַנע קינדער. האָט זי מיט פּאַטאָס אויס גערופען „דער מענש זאָל זײַן אין חרם״ די הכמים האָבען באַשטעטיגט איהר האַרבען אורטײַל 7). צו קען אַ שקלאַפען האָבען אַזאַ פּריווילעגיע איבער מענשען ? עס ווײַזט קלאָר אַז זי איז אַבסאָלוט קײַן שקלאַפין נִיט.

וועגען „טבין״ (דער עבד פון רבן גמליאל) וועלען מיר רעדען ווײַטער און אַ ספּעציעלען פרק.

די

4) עירובין ד׳ ג״ד. 5) כתובות ק״ד. 6) מועד קטן י״ז, 7) ירושלמי מועד קטן (פ״ג ה״א).

די איבערגעבענהייט פון די עבדים כנענים צו די תורה און חכמי התלמוד.

שלא לדחוק את החכמים. אם שלא לדחוק את החכמים, ישב לו חוץ לסוכה ? רוצה היה טבי עבדו של רבן גמליאל לשמוע ד׳ חכמים. (ירושלמי סוכה פ״ג ה״א).

דער מענש וועלכער ווערט אונטערדריקט שפירט אינסטינקטיוו אהאס צו זיין בעדריקער. און ממילא וויל ער פון זיי לעהרע נישט הערען. קיין שום לאגיק וועט נישט ווירקען אום צו היפנאטיזירען איהם מיט די לעהרע, וויל פסיכאלאגיש איז פעסט געשטעלט „אז די לאגיק איז נישט מעהר ווי א מיטעל דורך איר צו צוקומען צו די געפיהלען פון וועלכע עס פליסט די מענשליכע אינטואציע און השגה״. און אויב דער געפיהל איז געגען דעם לעהרער און זיין לעהרע. איז ער נאטירליך פיל שטארקער. ווי די לאגיק פון פערשטאנד עס איז א אקסיאמע אז קיין אונטער דריקטער וועט נישט לערנען מיט פלייס די לערע פון בעדריקער.

נישט ריכטיג איז די מיינונג פון טאלסטאי אז אונטער דריקונג איז גראדע דער מיטעל וואס דורך איהם הויבט אן דער קאלעקטיוו צו דער אינדיווי־דועלער פערזאן וועלכע ווערען אונטער דריקט — צו לערנען די אידעען פון בעדרוקער, און עס פעראורזאכט אסימלאציע, וויל דאס לעבען וויזט אז דאס איז א טעות, ווארום גראדע וואס מעהר די בעדריקער נעמען ארויס פון זייערע לאגלען ווינט אום צו פארלעשען דעם פאלקס גייסט... פון די אונטערדריקטע אליין מעהר ווערט ער פונאנדער געבלאזען עס שטארקט זיך דער פאלקס עקסטאז, דער האס צום טיראן ווערט וואס מעהר פערשפרייט דורך פראפאגאנדיסטען, וועלכע צינדען אן דאס בקמה פייער, איבער דעם איז ריכטיג יענער אפאריזים. וואס מעהר מען דריקט אונטער א מענש צו פארלעשען ביי איהם זיין נאציאנאלען גייסט ווערט ער דאדורך מיט אשנעלען טעמפא פערשטארקט. עס איז אלזא פארשטענדליך אז אויב די „עבדים כנענים״ זענען געווארען אונטער געדריקט דורך די חכמים, וואלטען זיי נישט צוגעהערט זייער לעהרע. פארצעהלט אבער פאלגענדע עפיזאד ווי פיל ענערגיע און מוה. א „עבד כנעני״ האט אנגעווענדעט צו ערררייכען זיין ציל וועלכער איז געוועזן צו הערען די רייד פון די חכמים.

דאס איז געשעהן אום סוכות, ווען די תנאים האבען זיך קאנצענטרירט אין די סוכה פון רבן גמליאל, שאפענדיג דארט א תורה אקאדעמיע, האבען דארטען דעבאטירט איבער פערשידענע פראבלעמען און ליכט פון דער תורה. גראדע דעמאלט ווערט געשאפען ביי טבין דעם נישט יודישען „עבד״ פון רבן גמליאל, א שטארקער דורשט צום תורה קוואהל, ער וויל הערען די רייד פון די חכמים, דאס איז ביי איהם א אידעאל, אבער גלייכצייטיג איז ער עקסטרעם געטריי די חכמי התלמוד, וועלכע זענען געוועזן פערזאמעלט אין די סוכה, און האט מורא געהאט. אז ער וועט זיי שאפען א אונבעקוועמ־ליכקייט מיט זיין אנוועזענהייט, צוליב דעם וואס אין סוכה וועט ווערין (דורך איהם) ענגער, דאדורך לייגט ער זיך אונטערען בעט כדי אזוי ארום, צו הערען

די

די רייד פון די חכמים, דורך אזא געפויגענקייט פון קערפער, שטרעבט ער צו דערהויבען זיין גייסט אינ'ם ליכט פון תורה, עס איז פארשטענדליך פאלגענדע אקסיאמען 1), אשקלאף איז נישט געטריי זיין בעדרוקער, אז ער זאל נישט וועלען ענגער מאכען אין א שטוב דורך זיין אנוועזענהייט 2), א שקלאף וויל נישט הערען די רייד פון בעדרוקער, אפשיטא אז ער וועט נישט וועלין ליידין כדי צו הערען איהר. פארקעהרט ער וועט ליידין כדי נישט צו הערען איהר.

דער דאזיגער פאקט אילוסטרירט אז די עבדים כנענים זענען נישט געוועזן קיין שקלאפען אין זענען גוט בעהאנדעלט געווארען דורך די חכמי התלמוד, איבער דעם ערקלערט זיך דער דאזיגער פסיכאלאגישער רעטעניש, (פון אזא עקסטרעמע איבער געבענהייט).

זאגט טאקי ר׳ מאיר. „אז ס'איז גאר אמטריעלער שאדען ווען דער נישט יודישער ארבייטער ווערט בעפרייט, — פארן עבד זעלבסט פארוואס? „וויל ער בעקומט צו עסען פון זיין האר עסט זאגאר תרומה" אין געניסט פון פיל פריווילגיעס, איז עס טאקי פאר איהם א שאדען...

מערקווירדיג וואס עס ווערט איבער געגעבין אין די מכילתא וועגען טבין — חאטש לויט'ן תלמודישען געזעץ איז א עבד כנעני נור פערפליכטעט צו היטען די געזעצען וועלכע א פרוי איז פערפליכטעט, אבער פון „א מצוות עשה שהזמן גרמא" וואס אפרוי איז פון זיי פטור. בעדארף זיי דער עבד נישט ערפילען, דאך האט טבי לפנים משורת הדין געלייגט „תפילין" ער איז געווען אנגעפילט מיט א שטארקען רעליגיעזען עקסטאז צו פערווירקליכען די תורה אידעען 3).

וועגען דעם דאזיגען מערקווירדיגען טבין זאגט אויך דער תלמוד אין „יומא" פאלגענדעס, אז ער איז געוועזן פעהיג צו בעקומין „סמיכה" ווען נישט געוויסע „צופאלען" 4).

א ענטפער די „קריטיקע"

קריטיק וועלכע איז דער דינאמיט געגען א ווערק, איבער דעם, איז פון עטישען שטאנדפונקט די קריטיק נישט דערלאזבאר. נור ווען דעם קריטיקער איז גוט בעקאנט דאס ווערק פון ארגינאל, (נישט בלויז פון עפעס א פארקירצטע איבער זעצונג).

דאס איז א געבאט פאר'ן קריטיקער. ער מוז גענוי אביעקטיוו שטודירען דאס ווערק — נאכהער איז ערלויבט די קריטיק, און אזוי פראקטיצירט זיך ביי די קריטיקער פון וועלטליכע ליטעראטור. קיינער (אפילו אזא גאון ווי

---

2) גיטין (י"ח) ומקשים לר"מ האיך כתבה התורה דעבד כנעני יוצא בשן ועין. והלא חוב הוא לו. ולק"מ דאם האדון הוא איש כזה עד שמשחית עיניו או שניו. שוב אין זכות לעבד להיות אצל אדון כזה יעיין חי׳ מהר"ץ חיות בגיטין שם. 3) מכילתא בא וירושלמי סוכה פ"ב ה"א. 4) יומא פ"ז.

ג' בראַנדעס איז געוועזן אויף אָט דעם געביט) וועט זיך נישט ערלויבען צו קריטיקירען מיט אַ בלויזען „איפכא מסתברא“ (אָן די געגנוגענדע אָריענטאַציע). מיט אַזאַ מאָס ווערט געמאָסטען בנוגע די אייראָפּעאישע ליטעראַטאָר — דאַגעגען מיט אַ אַנדער מאָס ווערט געמאָסטען, בנוגע די תורה. און איבערהויפּט, צום תלמוד, — עס קומען עמי הארצים קריטיקירען דעם תלמוד, האָטש זיי האָבען דעם תלמוד זעלבסט אַבסאָלוט נישט געזעהן, נור עפּעס אַפּאָר צוטאַטען און אַענציקלאָפּעדיע, און דאָך שרייבען זיי שוין קריטישע ווערק איבער די תלמודישע עטיק.

עס איז נישט דער „ציל“ פון דאָס דאָזיגע ווערק צו דערווייזען די אַלע עם הארצות'ן פון די תלמוד קריטיקער — נור איך וועל זיך דאָ אָבשטעלען איבער עטליכע פון זיי וועלכע זענען נוגע דאָס פּראָבלעם, פון עבדות, און ס'וועט זיך דאַדורך בעווייזען, אַז אַזוי ווי ס'אַנטיסמיטעוועט זיך... „ס'אָציאַליסטעוועט זיך“... ביידע קריטיקירען דעם תלמוד נישט אויפ'ן סמך פון זייער וויסען, נור צוליב זייער אונוויסענהייט...

נישט צוליב לאָגיק, נור צוליב ליידענשאַפטליכע שנאה...

ביידע ווילען נישט וויסען פון כלל „אַז תלמוד בעדאַרף מען לערנען אום צו בערגרייפען נישט בלויז לעזען“.

און יעצט צו דער טעמא פון מיין דאָזיגען פּרק.

זיי קריטיקירען דעם מאמר התלמוד. פון „אין קנין לעבד בלא רבו“ אַלס בעווייז אַז ביים יודישען פאָלק האָט עגזיסטירט שקלאַפעריי און פולען זון פון וואָרט, נור „כל מקום שפקרו המינין תשובתן בצדן“. טאַקי דאָס בעווייזט אַז זיי „לעזען“ נור אַצוטאַט פון תלמוד און אַענציקלאָפּעדיע, און אויף דעם סמך קריטיקירען זיי ווען זיי וואָלטען דעם תלמוד זעלבסט געלערנט וואָלטען זיי געזעהן ווי לעכערליך זייער קריטיק איז.

פאַרוואָס? ווייל אויך וועגען פרויען, זאָגט דאָך דער תלמוד. „אין קנין לאשה בלא בעלה“ צו איז דען די פרוי "לויט'ן תלמוד אַ שקלאַפין? איך ווייס אַז די קריטיקער וועלען „אין הכי נמי“... אויף דעם וועל איך ענטפערען אָט וואָס.

אָבוואָל צוליב'ן פּרינציפּ פון „כי קאי בהאי מסכתא לא תשייליה במסכתא אחריתא“ וועל איך נישט ברייט ערקלערען און דאָס דאָזיגע ווערק דאָס פּראָבלעם פון „די פרוי לויט'ן תלמוד“ ווייל דאָס פאָדערט פאַר זיך אַספּעציעלען טראַקטאַט.

אָבער דאָך וועל איך דערמאָהנען נור אייניגע מאמרים, וואָס פון זיי וועט דער לעזער זעהן צו די פרוי איז טאַקי אַ שקלאַפין?

און תלמוד געפונען זיך פאָלגענדע מאמרים. וועגען די פרוי, ומכבדה יותר מגופו [1] (ער בעדאַרף איהר ערליך האַלטען מער פאַר זיך זעלבסט).

והיינו

---

1) סנהדרין ע"ו.

והיינו דאמר להו רבא לבני מחוזא אוקירו לנשיכו (רבא האָט געזאָגט צו די מחוזא מענשען האַלט טייער אייערע פרויען). 2).

שאין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו 3) (עס איז דאָ אַ ברכה און אַ שטוב נור צוליב די פרוי).

לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו שמתוך שדמעתה מצויה אונאתה קרובה 4) (ער זאָל ניט דערצערנען זיין פרוי ווייל זי איז נאַטירליך גענויגט צו טרערען...)

„אתתך גוצא גחין ולחיש לה" (אויב דיין פרוי איז קליין טאָ בויג דיר איין און פאַרצעהל איהר דיינע מאַטריעלע ענינים כדי זיך צו בעראַטען מיט איהר) 5).

„אורחא דבר נש לומר הכי לי ניקם ערטילי ומכסי איתתי" 6). (עס איז דער שטייגער פון אַמענש צו בעקליידען זיין פרוי הגם פאַר זיך האָט ער געגעצלעך קיין מלבוש נישט...) דאַכט זיך אַז פון די ציטאַטען קען מען זעהן ווי ווייט די פרוי איז פון קנעכטשאַפט לויטן תלמוד.

און יעצט איז אונזער פליכט צו דערקלערען וואָס זשע דען ווערט געמיינט אונטער די ווערטער „אין קנין לעבד בלא רבו און אין קונין לאשה בלא בעלה"?

מיר וועלען ערקלערען צום ערשטען וועגען עבד, נעמליך די תורה זאָגט „וכהן כי יקנה נפש קנין כספו, הוא יאכל בו" ד. ה. אַז דער עבד כנעני פון כהן עסט תרומה האָטש ס'איז פערבאָטען אַזוי צו עסען תרומה און פאַרוואָס עסט דער עבד כנעני יאָ?

דאָס קען ערקלערט ווערען נור לויט'ן דערוויסען זיך פון די פריווילעגירטע בעדינגונגען פון די „עבדים כנענים" און יענע עפּאָכע.

ווייל דער עבד כנעני איז געוועזן אַ מיטגליד פון האַרס פאַמיליע. ער האָט געגעסען ביים זעלבען טיש וואָס דער האַר האָט געגעסען און אַלע זיינע באַדערפעונישען זענען דורכן האַר פאָלקאָם בעפרידיגט געוואָרען און עס איז דערפון, אַז אַזוי ווי די פרוי פון כהן עסט תרומה ווי די תורה זאָגט „ויליד ביתו הם יאכלו" (וואָס לויט די מסורה ווערט דאָ געמיינט אַז די פרוי זיינע עסט תרומה), אַזוי איז אויך, דעם עבד כנעני ערלויבט צו עסען תרומה.

צוליבען זעלבען מאָטיוו ווייל ער איז אַפאַמיליאַנס „מיטגליד"!

וואָס אַנבעלאַנגט זיינע איינקונפטען האָט שוין אויך אַריסטאָטלעס זיינער צייט באַמערקט, „אַז אין אַ פאַמיליע בעדאַרפען די איינקונפטען פון אַ אינדיווידועלען פערזאָן געהערען צום אָרגאַניזאַטאָר פון די פאַמיליע".

אין אַזוי ערקלערט די משנה „די ערפינדונגער, פון זיין קליינעם זוהן, געהערען צום פאָטער, אין פון זיין „עבד כנעני" אָדער „שפחה כנענית" צום האַר אין פון די פרוי געהערען „צום מאַן" 7).

„דוכט זיך אַז כל מי שיש לו מוח בקדקדו" וועט דאָך נישט זאָגען אַז לויט די משנה איז דער מינדער יעהריגער זוהן אַ שקלאַף צוא פאָטער...

אין

2) ב"מ נ"ט. 3) שם. 4) שם. 5) ב"מ שם. 6) ירושלמי כתובות פ"ו. 7) ב"מ י"ב.

אין דאך געהערען זיינע מציאות צום פאטער — .

מערקווירדיג עס שטעהן דא צוזאמען, 3 פערזאנען, 1) זיין פרוי, 2) זיין מינדער יעהריגער זוהן 3), זיין עבד כנעני, מען קען דערפון קריגען א בעגריף גראדע להיפך אז דער עבד כנעני אדער שפחה כנענית ווערען פארעכענט אלס פאמיליאנס מיטגלידער.

אין אויב אזוי וועט דאך דער לעזער געוויס פרעגען, פארוואס זשע געהערין זייערע מציאות צום האר.

אבער שטארקער איז דאך די פראגע פארוואס געהערען די מציאות פון זוהן צום פאטער?

דאס ווערט ערקלערט דורך פאלגענדען תלמודישען יורידישען געזעץ, אז המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו. ד. ה. דער וועלכער הויבט אויף א זאך פאר זיין פריינד איז דער לעצטער קונה די זאך, עס ווערט יענעמס אייגענטום 8).

אין אויב אזוי פאלגט דערפון. וויל ס'איז די פסיכאלאגיע פון יעדען פאמיליען מיטגליד, בעת ער בעקומט עפעס צו מיינען אז דאס זאל געהערען צום ארגאניזאטאר אין בעשפיזער פון די פאמיליע, ס'איז גאנץ איינפאך א מענש איז נאטירליך נישט קיין „כפוי טובה" אין ווען א מענש גיט איהם אלע זיינע הצטרכות'ן מיינט ער טאקי אז זיין קליינער פראפיט זאל געהערין צו איהם. וויל יענער גוט דאך איהם אלעס, אין דאס זאגט שמואל, פאר וואס האט מען געזאגט — באמערקט שמואל — אז די ערפונדונגען פון קליינעם זוהן געהערען צום פאטער וויל ווען ער געפינט עפעס לויפט ער באלד צום פאטער 9). איבער דעם פאפולערארט רש"י. 10) „ווען ער הויבט אויף איז באלד זיין מיינונג אז דאס זאל געהערען צום פאטער", ר' יוחנן זאגט טאקי אז מ'מיינט ניט קליין לויט יאהרען, נור ס'איז אבהענגיג אין די מאטריעלע אבהענגיגקייט פון זון צום פאטער, אויב ער ווערט געשפייזט דורכ'ן פאטער דעמאלט געהערען זיינע מציאות צום פאטער, אלזא מ'קען שאפען די פאלגענדע פאמיליע „די ערפונדונגען פון נישט יודישען ארבייטער געהערען צום האר נישט אלס פראדוקט פון שקלאפעריי, גראדע פארקעהרט וויל ער איז א טייל פון הארס פאמיליע איבער דעם געהערען די מציאות צום האר. פונקט ווי די ערפונדונגען פון זיין פרוי אין קליינעם זוהן. וויל ס'איז א פסיכאלאגישע אקסיאמע, אז יעדער פומיליאנס מיטגליד. שענקט זיינע פראפיטען צו איהר פיהרער וועלכער איז איהר פאקטאר.

ווענען „המשחר עבדו עובר בעשה".

טאקי די זעלבע „פראלעטארישע לומדים" קריטיקירען אויף דעם תלמוד פארוואס אין איהם געפינט זיך אזא מאמר, „ווי המשחרר עבדו עובר בעשה"...

די

8) ב"מ ח. 9) ב"מ י"ב שם. 10) שם.

איך געה נישט פאַר ענטפערין צוליב דעם וואָס די ווירקליכע מיינונג פון מאמר איז דאָך נור ביי אַ „עבד כנעני", דאַגעגען ביי אַ „עבד עברי" ווערט דאָן דער אַרבייטס — געבער געצוואונגען צו בעפרייען איהם אין זיבעטען יאָהר, און ווערט בעשטראָפט אויב ער בעפרייט איהם נישט — ווייל ס'איז אין אינזער ווערק שוין גענוג ערקלערט געוואָרען, אַז אויך דער „עבד כנעני" איז נישט קיין שקלאַף אין האָט עמאנסיפאַציע, און אין פלוג שטעהט דאָס אין ווידערשפרוך צום דערמאָהנטען מאמר, אויף דעם וויל איך ערקלערען פאָלגענדעס, אַז אויסער דעם וואָס אויף די טעמא איז דאָ אַ פלוגתא אין תלמוד פון ר' ישמעאל און ר' עקיבא, און לויט'ן ערשטען איז „לעולם בהם תעבודו נור א רשות", מעג ער אַלזאָ יאָ בעפרייען זיין „עבד כנעני" 1) איז אויך (זאָגאַר לויט ר"ע און שמואל) קיין אַבסאָלוטער פערבאָט נישט צו בעפרייען דעם עבד כנעני איז אין תלמוד נישטאָ, ווייל דער רבנו נסים (ר"ן) זאָגט דייטליך אַז אויב דער עבד כנעני גוט זיין אַרבייטס געבער געלד, מעג ער איהם יאָ בעפרייען, 2) אַלזאָ האָט ער שוין אויך פרייהייט ער קען ווען ער וויל געבען זיין האַר דאָס געלד און ער ווערט דאַדורך בעפרייט —

מערקווירדיג דער ירושלמי זאָגט אויסדריקליך „קל הוא בשחרור" 3) דאָס בעדייט, אַז זאָגאַר ווען לויט'ן געזעץ בעדאַרף די פרייהייט נישט האָבין קיין יורידישען ווערט, אין פאַל וואָס דער ירושלמי שמועסט, — דאָך ווערט פערציבטעט דאָס געזעץ צוליב'ן ציל אַז דער „עבד כנעני" זאָל ערהייכען די פרייהייט, עס זענען זאָגאַר דאָ פאַלען ווען מען צווינגט דעם האַר צו בעפרייען זיין עבד כנעני „ווי ביי חציו עבד וחציו בן חורין".

אין אויך צוליב רעליגעזע מאָטיווען 4).

ווען דיין טאָכטער איז עלטער געוואָרען טאָ בעפריי דיין עבד כנעני אין גיב איהם איהר פאַר אַ מאַן 5).

דער וועלכער זאָגט פאַר זיין טויט בעפרייט מיין עבד כנעני — זאָגט דער ירושלמי 6) אַז מען צווינגט די יורשים זיי זאָלען דעם וואונש פון פערשטאָרבענעם ערפילען. אין ווערט בעפרייט.

עס איז אַ פרינציפ — דערקלערט דער ירושלמי „לא מצינו עבד משתחרר חוזר ומשתעבד" 7) ד. ה. אַז ווען דעם עבד כנעני האָט נור איינמאָהל עררייכט זיין פאָלקאָמע אונאָבהענגיגקייט, (זאָגאַר אויף אַ קורצען מאָמענט) קען ער שוין אַבסאָלוט נישט ווערען אונטער טעניג צו עמיצען.

עס דערקלערט דער תלמוד, וועגען דעם פאָלגענדעס, האָטש ווען איינער איז קראַנק אין שענקט אַוועק זיין פריינד דאָס פערמעגען קען ער חרטה קריגען דערפון ווען ער איז נאַכהער געזונד געוואָרען, אין די מתנה האָט גיט קיין יורידישען געזעצליכען ווערט, פאַרוואָס? ווייל שאַצענדיג זיין פסיכאָלאָגישען צושטאַנד אין יענעם קריטישען מאָמענט פאַרשטעהען מיר אַז דאָס איז אַפראדיקט

י) סוכה ג׳ ;) גיטין ל"ח בר"ן. 3) ירושלמי גיטין פ"ד הלכה ד׳. 4) גיטין ל"ח ברכות מ"ז. 5) ירושלמי גיטין פ"א. 6) ירושלמי גיטין פ"ד. 7) גיטין ח׳.

אַ פּראָדוקט פון פּערצווייפלונג, מיינענדיג אַז ער וועט שטאַרבען דאַדורך האָט ער זיין פאַרמעגען אַוועק געגעבען.

דאָך אויב ער האָט אָב געשריבען צו זיין „עבד כנעני״ זיין גאַנצען פאַרמעגען וואָס לויט׳ן תלמודישען געזעץ ווערט ער דאַדורך אויטאָמאַטיש בעפרייט — אינ׳ם מאָמענט ווען ער איז קראַנק געווען, נאַכהער איז ער געזונד געוואָרען, אָבוואָהל פון פאַרמעגען קען ער חרטה האָבען צוליב׳ן דערמאָהנטען מאָטיוו, אָבער נישט פון די בעפרייאונג, ווייל ס׳איז אַדעווייז דער וועלכער איז שוין איינמאָהל בעפרייט געוואָרען, קען נישט צוריק ווערען קיין עבד 8).

אגב פון דעם וואָס דער תלמוד דאָרט ברענגט אַלס געזעץ, „אַז אויב ער שרייבט אָב זיין פאַרמעגען דעם עבד כנעני, ווערט דער לעצטער דאַדורך בעפרייט 9).

ווייזט אויס אַז אין יענע עפּאָכע איז דאָס נישט געווען קיין אויטאָפּיע. נור אַדערשיינונג און לעבען 10) ווי מיר קען עס בעגרייפען פון די פראַגע וואָס ר׳ נחמן האָט געשטעלט זיין עבד כנעני „דרי״ — אַעבד — פרעגט ר׳ נחמן — וואָס זיין האַר בעפרייט איהם און שענקט איהם געלד, וואָס דאַרף דער אַרבייטער דערצו זאָגען?

ער בעדאַרף איהם — ענטפערט דרי — דאַנקבאַר זיין 11).

עס ווערען איבער געגעבען אין תלמוד און אין די מדרשים אַזעלכע מערקווירדיגע עפּיזאָדען.

און יעצט צוריק צו אונזער הויפּט טעמא פון דאָזיגען פרק. איך וועל דאָ רעזומירען די אופנים וואָס ער ווערט דורך זיי בעפרייט.

1) אויב ער אַנטלויפט נאָך ארץ ישראל.

2) ווען ער ענטפערט איהם איבער צו אַ נישט יוד, מאַכענדיג איהם דאַדורך פאַר אַ שקלאַף.

3) ווען שקלאַפען האַלטער געצען דינער, האָבען איהם געפאַנגען איין געזעצט און טורמע, ער איז אָבער העלדיש געוועזן און פון זיי אַנטלאָפען. ווערט ער בעפרייט פון זיין ערשטען האַר 12).

4) אויב ער איז געפאַנגען (פון שקלאַפען יעגער) און מ׳האָט איהם אויסגעלייזט האָבענדיג און זינען איהם צו בעפרייען ווערט ער דאַדורך בעפרייט און ס׳איז פערבאָטען צו אַרבייטען מיט איהם, סיי זיין ערשטען האַר זאָגאַר דעם דאָזיגען וועלכער האָט איהם בעפרייט און געגעבען פאַר איהם גרויסע סומען. 13).

5) אויב ער קען נישט פיהרען קיין פאַמיליען ווי „חציו עבד וחציו בן חורין״ ווערט דער האַר געצוואונגען איהם ,צו בעפרייען.

6) אויב די שפחה כנענית פיהרט זיך נישט אויף מאָראַליש צווינגט מען איהם, אז ער זאָל איהר מאָמענטאַל בעפרייען 14).

7) אויב זיין האַר האָט איהם געלייגט תפילין 15)

עג׳

8) גיטין ח׳. 9) שם. 10) עיין מדרש תנחומא לך. 11) עיין פסחים קי״ד 12) גיטין ל״ח
13) שם ל״ז . 14) שם ל״ח. 15) שם ל״ט.

8) אויב דורך זיין האר האט ער התונה געהאט מיט אַ יודישע טאָכטער.

9) אויב זיין האר איז אַ דעספּאָט אין האָט איהם פערוואונדעט און די 24 „ראשי אברים״

10) יעדע מינוט ווען ער גוט איהם געלד קען ער בעפרייט ווערען.

11) ווען דער אַרבייטס געבער באָרגט פון איהם געלד.

12) ווען ער מאַכט איהם אַ פערוואַלטער אויף זיין פאַרמעגען.

13) ווען ער שענקט איהם זיין פארמעגען. 16)

14) ווען ער איז זיך מייאש פון זיין ארבייט. 17).

די פּראָצעדור פון די בעפרייאונג איז דורכ׳ן שרייבען דעם עבד כנעני „א שטר שחרור״ דורך וועלכען ער ווערט פאָלקאָם פריי און אַלע היגזיכטען (מאַטעריעלע. ווי פאַמיליען ענינים).

אַ געוויסער גאון באַמערקט, אַז ווען דער האַר ענטפערט איבער דעם שטר שחרור צו זיין שליח, און ערקלערט איהם, געב איהם איבער צו מיין עבד. — איז אין דערמאָנטען פאַל נישטאָ דער עובר „בעשה״... 18).

דער עבד כנעני קען זאָגען צו זיין האַר, „שפייז מיר אָדער ענטוועדער בעפריי מיר 19).

פון דעם אַלעם איז צו זעהן אַז דאָס בעפרייען דעם עבד כנעני, איז געוועזן אַ ערשיינונג און לעבען ביים יודישען פאָלק.

און דאַדורך איז פאַרשטענדליך פאָלגענדע תלמודישע ערצעהלונג „די רומישע מאַכט פלעגט שטרענג בעשטראָפען פאַרן בעפרייען אַ קנעכט. ווען זיי האָבען ר׳ אלעזר בן פרטא׳ן אַרעסטירט, נאכהער ווען ער איז געזעסען אין געריכט אויף די בעשילדיגונגס באַנק האָט איהם אַ ריכטער אַ פרעג געטאָהן פארוואָס האָסטו דיין קנעכט בעפרייט ?... די בעשילדיגונג איז געוועזן זעהר אַ שווערע, וועלכע דראָט מיט אַ טויט אורטייל... רש״י באַמערקט פאָלגענדעס.

והן גזרו על כך לפי שהוא דת יהודית ד. ה. די רוימער האבען פערבאטען די בעפרייאונג פון עבדים. ווייל דאס איז א ספעציעלער רעליגיעזער געזעץ פון יודישען פאלק (יא צו בעפרייען עבדים) 20).

דאָרטען שמועסט דאָך ביי „א עבד כנעני״ און דאָך זאָגט רש״י „שהוא דת יהודית״ ?

דאָס ווערט נור ערקלערט ווען מיר בעקאַנען זיך גענוי וועגען דעם ענין און תלמוד וואו עס ענטפלעקט זיך פאַר אונז די אויסגערעכענטע אופנים פון עמאַנסיפּאַציע פון „עבד כנעני״.

אויסער דעם, דער וועלכער זאָגט „המשחרר עבדו עובר בעשה״ מיינט אַבסאָלוט ניט צוליב דאָס שלעכטס פון אַרבייטער, נור טאַקי צוליב זיין גוטס, און פאַרוואָס ? ווייל ארבייט האָט אויסער איהרע מאַטריעלע ערריינגען אויך אויך ערציהונגס ציל, באַשעפטיגען די מענשען — זאָגט אַ אַלטער אָפּאָריזים — הייסט

---

16) שם ח. 17) שם. דע״י יאוש והפקר יצא לחירות 18). הגאון מהר״ץ חיות גיטין י״א.
19) גיטין י״ב. 20) ע״ז י״ז.

„הייסט זיי אָפּהיטען פון זיין פערברעכערס״ — דאָס דערקלערט שוין פון לאַנג דער תלמוד זאָגענדיג „דאָס לעהדיג געהן ברענגט צו צוטומלונג״ און טייל זאָגען אַז עס ברענגט צו ליידענשאַפטליכע געדאַנקען פון וואַנען עס ענטשטעהט די זונד און פאַרברעכען 21).

דער עקסטרעמסטער אויסדרוק געפינט זיך אין אָבות דר׳ נתן וואו ס׳ווערט געזאָגט פאָלגענדעס, אַמענש שטאַרבט נור פון לעהדיג געהן ווייל דאָס איז דער קוואַהל פון אַלע פערברעכענס, 22). (זעה און אונזער טייל „אַרבייט און ליכט פון תורה און תלמוד״, (וואו ס׳ווערט ערקלערט דער ענין ברייטער),

די חכמי התלמוד האָבען געזעהן און יענע עפּאָכע, דעם אַנטימאָראַלעשען צושטאַנד פון די נישט יודישע פעלקער, ווי זיי זינקען און ליידענשאַפטען — האָבען די חכמי התלמוד געמיינט צו געבען דעם נישט יודישען אַרבייטער, אַ רעטונג דורך אַרבייט, וועלכע זאָל זיין פאַר איהם, אַ ערציהונגס אַנשטאַלט (איב׳ם ליכט פון תורה קולטור), אַלזא דאָס איז אַ פּראָדוקט פון אידעאַל, צו געבען איהם. גייסטיגע ערציהונג, נישט צוליב עפּעס אַנדערש.

אין דעם זון דאַרף אויך ערקלערט ווערען דער באַקאַנטער מאמר „בן נח ששבת חייב מיתה״. ד. ה. אַז ער ברענגט אויף זיך דעם טויט דורך לעהדיג געהן וואָס דאַדורך ווערט ער אַריין געצויגען און נעץ פון פאַרברעכער, און דאַן בעקומט ער זיין שטראָף...

אין די עפּאָכע פון עזרא ונחמיה...

און די בעפרייאונגס עפּאָכע פון עזרא ונחמיה, ווען דאָס יודישע פאָלק האָט ערדייכט די פרייהייט און זיין לאַנד, זענען די „עבדים כנענים״ אויך אויף געגאַנגען קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זייערע אַרבייטס געבער.

א דינסט אדער אפרינצעסען...

די אָרגינעלע ערפינדער פון שקלאַפעריי אין פולען זון פון וואָרט איז געווען דאָס עגיפטישע פאָלק זיי האָבען דורך זייער וואולקאַן פייערן אַזעלכע שקלאַף קייטען פאַר די מענשהייט, אויס געאַרבייט...

זיי זענען געווען די „אבות הטומאה״ (זוהמת מצרים) אין רוים אין אַטהען בלויז די תולדות...

אין אַזוי ווי דער דאָרען איז דער שרעקליכסטער געוויקס פון אַלע פלאַנציגער. וואָרום יעדעס פויגעלע וועלכעס פערפלאָנטערט זיך דאָרטען געהט נים בשלום אַרויס ביז וואַנען עס ווערט צו שניטען אויף שטיקליך, אַזוי איז געווען די

21) כתובות נ״ט. 22) אבות דר׳ נתן פ׳ ט״ו.

די שקלאַפעריי אין עגיפטען, אין אַזא טראַגישען צושטאַנד האָבין זיך געפונען די דאָרטיגע קנעכט און שקלאַפען.

די עגיפטישע פערשקלאַפונג, איז געווען דאָס שווערסטע פון אַלע פערשקלאַפונגער, פיל אייזערנע צויבער ווענד האָבין דעם שקלאַף אַרום גערינגעלט, ער האָט זיך געפונען, אין אַלאַבירינט פון וואַנען ער האָט נישט געקענט אַנטרינען ווערען.

אין עס האָט נאָך נישט פּאַסירט — זאָגט ווייטער די מכילתא 1) אַז „אַקנעכט אָדער אַ דינסט זאָלין אַרויס געהן פון עגיפּטישע צוואַנג אויסער הגר"...

וואָרום שקלאַפעריי איז געווען די צווייטע נאַטור פון עגיפטער, אין דאַדורך פאַרענטפערט זיך פאָלגענדע פראַגע. פאַרוואָס ווען משה אין אהרן זענען געקומין צו פרעה, אין האָבין איהם געפאָדערט די בעפרייאונג פון די יודישע נאַציע, — האָבין זיי נישט מאָטיווירט מיט לאָגישע אָרגומענטען, וועגען פאַרברעכען פון בערויבען אַ מענש זיין פרייהייט ? פאַרוואָס האָבין זיי נישט געזאָגט, דאָס יעדער מענש האָט דאָס רעכט צו דער אַרבייט וועלכע ער פּראָדיצירט ?

פאַרוואָס ? ווייל טעמפּ זענען געווען די אויערען פון פּרעה צו הערען, טעמפּ דעם מוח צו פאַרשטעהן, טעמפּ דאָס האַרץ צו פיהלען, דאָס פליכט פון מענשען רעכט. ס'איז ביי איהם געווען דאָס קנעכטשאַפט אין די שקלאַפעריי, אַנאַטירליכע זאַך, פונקט ווי דער מענש באַהערשט אַנדערע לעבידיגע וועזענס צו קען מען דעמאָלט רעדין פון לאָגישע אָרגומענטען ? איבער דעם האָט ער געמוזט ווייזען פאַר איהם נסים, כדי צו צוהען זיין אויפמערקזאַמקייט אַז ער זאָל דאַדורך ◌ראָב נעמין די שווערע שקלאַף קייטען פון דאָס יודישע פאָלק.

אין עס איז פאַרשטענדליך, אַז האָבענדיג אַזא טייוולאָנישע פסיכאָלאָגישע (וועגען שקלאַפעריי) האָבין זיי זיך בעצויגען מיט'ן גרעסטען אינסטינקטיווען האַס צום שקלאַף.

עס איז אַקסיאָמע אַז אַ מענש ווערט זיך זעלבסט פריוויליג נישט איבער געבען, צו דאָס דאָזיגע וועלכע איז איהם אַמשטאַרקסטען פיינדליך.

אין דאָך געפונען מיר מערקווירדיגעס, אין די אגדה, „הגר" דערקלערט די אגדה איז געווען די טאָכטער פון עגיפטישען קעניג פרעה 2).

און אויב מיר ווילען זאָגען, אַז אַדינסט איז אַ שקלאַפין ביי יודען, טא ווי אַזוי זשע שיקט זיך עס אַז אַ מענש זאָל שפּרינגען פרייוויליג פון איין עקסטרעם צום צווייטען... פון אַ פּרינצעסען צו ווערען אַ שקלאַפין ?...

איבערהויפט איז עס נישט דערלאָזבאַר צו זאגען. ביי „אַ עגיפטישע פּרינצעסען" וועלכע איז ערצויגען געוואָרען מיט'ן גרעסטען האַס צום שקלאַף און קנעכט... ווייל זי האָט עס געזעהן ביי איהר פאָטער און ביים גאַנצען פאָלק...

אין ווען אַזא מערקווירדיגע ערשיינונג איז יאָ פאָרגעקומען. אילוסטרירט דאס

1) מכילתא דרשב"י שמות ובמדרשים. 2) סנהדרין צ"ט ותרגום יונתן רש"י ומדרשים.

דאָס איז אַשנוי ערכין אַז אַעגיפּטישע פּרינצעסען איז גאָר געווען אַ ווירקליכע שקלאַפען צו די זוהמת מצרים. צו יענע נידריגע ליידענשאַפטען. אָבער נישט קיין פּרינצעסען...

איבער דעם טאַקי האָט די קיניגליכע טאָכטער פרייוויליג פערלאָזט דאָס הויז פון איהר פאָטער, זי איז נישט בעצויבערט געוואָרען פון עגיפּטישען עסטעטיק פון די בריליאַנטען פון פאָטערס קרוין — זי האָט דאָס פאַרעקעלט. — איהר האָט ווי אַמאַגנעטישע קראַפט געצויגען צו דאָס הויז פון אברהם אבינו וואו ס'ווערט געפּרעדיגט פאַר די מענשהייט די אידעאַלען פון עטיק און גערעכטיקייט. און די דינסט איז דאָרט אויך קיין שקלאַפין נישט ווייל נור פון אברהמ'ס הויז האָבען זיך געצויגען יענע ליכטיגע שטראַהלען וועלכע האָבען אַוועק געיאָגט דאָס פינסטערקייט פון שקלאַפעריי און קנעכטשאַפט, וועלכע זענען געווען איבעראַל פערשפּרייט און יענע עפּאָכע...

אליעזר עבד אברהם אין ליכט פון אגדה...

ר׳ בנאי הוה מציין מערתא כי מטא
למערתא דאברהם אשכחיה לאליעזר עבד
אברהם דקאי אבבא. (ב״ב נח)

דער פּראָלעטאַריאַט מיט'ן אַרבייטס געבער — זאָגט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע זענען 2 פיינדליכע לאַגערען אויך אין די צוקונפט — זאָגט זי ווייטער — ווי און די פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט, וועט אַבסאָלוט נישט הערשען צווישען זיי קיין האַרמאָניע...

דער פּראָלעטאַריאַט מיטן אַרבייטס געבער, זענען לויט זייערע ווערטער ווי פייער מיט וואַסער...

איך האָב אויף די ווערטער באַמערקט פאָלגענדעס, „פראַנקלין שרייבט אַז דער מענש איז אַ חיה וועלכע מאַכט געצייג... דאָס איז נאָך נישט דערוויזען געוואָרען.. אָבער אַז דער וועלכער מאַכט געצייג איז ליידער לעצטענס און חיה'שע אינסטיקטען אַריין געפאַלען... דאָס איז ליידער יאָ דערוויזען געוואָרען״... (זעה וואָס איך האָב געשריבען אין ערשטען פּרק).

ווייל אַ מענש וועלכער פאַרשטעהט צו פערווירקליכען די עלעמענטאַרע עטישע פּרינציפּען וואָס דאָס מענשליכקייט פאָדערט ווייס דאָך אַז קיין אייביגע ליידענשאַפטליכע שנאה טאָר מען נישט פּרעדיגען... דער מענש מוז מאַכען הערשען זיין פערשטאַנד איבערען געפיהל...

אָבער איך האָב שוין באַמערקט אין ערשטען פּרק אַז קיין מוסר וועט דאָ גאָר נישט העלפען. און די שנאה וועט בלייבען ווירקליכקייט...

איבער דעם איז מערקווירדיג דאָס וואָס מיר געפינען און פאַרשידענע שטעלין די פאָלקאָמע האַרמאָניע פון אברהמ'ן מיט זיין עבד אליעזר...

ז.9 יענע עפּאָכע ווען די מענשהייט זינקט און ברודיגען זומפּף פון געצען
דינסט

דינסט ווען פינסטערע שווארצע וואָלקענס האָבען זיך אויפן האָריזאָנט בעוויזען, פון וועלכע עס איז אַ שטאַרקער רעגען געגאַנגען, און דורך איהם האָבען זיי פון דאָס לוים געטשקעס אויס געקנעטען, נאַכהער האָבען זיי זיך צו זיי געבויקט... זיי האָבען געדינט צו זייער „ארבייט”...

דעמאָלט געהן ביידע. (אברהם און אליעזר) און פערשפרייטען ליכטיגע שטראַהלען וועלכע טריקענען אויס דעם זומפּ, און פערטרייבען דאָס פינסטערנעש.

אָבער אויך פאַר זיך איז אליעזר טעטיג, „דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים” ער שאַפט אין מענש אַ גייסטיגען דורשט און שטילט דעם צמאון זייערען מיט די עטיק און לעהרע פון אברהם.

ער האָט אַ גראַנדיעזע פּראָפּאַגאַנדע געפיהרט. פאַר די אידעאַלען פון אברהם, און מיט אַ געלונגענע בלומען שפּראַך, יפה שיחתן של עבדי אבות מתורתן של בנים...

זיין פּראָפּאַגאַנדע איז געווען אַ פּראָדוקטיווע. וויל נור ער האָט געקענט טרעפען צום שליסעל פון דאָס הארץ פון מאַסען מענש ווארום דער דינער פון פון אברהם איז אַוועק פון די פינסטערנעש 1) ער האָט זיך אַליין אויך געפונען אַלעבגערע צייט אינם חשק... האָט ער גוט געוואוסט די סטראַטעגיע ווי אַזוי געגען איהר צו קעמפען... ער האָט געוואוסט אָנצוצילירען אין די סטרונעס פון סתם מענש. — ער האָט מיט איהם געקענט רעדען...

אָבער נישט בלויז מיט ווערטער האָט ער געהאָלפען אברהמ׳ן נור אויך מיט פּראַקטישע מעשים. און טיילמאָל מיט מסירת נפש. דאָס איז געווען ווען לוט איז פערשקלאַפט געוואָרען, אברהם — ווען ער האָט דערהערט די שרעקליכע בשורה, האָט ענטשלאָסען מיט זיין גאַנצע קראַפט און ענערגיע, צו ראַטעווען לוט׳ן פון די שקלאַפערי ער ווערט דערפאַר אַמערטירער, און די שמערצען פון לוט — ערקלעהרט דער זוהר 2) האָבען אברהמ׳ן ווי כוואַליעס פון שטוב, ארויס געצויגען — איבער דעם האָט אברהם גענומען געלד, דערפאַר אויסצולייזען לוט׳ן פון דאָס קנעכטשאַפט. אויב אָבער זיי וועלען נישט באַשטעהן צו בעפרייען איהם פאַר געלד, וויל ער שטאַרבען מיט איהם צו זאמען און געפעגניש, דערקלערט דאָרט ווייטער דער זוהר — אין אַזאַ מערטירערשען אידעאַל פאַר די פרייהייט פון אַ אונדיווידועלען פערזאָן האָט אויך פערמאָגט זיין „עבד” אליעזר ער ווארפט זיך און קאַמף צוזאַמען מיט אברהמ׳ן פאַר די עמאַנסיפּאַציע פון לוט׳ן זיי האָבען קיין אַרמען נישט געהאַט קיין טייוועל מאַשינען געווים נישט, נור — לויט די אגדה — האָבען דעם קאַמף געגען די אונגעהוירע מהנות פון פייגד — געפיהרט אברהם מיט זיין עבד אליעזר...

און זיי האָבען געזיגט!

עס האָט געזיגט דער גייסט פון די 2 מערטירער. איבער די וואולגאריטעט פון די שקלאַפען האַלטער.

און טאַקי צוליב דעם האָט אליעזר געוואונען די פאַלקאָמע צוטרוי פון אברהמ׳ן

1) זוהר פ׳ בהר. 2) זוהר פ׳ לך.

אברהמ'ן צו איהם, ווארום איהם איז דורך אברהמ'ן פערטרויעט געווארען די הויכע מיסיע, צו איינארדענען דאס פאמיליען לעבען פון יצחק'ן.

און מערקווירדיג קומענדיג צום ארט פון וואנען ער בעשליסט צו נעמען א פרוי פאר יצחק'ן — „דערקלערט ער עפענטליך" עבד אברהם אנכי..

אין עס איז אין פלוג אונפארשטענדליך — פרעגט דער זוהר 3) ווארום א מענש וועלכער איז בעלאדענט מיט זילבער און גאלד ברילאנטען, קעמלען, זעהט אויס ווי „א האר" נישט ווי קיין עבד, טא וואס האט איהם געצוואונגען צו זאגען עפענטליך „עבד אברהם אנכי" ? 4)

נור זיין ציל איז געווען — ענטפערט דער זוהר — צו רעספעקטירען אברהמ'ן און זייערע אויגען זיי זאלען בעגריפען זיינע עטיש פרינציפען ווייל זיי וועלען דורך זיינע ווערטער, זיך איבערצייגען אז דער דינער פון אברהמ'ן איז אבסאלוט קיין שקלאף נישט. ווארום מען האט צו איהם דעם פאלקאמען צוטרוי, מען פערטרויעט איהם אלעס, ער זעהט אויס ווי א האר נישט ווי א געפעטענטער קנעכט, אט דאס איז געווען א עפענטליכע דעמאנסטראציע פאר די אידעאלען פון איהם!

זאגט טאקי די אגדה, פאלגענדעס, אז ווען ר' בנאי, האט פערצייכענט יענע מאמענטען ווען די הויכע פערזענליכקייטען האבען זיך צווישען די מאסען און די קעלערס אראב געלאזט, צו דערהויבען זיי מיט'ן רעליגיעזען גייסט (ווי ס'איז געווען ג-טס ווארט צו ירמיהו „לך וירדת אל בית היוצר"..)

קומענדיג למערתא דאברהם האט ער דערזעהן אז אדאנק דעם (פון נישט האלטען זיך פאר א איבער מענש, וואס פאסט נישט צו רעדען מיט די ארימע עלעמענטען נור בתוך עמי אנכי יושב — אין צוליב'ן הויכען אידעאל פון מענשען פריינדשאפט יעדען צו ראטעווען פון פינסטערען עמק הבכא).

איז אליעזר געשטאנען אויף די שוועל פון אברהמ'ס פרעכטיגען בנין ער איז מיט איהם געווען פעראייניגט עס האט צווישען דעם ארבייטס געבער אברהם און ארבייטער אליעזר — קיין דיסהארמאניע און קאנטראסט נישט געהערשט!

און ווי מיר האבען שוין באמערקט אז די אגדה ערקלערט אז אליעזר איז גאר נישט געשטארבען... נור גלייך ווי אליהו איז ער אריין און גן עדן לעבעדיגערהייט...

יא דער דאזיגער אידעאל פון קאי אבבא... וועלכער זעהט אויס ווי א אוטאפיע: לויט די „מאטעמאטישע געזעצען פון די פאליטישע עקאנאמיע" קען ווייטער ווערען אלעבעדיגע ווירקליכקייט ביי די וועלכע האלטען זיך און די אידעאלען פון אברהמ'ן, וואס די תורה זאגט אויף איהם ווארום איך קען איהם ווייל ער געבאט זיינע זוהן און טעכטער צו טאהן גערעכטיקייט און דאס געזעץ..

3) זוהר חיי. 4) ועיין ב"ק צ"ב.

דער אַרבייטער און דער רוה טאָג.

דער פּראָלעטאַריאַט מוז אַרוה טאָג האָבען! דאָס איז שוין אין די יעצטיגע עפּאָכע אַנערקענט געוואָרען אַלס אַקסיאָמע אויב פון אַטעאיסטישען פּראָלעטאַריאַט דער פּראָלעטאַריאַט מוז אַ רוה טאָג האָבען! דאָס איז שוין יעצט מיט פייערדיגע אותיות אויס געקריצט אויף יעדען האַמער און שערפּ...

„דער פּראָלעטאַריאַט מוז אַרוה טאָג האָבען" דאס איז יעצט פּאַר איהם אַלעבענס פראַגע פונקט ווי לופט צום אָטעמען.

אָבער וועלכעס פאָלק איז געווען דער פּיאָנער פון רוה טאָג?

ביי וועלכען פאָלק איז דא די אַרגינעלקייט פון פּרינציפּ, אַז יעדער מענשליך וועזען האָט דאָס רעכט אויף אַ רוה טאָג אין וואָך פונקט ווי דאָס רעכט אויף אַרבייט?

וועלכעס פאָלק האָט איינגעפיהרט דעם רוה טאָג אין פּראַקטישען לעבען ביים גאַנצען פאָלק און אויך ביים אַרבייטער?

פון וועלכע אונגעהויערע ליכטיקייט האָט איהר איינִיגע שטראַהלען בעקומען, צו זעהן דאַדורך די וויכטיקייט פון רוה טאָג?

אויב נישט פון די ג—טליכע תורה וועלכע זאָגט

ויום השביעי.	און דער זיבעטער טאָג
שבת לה׳ א—קיך!	איז אַ רוהונג צו ג—ט דיין ג—ט.
לא תעשה כל מלאכה!	טאָרסט נישט טאָהן און איהם קיין שום אַרבייט
אתה ובנך ובתך	די און דיין זוהן, און דיין טאָכטער,
עבדך ואמתך 1)	דיין דיסציפּלינירטער אַרבייטער און דיין דינסט

ממיינסט דא אויך אונטערען וואָרט עבד — לויט'ן תלמוד — דעם. עבד כנעני 2).

אַז דער לעצטער איז פערפּליכטעט צו היטען שבת, — און דער אַרבייטס געבער מוז איהם דעם רוה טאָג געבען!

עס מוז זיין אין שבת אַבסאָלוטע רוה! „ער טאָר אויך נישט דינגען קיין אַרבייטער אום שבת, אַז זיי זאָלען אַרבייטען נאָך שבת" 3). עס איז דאָ אַלזא און דעם טאָג די פאָלקאָמע רוה פאַר'ן אַרבייטער ווי פאַר'ן אַרבייטס געבער.

און אָט דעם הויכען הומאַניטאַרען אידעאַל האָבען די פעלקער און אַלטערטום נישט פערשטאַנען זייער פערשטאַנד האָט דאָס נישט געקענט תופס זיין מען האָט פון יוד געלאַכט און אין טעאַטער פלעגען זיי שאַפען אַזעלכע „קאַריקאַטורען" וועלכע פלעגען פאַרשטעלען ווי אַ יוד רוהט שבת.

אָבער

1) תורת משה פ׳ יתרו. 2) יבמות מ"ר מכילתא יתרו. 3) מס׳ שבת ועיין בספר „התרומות" וברבנו ירוחם, חלק ב׳.

אבער נישט מיט דעם האבען זיי זיך בעגנוגענט,

ציניש און ברוטאל האבען זיי מיט בלוט און פייער געקעמפט געגען די וועלכע פייערן דעם רוה טאג און פלאמען פייערן — פארצעהלט דער ספר חשמונאים — זענען פארברענט געווארען א געמיינדע יודען וועלכע האבען געפייערט דעם ג—טליכען רוה טאג... יא יודען זענען די פיאנערען און מערטירער פון רוה טאג, זייט נישט קיין פלאגיטארען... זייט מודה אז פון רייכען יודישען סער׳ווירטען טיש האט איהר איינינגע קרושקעס בעקומען...

די דארפסט פערשאפען אויך דיין דינער יום טוב פרעהליכקייט.

עס איז א ספעציעלע טראגעדיע פון ארבייטער דאס וואס ער געניסט נישט צוליב זיין קריטישע מאטריעלע לאגע פון יו״ט פרעהליכקייט, און ווען דיא ארבייטס געבער טרינקט דעם כוס ווין טרינקט דער ארבייטער א כוס מיט טרעהרען...

עס טאר אבער אזוי נישט זיין ביים יודישען פאלק די תורה וואס דרכיה דרכי נועם זאגט פאלגענדעס.

ושמחת בחגך!	די זאלסט זיך פרעהען און דיין פייער טאג
אתה בנך ובתך.	די און דיין זוהן אין דיין טאכטער,
ועבדך ואמתך!	און דיין דיסציפלינירטער ארבייטער און דיין דינסט
והלוי והגר והיתום אשר בשעריך 1)	און אויך דער לוי דער פרעמדער דער יתום, וועלכע געפונען זיך און דיינע שטעדט.

אלוא בעדארף געגעבען ווערען דעם ארבייטער די געהעריגע מאטעריעלע מיטלען וואס דורך זיי ווערט עררייכט דער תורה ציל אז דער ארבייטער זאל אויך האבען פרעהליכקייט אום יום טוב!

עס איז נישט נור א אינדיווידיעלער פליכט, עס איז אויך א קאלעקטיווער פאלקס פליכט ווי ס׳ערקלערט פאלגענדע געבאט.

ושמחתם לפני ה׳ א—קיכם,	איהר זאלט אייך פרעהען פאר ג—ט אייער ג—ט
אתם בניכם ובנותיכם,	איהר און אייערע זוהן און אייערע טעכטער,
ועבדיכם ואמהתיכם 2)	און אייערע דיסציפלינירטע ארבייטער און אייערע דינסטען.

דא ווערט שוין גערעדט צום פאלק, זעהט מען דערפון אז דאס דארף ווערען א פאלקס אידעאל, צו פערשאפען פרייד דעם ארבייטענדען עלעמענט.

אין

---

1) דברים ט״ז, 2) דברים י״ב—יד.

אין נישט נור יום טוב, — ווײַל און יעדען פרײַדס מאָמענט דאַרף דער אַרבײַטער אַנטײַל נעמען ווי עס זאָגט די תּורה.

כי אם לפני ה׳ א-קיך תאכלנו	נור און ירושלים פאַר ג-ט דײַן ג-ט זאָלסטו עס עסין (די מעשרות בכור בהמה אז״ו)
אתה ובנך ובתך	די און דײַן זוהן און דײַן טאָכטער,
ועבדך ואמתך	און דײַן דיטצפליגירטער אַרבײַטער און דײַן דינסט
והלוי אשר בשעריך	און דער לוי פון דײַנע שטעדט
ושמחת לפני ה׳ א-קיך! 3)	זאָלסט זיך פרעהען פאַר ג-ט דײַן ג-ט!

דאָ שמועסט שוין פון וואָכענדיגע טעג און וועלכע ס׳בעדאַרף אויך דעם אַרבײַטער פערשאַפט ווערן אַנשטאַט לײַדען — פרײַד, דאָס איז נור דורך געבען איהם די עקזיסטענץ מיטלען וועלכע שאפען און מענש אַ פרעהליכע שטימונג... וואָס עס פאָדערט די תּורה, זעהן מיר אַלזאָ אַז לויט די געזעצען פון די תּורה, איז נישטאָ קײַן דמעת העשוקים.

„היום גלותי חרפת מצרים"...

אַ חסידישער אַפאָריזים זאָגט אַז די וועלכע קריטיקירען דעם אויטאָריטעט באַשטעהט זײַער קריטיק פון אַזעלכעס וואָס דער אָנגעגריפענער איז אין געגענזאַץ דערפון אַ שטײַגער, ווי קרח קריטיקירט משה׳ן ומדוע תתנשא... ער וואַרפט איהם פאַר גאווה אין די תּורה זאָגט „והאיש משה עניו מאד"... ער איז אין אַעקסטרעמע געגענזאַץ דערפון, וואָס זײַן געגנער, טראַכט אויף איהם אויס...

מיר קענען עס אויך זאָגען וועגען שקלאַפערײַ און קנעכטשאַפט, וואָס זײַ וואַרפען פאַר דאָס יודישע פאָלק פאַרן טאָלערירען שקלאַפערײַ און קנעכטשאַפט דאָס איז נור און זײַער פאַנטאַזיע ווײַל „אין אדם רואה אלא מהרהורי לבו", און פסיכאָלאָגיש, איז עס אַ אַקסיאָמע אַז כל הפוסל במומו פוסל"...

אָבער ווי איז די ווירקליכקײַט? אַדרבה לכו נא ונוכחה! ווער האָט טאָלעהרט קנעכטשאַפט ירושלים אָדער רוים?

וואו זענען קאַלך אויוועגס געהײַצט געוואָרען, כדי דורך זײַער פײַער שקלאַף קײַטען פאַר די מענשהײַט צו שמידען, און וואו איז מיטן פײַערדיגען נביאישען עקסטאַז געפּרעדיגט געוואָרען די העכסטע גערעכטיקײַטס אידעאַלען און לעבען צו פערווירקליכען? וואו האָט מען דעם אַרבײַטער ווי בכלל די אָרימע עלעמענטען מיט כוסות פון בלוט און טרעהרען אָנגעטרונקען... און וואו מיט בעכערס ווײַן?

וואו זענען דאָס די אָרימע עלעמענטען געווען אַלס מיטעל צום „ציל"... און וואו איז יעדער מענשליך וועזען געווען אָן אין פאַר זיך אַ ציל?

וואו

---

3) דברים י״ב.

וואו האָבען דאָס די אָרימע עלעמענטען געשאַרפט די שווערד פון וועלכע זיי זענען נאַכהער געקעפּט געוואָרען... און וואו איז געפּרעדיגט געוואָרען דער הויכער אידעאַל פון פערוואַנדלען די שווערדען און אַקער אייזענס, און די שפּיזען און טרויבען „שנײדערס״ ?...

וואו איז געווען די פרייהייט אַ צווייטע נאַטור. און וואו די שקלאַפערײ און קנעכטשאַפט ?

דעם לעזער איז שוין בעקאַנט געוואָרען נאָכ׳ן אַדורך לעזען דעם דאָזיגען טייל פון מיין ווערק אַז דער טהוי פון חרמון וועלכער האָט געגידערט אויף די די ציון בערגער, איז געווען אַ טהוי פון אויפלעבונג און ערוואַכונג פון גאולה און חרות צו יעדער מענשליך וועזען וועלכער האָט זיך געפונען און צושטאַנד פון „עצמות יבשות״... צוריק צו געבען איהם דאָס לעבען.

עס קען דאָ דערמאַהנט ווערען יענער עפּיזאָד וועלכער ווערט איבער געגעבען און שמואל, ווען מיכל בת שאול האָט קריטיקירט דוד׳ן פאַרוואָס ער האָט זיך ענטפּלעקט פאַר זיינע קנעכט און דינסטען מיט אַזא ענטוזיאַסטישע בעגייסטרונג. האָט ער געענטפערט „ועם האמהות אשר אמרת עמם אכבדה״ ! ד. ה. מיט די דינסטען וואָס די האָסט מיר קריטיקירט, (אַלס צייכען פון שפּאָט) טהו איך שטאָלצירען ! — דאָס יודישע פאָלק קען געוויסען, זאָגען צו אַנדערע פעלקער „ועם אמהות אשר אמרתם״... דאָס וואָס איהר ווארפט אונז פאָר דאָס טאָלערירען קנעכטשאַפט... „עמם אכבדה״ ! ווערען מיר דורך דעם רעהאַביליטירט און רעספּעקטירט, וויל נאָכן אַדאָרך פאָרשען די געזעצען פון תורה און תלמוד, בנוגע דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. ווייזט זיך אַז נישט בלויז וואָס קיין שקלאַפערײ און קנעכטשאַפט עגזיסטירט נישט ביים יודישען פאָלק נור אויך אַז זאָגאַר די דיסצפּלינירטע אַרבייטער זענען און אַ געוויסער מאָס פּריוויליגירט געוואָרען דורך די געזעצען פון די תורה, וואָס דרכיה דרכי נועם.

צווייטער טייל

„די עטישע גרונד פרינציפען פון יודישען שטאט"

עס איז אויך נישטא קיין קאלעקטיווע שקלאפעריי.

עס איז שוין און פריהערדיגען טייל דערקלערט געוואָרען אז סע'גזיסטירט נישט ביי דאָס יודענטום קיין אונדיווידועלע שקלאפעריי, יעצט וויל איך בעווייזען אז עס עגזיסטירט אויך נישט ביי דאָס יודישע פאָלק קיין קאָלעקטיווע שקלאפעריי ד. ה. אז די בירגער פון די יודישע מלוכה זענען נישט קיין שקלאפען און קנעכט צו די מלוכה מאשין...

ווייל דאָס יודישע שטאט בעדארף זיין דער אויסדרוק פון גערעכטיקייט איהר לאָזונג (פון די מלוכה) דארף זיין יענע ווערטער פון נביא און קיין שוואכען שטעקעלע וועט ער נישט צו ברעכען... און דאָס צאנקענדע פלאקסענע קנייטעלע וועט ער נישט פארלעשען אין ליכט פון אמת וועט ער ארויס טראָגען דאָס געזעץ, דער הויפט אידעאל פון די יודישע מלוכה בעדארף זיין צו פערווירקליכען און לעבען דאָס געזעץ אין ליכט פון גערעכטיקייט. און טאקי און אבסאָלוטער גערעכטיקייט. אָן סוביעקטיווע טענדענצען...

איך ווייס אז טייל סקעפּטיקער וועלען א פרעג טאָהן „צו איז טאקי דאָס יודישע שטאט אין אלע עפּאָכעס פון איהר עקזיסטענץ אזוי געווען ?...

אויף דעם וויל איך ענטפערען פאָלגענדעס אז מיין ציל איז נור צו דער ווייזען די ליכטיקייט פון די תורה געזעצען וועלכע בעדארפען בעלייכטען די אלע רעגירונגס אונסטוטוציעס פון יודען, און נאָר דעמאָלט ווערט דורך די תורה ליכטיקייט אוועק געיאָגט די שווארצע וואָלקענס פון שקלאפעריי און קנעכטשאפט. ווען די געזעצען פון דער תורה ווערען דער פאקטאָר פון די יודישע מלוכה, ווערען פערווירקליכט יענע הויכע אידעען פון נביא.

ער האָט מיר געשיקט צו פערבאנדיזשירען די צובראָכענע הערצער צו רופען צו די געפאנגענע — פרייהייט. און צו עפענען פון די שקלאפען זייער בינדונג...

אזוי דארף זיין דאָס יודישע שטאט און עס איז דאָ טיילמאָל א געוויסער מהלך פון „דארפען" ביז „ווערען".

אלענפאלס די דאָזיגע יודישע מלוכה וועלכע איז אוועק פון די תורה עטיק האָט אָנגעטראָפען אויף א שארפען ווידערשטאנד פון נביא. וועלכער פלעגט פייערדיג פראָטעסטירן געגען די אונגערעכטיקייטען, ביז דאָס מלוכה לעבען איז ווייטער געוואָרען רעגולירט, און ליכט פון דער תורה.

וואָס

וואָס איהר לאָזונג איז

משפט אחד יהיה	אַהיינהייטליכער געזעץ זאָל זיין צו
„לכם“	„אייך“
כגר כאזרח 1)	צום פרעמדען ווי צום בירגער

אין פון דעם קען דער לעזער בעגרייפען אַז עס איז אַבסאָלוט נישט ריכטיק שפּינאָזעס קריטיק. 2) אויף די נביאים פאַרוואָס די לעצט זענען און געוויסע עפּאָכעס אַרויס געטרעטען געגען שטאט וועלכער איז צום נויטיקסטען פאַר די מענשהייט צו דרעסירען איהר פון איהרע חיה'שע אונסטינקטען, אָבער נישט צו צושטערען דאָס שטאַט זענען די נביאים אַרויס געטרעטען נור צו בויען איהם אַז זיין פונדאַמענט זאָל זיין נישט קיין דעספּאָטיזים, נור „צדק אמת חסד און רחמים“ 3).

אַזאַ שטאַט וועלכע ענטשפּרעכט נישט די אידעאַלען „צדק ומשפט“ איז נישט מעהר לויט'ן נביא ווי אַ אייזערנע צוואַנג וועלכע מוז באַקעמפט ווערען, דאָס שטאַט שטעהט אויך אונטער די קאָנטראָל פון געזעץ, אויב ער פּאַסט זיך צו איהם נישט צו, פּאַסט ער זיך נישט צו צום פאָלק...

זעהר שאַרף זענען די דעספּאָטען געטאַדעלט געוואָרען דורכ'ן תלמוד וותוק צו דערמאַנען אַזאַ מאמר ווי „אין אדם נעשה שוטר מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו רשע מלמעלה“...

ד. ה. ווען ער קוקט אויף זיינע אונטערטאַנען „ווי אויף נידריגע וועזענס“ וועלכע זענען זיין פיס בענקעלע. ד. ה. „שוטר מלמטה“ איז טאַקי נעשה רשע...

און דער רעגירער — ערקלערט דער האר"י ז"ל — און ספר הגלגולים וועלכער איז פיל מיט די ליידענשאַפט פון גאווה, און צוליב זיין כלומרשטע גרויסקייט, (וואָס און דעם ליכט זעהט ער זיך...) ערנידיריגט ער דאָס פאָלק, טרעט אויף זייערע קעפּ... איז זיין שטראָף און די צוקונפט זעהר אַ גרויסע ער ווערט מגולגל אין אביה'ן... ווארום דאָס פאָלק וויל נישט זיין האָניג און שטאך אַלזא בעדאַרפען די רעגירער זיין זעהר פאָרזיכטיג, נור וועגען דעם און צווייטען פרק.

אַ הערשער צו אַדינער צום פאָלק?

מיט'ן פערשטאַנד פון מוח און געפיהל פון האַרצען איז געזיכט געוואָרען אין פאַרשידענע עפּאָכעס דורך פילאָזאָפען דענקער, דער ריכטיגער מלוכה פאָרעם ווארום דאָס איז זעהר אַ שווערע אויפגאַבע „מען דאַרף צוברעכען די פּאַס און אָבהיטען דאָס ווייך, די מלוכה מוז נאַטירליך צו נעמען פון די אַבסאָלוטע פרייהייט פון אונדיווידועלען פערזאָן ער מוז ווערען געצאָהמט דורך איהרע געזעצען

---

1) תורת משה ויקרא כ"ג. 2) און „טראַקטאַט“ 3) הושע.

געזעצען" גלייכצייטיג מוז דאָס וויין געהיטען ווערען דער מענש זאָל נישט ווערען אַ שקלאַף... די מלוכה וואָס איהר קאָמפּאָס איז נור גערעכטיקייט בעדאַרף האָבען ערציהערישען כאַראַקטער צו ערציהען איהרע זין און גייסט פון די גערעכטיקייטס אידעאַלען.

עס דאַרף זיין מוראה של מלכות זי מוז זיין שטרענג, אָבער די שטרענגקייט זאָל נישט האָבען קיין אכזריות'דיגע צילען פון נקמה, נור עס זאָל זיין פאטערליכע שטרענגקייט פונקט ווי די שטרענגקייט פון פאָטער איז דאָך צוליב'ן זיהנס טובה אַז ביים לעצטען זאָל ווערען איינגעפלאַנצט די וואָרצלען פון עטיק און זאָל וויסען צו מאַכען געוועלטיקען דעם פערשטאַנד איבערען געפיהל, אויך אזעלכע קערענדלעך בעדאַרפען זיך געפינען און די מלוכה פריכטען... 1)

און ווען מיר שטעלען די פראַגע „וואָס פאַר אַ פסיכאָלאָגיע האָט דער רעגירער פון אַ גערעכטיקייטס מלוכה. און וואָט פאַר אַ מיינונג האָט דער הערשער אין אַ דעספּאָטישען שטאַט, קען מען ענטפערען פאָלגענדעס. זעהר גוט שרייבט וועגען דעם אין אַמייסטערהאַפטען פּאָעטישען פּאָרעם דער אינדישער פילאָזאָף אין פּאָעט טאַגאָר.

איינמאָהל בין איך אַרויס געפאָהרען אויף אַ שיפעל אויף דעם מייך גאַנגעס עס איז געווען אַ שעהנער פאַר נאַכט אין הערבסט, די זון איז נור וואָס אונטער געגאַנגען דאָס שווייגען פון הימעל איז געווען פול מיט רוה און שעהנקייט וואָס קען נישט איבער געגעבען ווערען אין ווערטער, קיין מורמעל האָט זיך נישט געהערט אויף דעם גרויסען פלאַך פון וואַסער וואָט האָט געשפּיגעלט אַלע שאַטירונגען פון דעם פייערדיגען רויטען זון אונטער גאַנג דער אויף מיילען און מיילען איינזאַמער זאַמד ברעג איז געלעגען ווי אַ גרויסער אַמפּיביעזער רעפּטיל פון פאַר די מבולדיגע דורות שמירירענדיג מיט זייגע שופּען און שעהנע קאָלירען, אונזער שיף האָט זיך אַזוי שטיל שווייגענד געגליטשט ביי דעם שאַרף משופּעדיגען ברעג וועלכער איז געווען פון אַ פויגעל קאָלאָניע, פּלוצלינג איז אַ גרויסער פיש אַרויס געשפּרונגען אויף דעם אויבער פלאַך פון דעם וואַסער און באַלד פערשוואונדען אַרויס ווייזענדיג אויף זיין פאַרגייענדער פיגור אַלע קאָלירען פון אַנאַכט הימעל ער האָט פאַר אַווייליטשקע אַצו געשטאַהן און זיין זייט דעם פיל קאָלירטען שירעם, אונטער וועלכען עס איז געווען אַ שטילע וועלט פיל מיט דעם פרייד פון לעבען ער איז געקומען פון די טיפענישען פון זיין מיסטעריעזער וואוינונג מיט אַ שעהנער טאַנצענדיגער באַוועגונג אין ער האָט צו געגעבען זיין אייגענע מוזיק צו דער סימפאָניע פון דעם שטאַרבענדיגען טאָג איך האָב געפיהלט ווי איך וואָלט געהאַט אַגרוס פון אַפרעמדע וועלט און איהר אייגענע שפּראַך און דאָס האָט אנגערירט מיין האַרץ מיט איין אויפגליהונג פון פרייד... פּלוצלינג האָט דער מאַן ביים דעם רודער אויס געשריגען מיט אַ בעשטימטען קלאַנג פון בעדויערונג אָה ! וואָס פאַר אַ גרויסער פיש... דאָס בילד פון אַ פיש וואָס מען האָט געפאַנגען... און צוגעגרייט פאַר זיין אָוענד מאָהל צייט איז פאַר זייגע אויגען געשטאַנען...

ער

1) המליצה תדמה את המדינה... כאם היולדת ואת בני המדינה לילדיה... מלבי"ם ישעי' ג"ד.

ער האָט געקענט קוקען אויף דעם פיש נור... דורך זיין באַגעהר... און ער האָט אויף אַזאַ אויפן פאַרפעלט צו זעהן דעם גאַנצען אמת פון דער עגזיסטענץ פון פיש...

אָט אַזאַ פּסיכאָלאָגיע האָט דער טיראַן און דעספּאָט און אַזאַ שטאַט וואו דער רעזשים אין טעראָר איז דאָס זויערס פון טויג... ווייל ער בעטראַכט די מאַסען נור אַלס (שזענד) וועזענס צו דערציהלען זיין באַגעהר אין קאַריעריסטישען פערגניגען.

און פאַרגעסט צו ער וויל באַלד נישט וויסען אז די קאָלעקטיווע מאַסען זענען ג—טס באַשעפענישען, וועלכע האָבען דאָס רעכט פון פרייהייט אין עגזיסטענץ רעכט אָן אין פאַר זיך...

דער דעספּאָט מיינט אָבער אַז דאָס פאָלק די בירגער, זענען פאַר איהם בעשאַפען געוואָרען... אָט אַזוי דענקט דער שקלאַפען האַלטער.

וואָס פאַר אַ פּסיכאָלאָגיע האָט אָבער דער רעגירער און אַ גערעכטיקייטס שטאַט ?

דאָס קען מען וויסען פון די פאָלגענדער תלמודישע ערצעהלונג..

עס האָט פּאַסירט אַז רבן גמליאל און ר׳ יהושע זענען געפאָהרען אויף אַ שיף..

ביי רבן גמליאל איז געווען בלויז ברויט און ביי ר׳ יהושע'ן ברויט און זעמיל (דאָס לעצטע עגזיסטירט לענגער) ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס ברויט פון רבן גמליאל האָט ער אָנגעהויבען צו עסען פון די זעמיל פון ר׳ יהושע, און דאַן האָט ער איהם געשטעלט אַ פראַגע, פון וואַנען האָסטו געוואוסט אַז מיר וועלין זיך דאָ לאַנג פערהאַלטען און צוליב דעם מאָטיוו האָסטו מיט גענומען זעמיל וועלכע עגזיסטירען לענגער ?

דאָס איז דערפאַר — האָט ר׳ יהושע געענטפערט — ווייל ס'איז דאָ איין שטערען וועלכער געהט אויף איינמאָל אין זיבעציג יאָהר און ער פערנאַרט די שיפס קאַפּיטאַנען אַז זיי ווייסען נישט ווי אַזוי צו פיהרען דאָס שיף, האָב איך מיר געטראַכט טאָמער וועט פּאַסירען אַזאַ צופאַל און מיר וועלען דאָ לענגער זיך פערזוימען האָב איך זיך מיט דויערהאַפטיקע שפּייז פערזאָרגט !

— און אַזוי פיל אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפט האָסטו און דאָך מוזטו רייזען אויף אַ שיף יצוליב פרנסה צווּעקען ? —

— און וואָס וואונדערסטו זיך אויף מיר איך האָב 2 תלמודים ר׳ אלעזר בן חסמא און ר׳ יוחנן בן גודגדא וועלכע קענען אָב שאַצען ווי פיהל טראָפּענס דער ים האָט און דאָך האָבען זיי נישט קיין ברויט צו עסען און אַ מלבוש אָנצוטאָהן...

קומענדיג אַ היים בעשליסט רבן גמליאל צו געבען זיי געוויסע רעגירונגס אַמטען כדי אַזעלכע פּרעזענליכקייטען זאָלין זיך נישט געפונען אין אַזאַ קריטישען צושטאַנד, דאַגעגען די לעצטע האָבין זיך קאַטעגאָריש עגטזאַגט ווייל זיי ווילען נישט הערדין קיין הערשער...

ער האָט עטליכע מאָהל נאָך זיי געשיקט און זיי האָבין נישט געוואָלט קומען, דאַן האָט ער צו זיי שטרענג געזאָגט פאָלגענדעס.

צו מיינט איהר אז איך גיב אייך הערשאפט דורכן רעגירונגס אמטן ?... זייט וויסען אז איך גיב אייך נישט מעהר ווי קנעכטשאפט. ווארום זיין ארעגירער הייסט ווירקליך זיין א קנעכט צום פאלק... אין אזוי זאָגט דער פסוק ווי די סענאַטאָרען האָבען געזאָגט צום צוקונפטיגען קעניג רחבעם. אויב די ווערסט היינט ווערען אַ קנעכט צום פאָלק אין די ווערסט זיי דינען דאַמאלס וועלין זיי זיין דיינע בירגער. 1)

אָט דאָס איז דער דעוו'יז פון יודישען שטאַט, איך וויס נישט צו דער געניאַלער מאַנטיעסקיו וועמענס טעאָריע איז דער אַקס אַרום וועלכע עס דרעהט זיך דאָס מלוכה לעבען אין יעדער פראָגרעסיווען שטאַט צו האָט ער אַזוי טיף בעגריפען דעם דאָזיגען הויכען עטישען אידעאַל?

נעמליך אז דער רעגירער איז בעשאפען געווארען פאר'ן פאלק אבער דאס פאלק איז נישט בעשאפען געווארען פאר'ן רעגירער, עס איז אויך מערקווירדיג פאָלגענדע ערצעהלונג וועלכע ווערט געברענגט אין ירושלמי וואו ס'דערצעהלט זיך אַז ווען ר' יוסי איז געקומען אין די שטאָדט כופרה האָבען די דאָרטיגע איינוואוינער געוואָלט אויפנעמען אַ געוויסען פערזאָן פאַר אַרעגירער.

אין ער האָט זיך דערפון ענטזאָגט ר' יוסי האָט איהם דאַן אויפמערקזאַם געמאַכט די ווערטער פון די משנה „בן בבי על הפקיע” ד. ה. ער האָט געוואַשען די קנייטלעך פון די מנורה אָדער ער האָט זיי געפלאָכטען, אויב דער דאָזיגער וועלכער איז נור אויפגענומען אויף נישט קיין לעבעדיגע זאַכען ווי קנייטלעך שטעהט אין איין רייה מיט די גרויסע פרעזענליכקייטען איהר וועלכע ווערט אויף גענומען אויף לעבעדיגע מענשען איז געוויס אייערע נעמענער, ווערט אָב געשאַצט צו ווערען דורכ'ן צוקונפטיגען היסטאָריקער... 2)

אין עס איז אין פלוג אונפאַרשטענדליך וואָס פאַר אַצוזאַמענהאַנג האָט דאָס פראָבלעם פון רעגירען צו יענעם היסטאָרישען פאַקט פון „בן בבי על הפקיע”?... נור עס האָט לויט מיין מיינונג אָט די בעדייטונג.

דעם רעגירער פון פאָלק דאַרף דאָס קנייטעל וועלכע לייכט דינען אַלס סימבאָל, וואָרום דאָס קנייטעל בעלייכט פאַר אַלע אָן אייגענע נוצען, פאַרקעהרט עס ווערט נאָך פאַרברענט ביי איר אַרבייט, אַזוי בעדאַרף זיין דער רעגירער, — אַגרויסער אידעאַליסט, אַבסאַלוט נישט אין זינען האָבען קיין עגאיסטישע אינטרעסען.

ער זאָל נישט בעטראַכטען די קאָלעקטיווע מאַסען אַלס מאַטריעאַל, פאַר איהם קרוינען אויס צו האַקען ער זאָל זיין ווי דאָס קנייטעל בעלייכטען פאַר דאָס פאָלק אָן אייגענע נוצען, ! אין ווען דאָס פאָלק געפינט זיך אין אַ קאַטסטראָפע די פלאַמען פון פיינד דראָהען צו פערניכטען די מויערען פון לאַנד בעדאַרף ער זיך נישט בעגנוגענען מיט'ן געבען די סטראָטעגישע פלענער, נור זעלבסט זיך

אין

---

1) הוריות י' מלכים א—יב. 2) ירושלמי שקלים פ"ד הלכה ד'.

אין די פלאמען פייערן צו ווארפען בכדי צו ערר״כען די פאלקס עמאנסיפאציע, ווי דאס האבען געטאהן אין געוויסע עפאכעס שאול אין דוד. —

ווייל דער פיהרער איז ווירקליך נישט מעהר נור א דינער צום פאלק! אט דאס בעדייט די עטישע פרעדיגונג פון ר׳ יוסי, פאר די רעגירער פון יענע עפאכע.

ווי אזוי א רעגירער בעדארף געוועהלט ווערען? און זיינע קוואליפקאציעס.

דער רעגירער בעדארף — לויט׳ן תלמוד — געוועהלט ווערען, נישט דורך זיך זעלבסט געמאכט ווערען, ! „מען נעהמט נישט אויף קיין שום רעגירער איבער׳ן פאלק איידער מען פרעגט אן דאס פאלק״ [1].

דא איז פערהאן יענער גרונד פרינציפ פון „פארלאמענטאריזים״.

און אויב מען דארף וועהלען און ס׳איז נישטא קיין אוזורפאציע, איז פארשטענדליך אז דער וועהלער איז דער וועלכער מעסט און וועגט די אייגענשאפטען פון די קאנדידאטען, און דער דאזיגער וואס זיינע טעהאטען וועגען איבער, ווערען דורך איהם געוועהלט, אבער וואס פארע קוואליפקאציעס, בעדארף האבען דער רעגירער, (אז דער וועהלער זאל אנערקענען אלס פרינציפ צו וועהלען דעם קאנדידאט מיט די גוטע אייגענשאפטען, צו בעדארף ער זיך אויס צייכענען מיט׳ן קראפט פון קערפער, אדער מיט די שטארקייט פון גייסט?

צו ווערט געוואויגען די מאס פולוועה, וואס ער באזיצט אדער די מאס פון זיינע עטישע און גערעכטיקייטס טעהאטען?

וואס איז דער לייטער וועלכער ברענגט איהם אויפ׳ן רעגירונגס שטוהל?

אויף דעם געפינען מיר מערקווירדיגעס אין מכילתא [2] וועלכע זאגט פארוואס האט יהודה ערר״כט צו פיהרען דאס יודישע שטאט? ווייל ענטפערט זי ער האט געזאגט וואס ועט ארויס קומען פון דעם וואס מיר וועלין טויטען אינזער ברודער און פערגיסען זיין בלוט ד. ה. ווייל ער האט נישט דערלאזט אין יענע עפאכע צו קיין בלוט פערגיסונג דערפאר שטעהט ער אין שפיץ פון יודישען שטאט!

מיר קענען געבען פאלגענדע דעפיניציע אז די קוואליפקאציעס פון יודישען רעגירער. זענען נישט צו קענען גוט צילען אין דאס הארץ פון געגנער, נור צו הערשען איבער די אייגענע אינסטינקטען, און ווערען אגייסטיגער העלד, אז די טעהאטען פון רעגירער זאלען פליסען פון גערעכטיקייטס קוואהל!

ווארום אויך דאס צוקונפט שטאט געהער צום שבט יהודה, פון איהם קומט דער משיח וועלכער וועט פרעדיגען פאר די מענשהייט צו פערוואנדלען די בעוואפענונגס מאטריאלען און פראדוקטיווע ארביטס ווערקצייג.

איין

---

1) שבת נ״ה. 2) מכילתא יתרו.

אין דער הויכע אידעאַל פון משיח איז — „אַז די וועלט זאָל פון ווערען מיט ג-טליכע וויסענשאַפט ווי וואַסער פאַרדעקט דעם ים פלעכע".

עס ווערט נישט געשטרעבט „אַז די וועלט זאָל כּוּל ווערען מיט... האַרמאַטען טאַנקסען טייוועל מאַשינען און מיט עראָפּלאַנען וועלכע וואַרפען באָמבעס... מיט גיפטיגע גאַזען און שטילע רעוואָלווערען... נור אַז דאָס אַלעס זאָל צום גליק פון די מענשהייט פערניכטעט ווערען (אין זיבען יאָהר — זאָגט יחזקאל — וועט דאָס געוועהר פאַרברענט ווערען...) און אַנשטאַט האַרמאַטען-פּיסקעס זאָלען פון די רעגירונגס אינסטיטוציעס אַרויס שטאַרצען די פּאָהן פון יהודה, אויף וועלכע עס איז פייערדיג אויס געקריצט „ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים" !

צו איז עס טאַקי אזא אייזערנע קשיא ?

נישט ריכטיג דאָס וואָס איהר זאָגט אַז דער וועג ווייזער פון יודישען שטאַט איז נור די עטיק ווייל עס געפינט זיך דאָך אין דער תורה אזא לאו ווי „לא תחיה כל נשמה"... אזוי פרעגען די ביבעל קריטיקער צו דאָס יודישע פאָלק.

אויף דעם וויל איך ענטפערען פאָלגענדעס, אַז עס ווערט דער קלערט אין ירושלמי, שלש פרוזדגמאות שלח יהושע לארץ ישראל עד שלא יכנסו לארץ, מי שהוא רוצה לפנות — יפנה, להשלים — ישלים, לעשות מלחמה — יעשה מלחמה 1) ד. ה. „אַז יהושע האט אין יענע עפאכע פונאנדער געשיקט אין ארץ ישראל איידער זיי זענען אריין דארט — 3 באפעהלען דער וועלכער וויל אוועק געהן זאל אוועק געהן, ווער עס וויל שלים'ען שלום, זאל שלום מאכען ! ווער עס וויל מלחמה האלטען זאל מיט אינז קעמפען" !

האָט דאָך דער פעלד מאַרשאַל דייטליך ערקלערט 1) אַז ס'איז ערלויבט זאָגאַר צו פערבלייבען אין לאַנד דעם דאָזיגען וואָס זיין אידעאַל איז נור שלום !

2) דער וועלכער וויל פרייוויליג פערלאָזען דאָס לאַנד קען פערלאָזען און עס ווערען נישט פערשפּרייט קיין שטעכדיגע דראָהטען אויף זיין וועג, טאָ וואָס איז דאָ דער געוואַלד ?

ווי וויט די עטיק איז געווען פערשפּרייט אין דאָס פּאָליטישע לעבען ווייזט די הלכה פון ספרי 2).

„אַז מען טאָר נישט אַרום רינגלען קיין שטאָט נור פון 3 זייטען אָבער נישט אַריין נעמען איהר אין פלען פון אַלע 4 זייטען", ווייל ס'איז געגען די עטיק איינציקלאַמערען מענשען אין קייטען אַז זיי זאָלען נישט קענען אנטלויפען...

צו האָט איהר שוין אַמאָהל געהערט פון אזא עטיק אין קריגס מאָמענט ? וואָרום

---

1) ירושלמי שבועות. 2) ספרי תצא.

וואָרום ביי אַנדערע פעלקער איז עס אין גאַנצען אַנדערש, דער זעלגער ווערט אויפ'ן פראָנט ווען ער פערזינקט אין די אַקאָפּעס, פערזונקען אין ערדישען לעבען, ער פערלירט דעם צלם א—קים, ער ווערט אַ נישט דרעסירטע חיה, עס ברויזען אין אויף אַלע נידריגע ליידענשאַפטען ער ווערט שוין אייביג אַ גייסטיגער איגוואַליד, זאָגט אָבער די תורה אַז אויך בשעת חירם (אין קריגס-מאָמענט ווען ער איז בּויטוועגדיק) מוז הערשען די עטישע דיסציפּלין! אין ווען די בעלאַגערסט אַ שטאָדט טאָרסטו נישט אינטער האַקען די פרוכטבאַרע בוימער וואָס שטעהן אַרום איהר... די וועלכע געהן אין מלחמה מוזען זיין ריין פון וועלכען ס'איז זינד דאָס וואָס די תורה זאָגט אַז הירך ורך לבב זאָל נישט אַנטייל נעמין אין די מלחמה, ווערט געמיינט לויט איין תנא — „מעבירות שבידו”... ד. ה. אַז „רך לבב” בעדייט ווען ער געוועלטיקט נישט איבער זיין הארץ ער איז צו שוואך דערצו... איבער דעם איז ער נישט דער גייסטיגער העלד אין די קריג אַנטייל צו נעהמען, ווייל ער וועט דאָרט נישט פערווירקליכען יענע עטישע פרינציפּען וואָס די תורה פאָדערט...

מיר קעהרען זיך אום צו אינזער טעמא אַז די קשיא פון די ביבעל קריטיגער, איז אַבסאָלוט קיין פראַגע נית ווי ס'איז שוין גענוי ערקלערט געוואָרען.

* *
*

אָבער דער יודישער דענקער אין זיין ענטפער צו מיר, אין אַבעקאַנטע צייטונג שרייבט פאָלגענדעס (אויף דעם וואָס איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט פון ירושלמי, „די זאַך איז נישט אַזוי איינפאַך ווי ה' מכב”י (מיין פסעוודאנים) מיינט ווען עס וואָלט זיין אַזוי איינפאַך צו וואָס וואָלטען די גבעונים בעדאַרפט צו פאַרשטעלען זיך אלס ווייטע? אין צו וואָס איז אַזוי גרויס געווען די איבעראַשונג אַז מען האָט זיך דערוואוסט אַז זיי זענען נאָהנטע, קוים איז צו אַלעמען צו געשיקט געוואָרען דער באַפעהל הרוצה להשלים — ישלים? צו וואָס האָבען די גבעונים, בעדאַרפט אָננעהמען אַזעלכע אויסטערלישע מיטלען אין פאַרוואָס איז זיי אַזוי שווער אָנגעקומען דער שלום.

מיין ענטפער איז פאָלגענדעס. 1) די עטישע פראַגע, איז שוין געפרעגט געוואָרען דורכ'ן בעהרימטען גאון מהר”ם מלובלין ז”ל 3) וועלכע ענטפערט „אַז צו די גבעונים איז נישט געווען בעוואוסט די ווירקליכקייט ד. ה. די אמת'ע קאָמענטירונג פון „לא תחיה כל נשמה” זיי האָבען געמיינט אַז עס איז אַ אַבסאָלוטער געבאָט, האָבען זיי נאַטירליך געמוזט געהן אויף די פלאַמאַטישע וועגען איך ווייס אַז מ'קען פרעגען אויב ס'איז פראָקלאַמירט געוואָרען אַזאַ מאַניפעסט טאָ פאַרוואָס האָבען די גבעונים פון איהם נישט געוואוסט? ס'איז דאָך נישט געווען קיין געהיימער דעקרעט.

אָבער

3) מהר”ם גיטין. (ד' מו).

אָבער עס איז קיין פראַגע נישט וויסענדיג די אינפאָרמאַציאָנס שווערינקייטען פון יענער עפּאָכע ווען קיין צייטונגען און קיין ראַדיאָ זענען נאָך נישט געווען, טאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ חידוש ווען צו די גבעונים, איז דער דער באַפעהל נישט געווען בעוואוסט ?

אויך דער רמב״ם 4) באַמערקט שוין פריהער אָט די פראַגע און שרייבט, די ערשטע מלחמה עם אדם בעולם עד שקוראין לו שלום״ שלש כתבם שלח יהושע עד שלא נכנס לארץ, הראשון שלח להם מי שירצה לברוח יברח, וחזר ושלח מי שרוצה להשלים — ישלם, וחזר ושלח מי שרוצה לעשות מלחמה, יעשה אז מפני מה הערימו יושבי גבעון ? לפי ששלח להם בכלל ולא קבלו, ולא ידעו משפט ישראל, ודימו ששוב אין פותחין להם לשלום.

ד. ה. „אַז מען טאָר נישט רופען קיין שום מענשליך וועזען צו אַ מלחמה אויב מען האָט פריהער נישט גערופען צו שלום, און ס׳איז דורך יענעם אָב געוואָרפען געוואָרען״.

3 דעקרעטען האָט יהושע זיינער צייט, פונאַנדער געשיקט איידער ער איז אַריין און ארץ ישראל, 1) אַז יעדער קען שלום שליסען מיט דאָס יודישע פאָלק, 2) דער וועלכער וויל אַנטלויפען קען דאָס טאָהן, 3) דער וועלכער וויל פיהרען מלחמה זאָל מיט אינז קעמפען, און אויב אַזוי טאָ פאַרוואָס האָבען די גבעונים בעדאַרפט מאַכען דיפּלאָמאַטישע פּאָליטישע שפּיצלעך ?

נור וויל די גבעונים, האָבען זיך נישט אָפּ גערופען אויפ׳ן דאָזיגען מאַניפעסט, וואָרום זיי האָבען נאָכ׳ן ערשטען רוף — בעדאַרף שיקען אַ שלום דעלעגאַציע מיט די געהעריגע פולמאַכטען פון זיי, און זיי זאָלין ערקלערען „אַז זיי באַשטעטיקען דעם שלום, זיי האָבען דאָס אָבער נישט געטאָהן זענען זיי אַריין געפאַלען אין אַ טעות, מיינענדיג אַז דאַדורך איז שוין דורכ׳ן עפענטליכען וועג צו זיי קיין רעטונג נישטאָ, נישט וויסענדיג פון די יודישע עטיק, אַז זאָגאַר איצט קענען זיי נאָך געהן אין פּראָקלאַמירען עפענטליך מיר ווילען שלום און אַ געוויסען זין, איז דער ענטפער גלייך צום מהרמ״ס וויל די פסיחאָלאָגיע פון די גבעונים, איז געווען ווייט צו פאַרשטעהן די יודישע עטיק האָבען זיי געמאָסטען די יודישע געזעצען מיט זייערע קליינע אַנשויאונגען, וואָרום די גבעונים זענען געווען זעהר בלוט דורשטיק (ווי דער לעזער וועט זעהן אין קומענדיג פּרק די זיבען געהאָנגענע) האָבען זיי דאָס נישט בעגריפען אַז עס קען עקזיסטירען אַזאַ טאָלעראַנץ צום געגנער..

און אויף די פראַגע וואָס איז געווען די איבעראַשונג פון די נשיאים ? ענטפערט דאָרט דעם רמב״ם פאָלגענדעס וויל עס זענען פערהאַן 2 וועגען דורך וועלכע פעלקער פאַרשטענדיגען זיך 4) ביידער ערקלערען אַז עס הערשט נישט צווישען זיי קיין קריגס-צושטאַנד, ס׳הערט אויף נישט בלויז דאָס מאַכען מיט׳ן שווערד פון איין פאָלק צו דאָס צווייטע, נור אויך ס׳הערשט נישט קיין פאַסיווער ווידערשטאַנד (דורך בויקאָט מוטלען) צווישען זיי.

צוויי

4) ה׳ מלכים,

2) צווײ פעלקער שליסען טײלמאל א פערבאנד מיט א זיכערהייטס אבמאך אין וועלכען ס׳געפונען זיך פול פונקטען פון געגענזײטיגער פערפליכטונגער׳ דאס איז שוין גאר א אנדער בעגריף, אין מיט די, שבע אומות (צוליב זײער נידריגען מאראלישען צושטאנד ווארום זײ פלעגען טאהן די שענדליכסטע טעהאטען) איז נור ערלויבט געווארען זיך צו פארשטענדיגען מיט זײ דורכ׳ן ערשטען אופן אבער נישט „כורת ברית״ צו זײן מיט זײ אין ווײל די יודען האבען דעמאלט צוליבן פערמאסקירען זיך פון די גבעונים, געשלאסען מיט זײ א זיכרהײטס אבמאך זאגאר מיט א פײערליכע שבועה וואס דאס איז געוועזען א איבערהאפונג פון די מאס, איז טאקי גרויס געוועזען די איבערראשונג פון די נשיאים.

אין עס פאלגט דערפון אז אויך די דריטע אין פיערטע פראגע זענען לויט׳ן דאזיגען לאגישען אנאליז פאר׳ג זפערט.

ס׳איז כדאי צו באמערקען אז די מײנונג פון ירושלמי, איז א אנגענומענער פרינציפ בײ די חכמי התלמוד, אויך אין אנדערע קוועלען אין ספרי אויפ׳ן פסוק והיה אם שלום תענך ופתחה והיה כל העם הנמצאים, בה יהיה לך למס, געפינט זיך „לרבות כנענים שבתוכה״.

ד. ה. אז אויך די כנענים וועלכע זענען פון די שבע אומות, האבען דאס רעכט אויף שלום! 5)

די דאזיקע מײנונג (פון ירושלמי) ווערט אויף געברענגט אין מדרש 6) די בעלי התוספת 7) ערקלערען אז אט די מײנונג איז נישט בלויז א היסטארישע טראדיציע, נור ס׳איז א נויטווענדיקײט דורך די דאזיקע בעלײכטונג צו קאמענטירען דעם פאקט מיט די גבעונים, וועלכער וואלט געבליבען אונפארענט-פערט ווײל ס׳איז א פרינציפ „אז בײ נשבע לבטל את המצוה איז די שבועה נישט חל״...

אלזא די מײנונג ווערט באשטעטיקט דורכ׳ן ירושלמי ספרי מדרש רמב״ם בעלי התוספות איבער דעם איז די דאזיגע פראגע גענצליך פארענטפערט.

דער מערקווירדיגע עפיזאד פון זיבען געהאנגענע.

אין פריהערדיגען פרק איז שוין ערקלערט געווארען אז אויך צו די שבע אומות איז געוועזען פיל טאלעראנץ יעצט ווייל איך דערווײזען אז די גבעונים פון די שבעה אומות פון וועלכע מיר האבען אין פריהערדיגען פרק גערעדט האבען גענאסען פון פאלקאמע רעכט אין יודישען לאנד, אין דאס גזעץ האט זײ בעשיצט נישט בלויז ווי געוועהנליכע בירגער נור טאקי ווי פריוויליגירטע קינדער...

אין ספר שמואל ווערט איבער געגעבען פאלגענדער עפיזאד דאס איז געוועזן

5) ספרי שופטים, ומה שתמוה דמדוע נקט כנענים שבתוכה? שם הגאון מלבי״ם ז״ל בביאורו שם. 6) שופטים. 7) גיטין מ״ו בתוס׳.

געווען אין די עפאכע ווען דוד האט געקיניגט האבען די אונז בעקאנטע גבעונים „נאציאנאלע" מינדערהייט...) געפאדערט פון קיניג, אז ער זאל זיי לאזען ערפילען זייערע נקמה פלענער, אויף שאולס קינדער דערפאר וואס דער לעצטער האט געטויט איינינע גבעונים, אין לויט'ן תלמוד — האט ער זיי נישט געטויט ער האט זיי נור פעראורזאכט דורך זיינע טעהאטען ארבייטס — לאזיקייט... זיי האבען דורך איהם נישט געהאט קיין פרנסה קוועלען אלזא האבען זיי געפאדערט דורכאויס צו נעמין נקמה פון זיינע קינדער...

גיב אינז זיינע זיבען זיהן וועלין מיר זיי אויפהענגען — האבין די גבעונים שטרענג געפאדערט מיט בלוט דורשטיקייט...

— אין אפשר ווילט איהר געלד ענטשעדיגונג פרעגט זיי דוד המלך — —

— ניין מיר ווילען קיין געלד נישט מיר פאדערען נור נקמה דאס איז אינזער ציל אין איצטיגען מאמענט מיר זענען בערויבט געווארען פון רעכט, אויף ארבייט (לויט'ן תלמוד) ווילען מיר בערויבען דאס לעבען פון זיינע קינדער...

אט דאס איז געווען די סאטיספאקציע... וואס די צובושיוויטע גבעונים האבען געפאדערט...

אין אפשר מיינט איהר אז מען האט זיי אין תפיסה קאמערען איין געשפערט פאר זייער חוצפה צו פאדערען אזעלכעס ?

אויב „דו" געהערטער לעזער רעכענסט אזוי ביזטו זיך טועה, ווייל די פסוקים ערקלערען אט וואס, אין דער קיניג דוד האט בעשלאסען צו געבען זיי די זיבען זוהן פון שאול'ן...

אין ווייטער, אין דער קיניג האט גענומען די 2 זוהן פון רצפה בת איה, וואס זי האט געבוירען צו שאול, וועלכע זייער נעמענער איז, אדמני אין מפיבשת אין די פינף זיהן פון מיכל די טאכטער פון שאול... אין זיי איבער געענטפערט צו די גבעונים, אין די לעצטע האבען אויסגעפיהרט די שוידערליכע עקזעקוציע, זיי האבען די זיבען זוהן פון שאול אויפגעהאנגען אויפ'ן בארג...

עס שטעהט דאך פרעגט דער תלמוד אז קינדער טארען ניט געטויט ווערען דורך די זינד פון די עלטערען טא פארוואס איז דא אנגעווענדעט געווארען די שטראף איבער'ס שאול'ס קינדער, וועלכע איז אין ווידערשפרוך צום דאזיקען פרינציפ ?

— אבער מען זאל זיך איבערצייגען אז יודען טארען אבסאלוט נישט אינטער דריקען קיין פרעמד פאלק ! — ענטפערט דער תלמוד — מען האט געזעהן די זיבען געהאנגענע האט מען געפרעגט פארוואס הענגען די זיבען קיניגליכע קינדער ?...

האט מען זיי געענטפערט ווייל אט די פאמיליע האט איהר האנד דערהויבען אויף פרעמדע דערפאר זענען זיי אמשטרענגסטען בעשטראפט געווארען !...

אבער עס זענען דאך קיניגליכע קינדער פון א קיניגליכע דינאסטיע האבען די צושויער געפרעגט ?

אויך קיין קיניגליכע דינאסטיעס ווערען נישט געשוינט ביים יודישען פאלק ווען זיי בערויבען אמינדערהייט פון איהר רעכט...

אין אויב קיניגליכע קינדער ווערען נישט געשוינט ווען עס ווערט דורך זייער פאמיליע בעגאנגען אנטי הומאניטארע אקטען, טא ווי ווערען שוין נישט געשאנעוועט איינפאכע מענשען ווען זיי ווערען דעספאטען? — אזוי האבען די דורכגעהער ערקלערט, דער דאזיקער עפיזאד איז געווען — אין יענע עפאכע, אפראפאגאנדע אקט פאר'ן יודישען פאלק, די מאסען זענען היפנאליזירט געווארען זעהענדיג דאס בילד, עס זענען טאקי דעמאלט צו געקומען, 150,000 גרים צום יודישען פאלק — ערקלערט דער תלמוד. —

ווייל זיי האבען זיך איבער צייגט דורך טעהאטען נישט בלויז דורך ווערטער ווי ווייט דאס יודישע פאלק איז פון שקלאפעריי, אין קנעכטשאפט (פאר איהרע בירגער), אז דאס יודישע הימאניטארע געזעץ איז דער דעוויז פון דאס יודישע שטאט, ווארום זאגאר א פאלק פון די זיבען פעלקער וועלכע זענען געווען די נידריגסטע פעלקער, אין מאראלישען זין די דאזיקע זיבען פעלקער פלעגען טאהן די שענליכסטע טעהאטען, אין דאך איז צוליב'ן בעריבען דאס רעכט פון דאזיקען פאלק אויסגעפיהרט געווארען זיבען טויט אורטיילען אויף זיבען געהאנגענע צוליב א פאלק פון די זיבען פעלקער...

קען דען דאס יודישע פאלק האבען ביי זיך [illegible]אר ארינגעלע פון א שקלאפ קייט. ווי ווייט דאס יודישע פאלק איז פון אנדערע פעלקער ביי די לעצטע ווערען די וועלכע דריקען אונטער די מינדערהייטען נעמען צו זייערע פרנסות, מאכען זיי פאר ארבייטס לאזע עלעמענטען אין פאר נידריגע שקלאפען — דערהויבען צו די העכסטע רעגירונגס שטעלעס און ביים יודישען פאלק ווערען די וועלכע בערויבען די מינדערהייטען פון זייער רעכט אויף ארבייט דער הויבען צו דער תליה... זאגאר קיניגליכע קינדער...

אט דאס בעווייזט אונז דער עפיזאד פון די זיבען געהאנגענע [1]

אין עס בעווייזען אונז די הויכע אידעאלען פון דאס יודענטום אויך צו פרעמדע, די ווערטער פון שלמה וועלכער זאגט [2].

די שטראף איז נישט געקומען אויף די קעפ פון די ברוטאלע פערזאנען, אן אקלאנג פון א דיגער צום ערשטען אלס אנזאג צו די קומענדע שטראף וועלכע איז א פראדוקט פון פארברעכען פעראטען ווייל זיי האבען פעראטען די פרעמדע האבען זיי ערווייטערט פון זיצען צווישען זיי, די זאגאר וועלכע זענען יא דערנעהנטערט געווארען איז עס נישט געווען צוליב זייער טובה, נור זענען איבער געענטפערט געווארען צו שקלאפען ארבייט, די דערבארמונג איז נישט מעהר געווען ווי א פייגען בלאט צו פארדעקען די ברוטאליטעט, זיי האבען זיי פערוואנדעלט אין קנעכט אין שקלאפען אין געארבייט מיט זיי שווער... איבער דעם ווערען די בעדריקער שטארק בעשטראפט.

מיט אזא שארפקייט פראטעסטירט שלמה געגען טעראר אקטען וועלכע ווערען בעגאנגען אויף פרעמדע.

אזוי

---

[1] שמואל ב—כ״א יבמות ע״ח—ע״ט. ירושלמי סנהדרין פ״ו ה״ז. [2] חכמת שלמה י״ט.

אַזוֹי פּראָטעסטירען קען נור אַ זוהן פון יודישען פאָלק וועלכע פּראַקטיצירט אין לעבען די הומאַניטאָרע אידעאַלען מ׳קען איהם נישט זאָגצן קשוט עצמך. אַזוֹי קען פּראָטעסטירען אַ קיניג וועלכער אָבוואָהל ער זעהט די גרויסע ליכטקייט ביי זיין לעבען אין דאָך די אויגען ווערען נישט פערטונקעלט פון צופיל ליכט. ער זעהט דעם אמת, די גרעצען פון גרעכטיקייט זענען אויף זיין קרוין אויסגעקריצט, דער קיניג ווי דאָס פאָלק דער אָנהויב איז ביי זיי ביידע גלייך. ביידע זענען זיי אויף דער וועלט געקומען מיט אַ געוויין. אין ביידע זענען שטערבליכע וועזענס... ביידע שעפּען באַלד ביים אָנקומען אויף דער וועלט — די לופט וועלכע איז צו אַלע ביידע ווערען אין פול זאָרגען איינגעהילט, אָבער ווי דער מלך ווי דאָס פאָלק אַ הייליכער גרעניץ איז פאַר זיי 3).

מענשען פריינדשאַפט געזעלשאַפט, דאס רעכט אלס מענש אין ליכט פון תורה און תלמוד.

עס איז טאַקי אַלעמענטאָרער, לאָגישער עטישער פּרינציפּ פון די מענשהייט צו זאָרגען אויף פאַר׳ן צווייטען, האָט אָבער די תורה געגעבען דעם העכסטען אַלטרואיסטישען הומאַניטאַרסטען אידעאַל. די זאָלסט ליב האבען דיין פריינד ווי זיך זעלבסט, אין אָט וואָס ס׳ווערט ערקלערט אין תלמוד און אין מדרשים, וועגען הומאַניטאָרען אידעאַל, ג—ט זאָגט מיינע ליבע קינדער! צו פאָדער איך פון אייך אַזעלכעס וואָס איך האָב נישט בעשאַפען? איך פאָדער פון אייך אַז איהר זאָלט איינער דעם צווייטען רעספּעקטירען און ליב האָבען 1).

„מענשען פריינדשאַפט פערקירצט דאָס מענשליכע לעבען" 2)...

האָב ליב יעדען מענשליכען וועזען 3).

וואָס הייסט אינטערען בעגריף מענשען פריינדשאַפט? — אַ מענש זאָל נישט זאָגען איך האָב ליב די לעהערער, אין פיינד זייערע שילער, איך האָב ליב די געבילדעטע (אין תורה) אין פיינד די עמי הארצים, נור האָב ליב אַלע! 4)

וואָס בעדייט לא תשנא את אחיך בלבבך? — דאָ ווערט נישט געמיינט נור פיזישע אונגערעכטע טעהאַטען (ווי פאַטשען שלאָגען) ס׳ווערט געמיינט אַז די זאָלסט נישט טראָגען אין דיין האַרץ קיין פערבאָרגענע שנאה אויף דיין ברידער 5).

אויך „אַ פאַרעלטערטע פריינדשאַפט וועלכע האָט זיך איינגעבירגערט אין דיין האַרץ צום צווייטען, מוזטו איהר פערטרייבען" 6).

וואָס איז דער פינאַל פון דעם וועלכער ווידערשפּרוכט דעם הויכען אידעאַל פון „ואהבת לרעך כמוך"? — נישט בלויז מיט עפּעס „אַ אַנטיפּאַטע" צום צווייטען ענדיגט זיך עס...

וויילל

3) שם ז׳. חכמת שלמה הוא „מכתובים אחרונים".

1) תנא דבי אליהו פ׳ כ״ח. 2) אבות. 3) אבות פ״א משנה י״ב. 4) אבות דר׳ נתן פ׳ ט״ו. 5) ספרא קדושים, ערכין ט״ז. 6) תנדב״א שם.

ווייל ער שפּריזט שנעל פון איין אנטיטישען טעהאט צום צווייטען... ער איז נאָכהער עובר אויף „לא תשנא את אחיך בלבבך און לא תקום לא תטור" אויף וחי אחיך עמך ביז... עס קומט צו בלוט פערגיסונג... 7)

נעהם אויף יעדער מענש זעהר פריינדליך! 8) דער וועלכער נעהמט אויף א מענש זעהר פריינדליך זאָגאר ער האָט איהם גאָר נישט געגעבען דאָך איז די פריינדליכקייט פאַרעכענט ווי אַלע מתנות 9).

מען מוז רעספּעקטירען דעס פריינד די עהרע פון דיין פריינד זאָל זיין געאַכטעט ווי דיין אייגענע עהרע! 10) דערצערען נישט דיין פריינד דורך קיין ווערטער 11), און אָבוואָהל עס איז די פּסיכאָלאָגיע פון אַ מענש צו טרייסטען זיך ווען ער ווערט פאַרשעמט, אויב זיין חבר איז אויך אין דעם פערפּלאָנטערט...

איבער דעם זאָגען די חכמים, אַז ס'איז אַ עטישער פליכט צו באַהערשען דעם דאָזיקען גיפטיגען אינסטינקט די זאָלסט נישט זאָגען ווייל איך בין פאַרשעמט געוואָרען טאָ זאָל מיין חבר אויך מיט מיר פאַרשעמט ווערען... 12)

„דער וועלכער פאַרשעמט דעם צווייטען אין דער עפענטליכקייט הייסט א בלוט פערגיסער" און איז אָב געשניטען פון דאָס אייביגע לעבען (עולם הבא) 13), זאָלסט נישט וועלען רעספּעקטירט ווערען פון חבר'ס שאַנד דאָס איז פערבאָטען 14).

אין דער וועלכער רעספּעקטירט זיך פון. חבר'ס חרפה, האָט נישט קיין חלק לעולם הבא 15).

זאָלסטו נישט איבער רופען דיין פריינד אָצונעמען פון וועלכען ער ווערט בעליידיגט 16).

די טאָרסט זיך נישט גרויס האַלטען איבערן צווייטען טאָרסט זיך נישט האַלטען, ווי עפּעס אַ איבער מענש, זיי ביי דיר נידעריג פאַר יעדער מענש 17) און זאָגאַר פאַר יעדען ווזען 18) דער וועלכער איז ביי זיך נידעריג הויבט איהם ג–ט אויף 19) דער מענש זאָל זיין פון די וועלכע ווערען פאַרשעמט און פאַרשעמען נישט צוריק דעם צווייטען הערען זייער חרפה און ענטפערען נישט 20).

זיי ווייך ווי אַ צווייגעל און נישט ווי אַ טענען בוים! 21).

דער דעוויז פון די עטיק איז צו באַהערשען די נאַטירליכע אייגענשאַפטען 22), זיי פון די געיאָגטע אָבער נישט פון די יעגערס... 23)

דער וועלכער האַלט זיך גרויס איז גלייך ווי אַ געצען דינער 24).

דאָס כבוד געיעג פערקירצט דאָס מענשליכע לעבען 25).

דער וועלכער האַלט זיך גרויס נידערט איהם ג–ט אראָב 26).

ווירקליך געבילדעטער מענש איז נור דער וועלכער האַלט זיך נידעריג 27).

דער וועלכער האַלט זיך גרויס איז אַ גייסטיגער בעלי מום... 28)

דער

7) ספרי שופטים. 8) אבות פ"ז. 9) אדר"נ פ' י"ג. 10) אבות. 11) יומא פ"ז ב"מ צ"ז, מדרש שוח"ט. 12) ב"ר פכ"ד. 13) ב"מ נ"ט. 14) מגילה כ"ח. 15) ב"ר. 16) ב"ר נ"ה תענית כ'. 17) אבות פ"ד מ"ד. 18) תו"כ תזריע ובתלמוד אפי' יתוש קדמך. 19) ערובין י"ג. 20) שבת פ"ח גיטין ל"ז. 21) תענית כ'. 22) מגילה כ"ח, (ב"ק צ"ג). 23) ב"ק צ"ג. 24) סוטה ה'. 25) אבות. 26) ערובין י"ג. 27) סנהדרין כ"ד תענית ז', סוטה ה' פסחים ס"ז. 28) מגילה כ"ט.

דער מענש טאָר זיך אַבסאָלוט נישט גרויס האַלטען, דורך זיין בילדונג, אָדער מאַטריעלע עררייכונגען. די קאַפיטאַליסטען ווערען פעראַרימט, ווען זיי האַלטען זיך גרויס 29).

אבשלום האָט זיך גרויס געהאַלטען מיט זיינע פיינע האָר לאָקען... איבער דעם איז ער אויפגעהאָנגען געוואָרען אויף זיינע האָר 30).

ווען ג—ט האָט געגעבען דאָס גליק צו אַ מענש, אין צו זיינע צוקונפטיגע דורות, אויב ער האַלט זיך גרויס פערלירט ער אַלס... 31)

עס איז דער תורה אידעאַל, אַז עס זאָל הערשען אַ האַרמאָניע, אין די מענשליכע געזעלשאַפט, אין ס׳זענען ערוויינטערט געוואָרען די אַלע שלעכטע מדות פון מענש וועלכע שטערען דעם הויכען אידעאַל ווי גאוה, לשון הרע, כעס, אזו״ו עגאָיסטישע ליידענשאַפטען, דערביי איז מערקווירדיג ווי שאַרף לשון הרע ד. ה. אריין ברענגען אַדיסהאַרמאָניע אין די מענשליכע געזעלשאַפט איז דורכ׳ן תלמוד פעראורטיילט געוואָרען!

דאָס דאָזיגע זינד פון לשון הרע איז האַרבער ווי די שרעקליכע 3 עבירות, עבודה זרה, גלוי עריות, שפיכות דמים... 32)

דער וועלכער רעדט לשון הרע אין ווערט אַז מען זאָל איהם פאַר הינט אַוועק וואַרפען 33). לשון הרע איז נישט בלויז אַ אינדיווידיעלער אומגליק נור אויך אַ קאָלעקטיווער פאָלקס אומגליק, ווען נישט יענע לשון הרע, וואָס דוד האָט אין אַ געוויסע עפּאָכע, צו איהר צו געהערט וואָלטען די יודען אַבסאָלוט פון זייער לאַנד נישט פערטריבען געוואָרען! 34).

דער וועלכער רעדט לשון הרע, ווערט פיזיש בעשטראָפט דורך צרעת אין נגעים 35), אין ער פערלירט דאָס צוקונפטיגע אייביגע לעבען (עולם הבא 36).

לשון הרע איז שרעקליכע ווי דאָס שווערד, פאַרוואָס? וויל וועהרענד, ווען ער האָט שוין דערהויבען דאָס שווערד אויפ׳ן צווייטען קען ער עס צוריק ציהען, ווען ער האָט חרטה פון שענדליכען מיהאַט, דאַגעגען לשון הרע, איז ווי אַ אויסגעשאָסענע קויל וועלכע מען קען שוין נישט צוריק ציהען 37).

אין נישט בלויז וואָס אַ מענש בעדאַרף ערווייטערען די אַלע עגאָיסטישע אינסטינקטען, נור אויך ער מוז זיין אַקטיוו טעטיג, צו פערפלאַנצען אין די מענשהייט פרידען, און פריינדשאַפט.

זיי פון די תלמידים פון אהרן! וועלכע האָבען ליב דעם שלום, ער איז זייער לעבענס אידעאַל און יאָגען זאָגאַר נאָך צו ערגרייכען איהם! 38).

די וועלט עגזיסטירט נור דורך שלום! 39)

ג—ט זאָגט אַז דאָס גליק פון יודישען פאָלק באַשטעהט נור אין שלום 40).

מען מעג זאָגאַר ענדערען צוליב הויכען שלום אידעאַל! 41)

זאָגאַר

---

29) סוכה כ״ט. 30) סוטה ט׳. 31) זבחים ק״ד. 32) ערכין ט״ו ותוספתא. 33) פסחים ק״ה. 34) שבת נ״ו. 35) ערכין ט״ו. 16) פרקי דר״א פנ״ג. 37) אגדת בראשית פ״ג. 38) אבות פ״א מ״ב. 39) שם. 40) עוקצים פ״ג משנה י״ב. 41) יבמות ס״ה ובכמ״ק.

זאָגאַר די זינדיגע ווען ס׳הערשט צווישען זיי א פאָלקאָמע האַרמאָניע, ווערט פון זיי אַוועק גענומען די שטראָף 42).

דאָס זינד פון מחלוקת איז זעהר גרויס וואו ס׳הערשט מחלוקת, ווערט דאָס אָרט דורכ׳ן דאָזיגען פייער פערניכטעט 43).

די וועלכע גיסען צו ברען מאַטעריאַלען צום מחלוקת פייער, ווערען זיי געשטראָפט מיט׳ן חומר הדין ג—ט מאַכט פערלירען זאָמאַי זייער אָנדענקונג 44).

מיט׳ן צוועק צו דעמאָסקירען די בעלי המחלוקת, מעג מען פאַר עפענטליכען זייער שענדליכע טעהאַטען 45).

וואָרום ס׳איז אַפאָלקס אומגליק, דאָס פייער פון מחלוקת, דער בית שני איז חרוב געוואָרען דורך שנאת חנם וועלכע האָט פעראורזאַכט מחלוקת... 46)

פיהלען אַ אינסטיקטיווע פריינדשאַפט צום צווייטען איז פאַרעכענט ווי בלוט פערגיסונג... 47)

אין דאָס מענשען פיינדשאַפט ווערט פאַרעכענט ווי יענע 3 עבירות ע״ז גלוי עריות שפיכות דמים 48).

די מוזט איינפלאַנצען אין דיר יענעם אידעאַל זאָגאַר ווען דיין פריינד האָט דיר געטאָהן שלעכטס זאָלסטו נישט אָב טאָהן איהם קיין שלעכטס 49) ווי דאָס פאָדערען די תורה געבאָטען פון „לא תטור״!

די דאַרפסט פאַרשטעהן אַז ווען די האָסט געטאָהן דיין חבר אַ ביסעל שלעכטס זאָל עס זיין ביי דיר זעהר פיל... אויב די האָסט איהם געטאָהן פיל גוטס זאָל עס ביי דיר זיין זעהר ווינציג, אויב דיין חבר האָט דיר געטאָהן פיל שלעכטס זאָל עס זיין ביי דיר זעהר ווינציג, אויב ער האָט דיר געטאָהן אַ ביסעל גוטס זאָל עס זיין ביי דיר זעהר פיל... 50)

עס איז אַ עטישער פליכט אָב צו שאַצען די טעהאַטען פון צווייטען, אין אַ גוטען ליכט 51).

זאָלסט דיין פיינדשאַפט נישט שילטען נור זאָלסט בעטען אַז פון זיין האַרץ זאָל אַוועק די ליידענשאַפטליכע שנאה. 52)

ווער הייסט אַ העלד? דער וועלכער מאַכט דורך זיינע גוטע טעהאַטען פון זיין פיינד אַפריינד... 53).

ווי ווייט עס איז דאָ ביים יודישען פאָלק דער הויכער אידעאַל פון נישט טאָהן קיין טעראָר געגען טעראָר אין צאָהלען מיט גוטס פאַר שלעכטס, ווייזט פאָלגענדער מאמר.

אויפ׳ן פסוק פון משלי אויב דיין פיינד איז הונגעריג מאַך איהם עסען ברויט זאָגט דער מדרש מערקווירדיגעס, אז זאגאר דער וועלכער האט דיר געוואלט טויטען קומט אין דיין שטוב הונגעריג אין דורשטיק זאלסטו איהם געבין צו עסען אין צו טרינקען! 54).

דובט

42) ב״ר ל״ז. 43) דרך ארץ זוטא פ״ט. 44) ירושלמי פאה. 45) שם. 46) יומא ט׳. 47) דרא״כ פי״א. 48) יומא ט׳. 49) ב״ר ל״ז. 50) אדר״נ פ׳ מ״א. 51) פרקי אבות. ועיין שבועות ל׳. 52) ברכות י׳. 53) אדר״נ פ׳ כ״ג. 54) מדרש משלי.

דוכט זיך אַז דאָ ווערט מעהר געפּרעדיגט די עטיק ווי אין טאָלסטאָיס בעקאַנטען „אידעאַל”...

אַזוי ווי מיר האָבען שוין ערקלערט די הומאַניטאָרע אידעאַלען וועגען מענשען פריינדשאַפט וועלען מיר אַ שמועס טאָהן אַ ביסעל וועגען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, לויט׳ן תלמוד (זעהר בקצור), שוין דער תורה געבאָט „וחי אחיך עמך” ווייזט אַז דער מענש דאַרף נישט זאָרגען בלויז פאַר זיך, אַז ער מוז זאָרגען פאַר די קאָלעקטיווע אינטערעסען פון צבור, זאָגט אָבער דער תלמוד פאָלגענדעס דער וועלכער נעמט אַנטייל אין קאָלעקטיווען פאָלקס צער, ליידט מיט זיי, נור דער זעהט אין זייער טרייסט 55) דאַגעגען דער עגאיסט וועלכער האָט זיך אָב געשיידט פון פאָלק, ווען דאָס פאָלק האָט געליטען זעהט נישט זייער טרייסט 56).

דער וועלכער שיידט זיך אָב פון פאָלק געהט נישט אויף די פאָלקס וועגען, נעמט נישט קיין אַנטייל אין זייערע ליידען אין וועהטאָגען, חאָטש ער האָט קיין עבירות נישט עובר געווען נור דערמיט וואָס ער האָט זיך פון פאָלק אָב געשיידט זאָרגענדיג נור פאַר זיינע אינדיווידועלע עגאיסטישע אינטערעסען ער פאַסט נישט די פאָלקס תעניתים... לאָזט נישט קיין טרעהער אין פאָלקס לאַגעל... האָט ער נישט קיין חלק לעולם הבא... 57)

ווי ווייט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, איז רעספעקטירט געוואָרען ביי די חכמי התלמוד ווייזט פאָלגענדער אַפאָריזים אָדער אַ גוטע געזעלשאַפט אָדער דער טויט 58).

מיר וועלין זיך אומקעהרען צו אינזער הויפּט טעמא וועגען מענשען פריינדשאַפט אין נאָך וועגען דעם אידעאַל ערקלערען דעם לעזער, אַז ער זאָל נישט מיינען אַז דאָס געבאָט פון „ואהבת לרעך כמוך” מיינט נור אַ אייגענעם פריינד, אויף דעם איז דאָ אין דער תורה אַ ספּעציעלער געבאָט, וועלכער בעליכט אונז אַז אויך צו אַפרעמדען איז דאָ דער דאָזיקער הומאַניטאָרער פּרינציפּ ווי מיר זעהן דאָס פון די דאָזיקע פסוקים,

וכי יגור אתך גר בארצכם. לא תונו אותו! כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר בתוככם. ואהבת לו כמוך כי גרים הייתם בארץ מצרים 59).	אין אַז עס וועט וואוינען אַ פרעמדער מיט דיר אין אייער לאַנד. זאָלט איהר איהם נישט גענאַרען! אַזוי ווי אַ בירגער פון אייך זאָל זיין צו אייך דער פרעמדער וועלכער וואוינט צווישען אייך. זאָלסט איהם ליב האָבען ווי זיך זעלבסט! וואָרום אויך איהר זענט אַ מאָהל געווען פרעמדע אין עגיפּטען.

אויף דעם זאָגט דער תורת-כהנים אַזוי ווי ס׳איז געזאָגט געוואָרען ליב צו האָבען

55) תענית י״א. 56) שם. 57) רמב״ם הלכות תשובה. 58) תענית כ״ג. 59) תורת משה. ויקרא י״ט

האָבען דעם יוד ווי זיך זעלבסט אַזוי האָט אויך די תּורה געפּאָדערט ליב צו האָבען דעם פרעמדען ווי זיך זעלבסט! 60), ער זאָל ליב האָבען יעדען, זאָגט ר' חיים וויטאַל — אויך צו אַנישט יו"ד 61) — דאָס ווערט אויך ערקלערט אין תלמוד זאָלסט יעדען בעגריסען מיט דאָס וואָרט שלום! זאָגאַר אַנישט איד. 62)

מערקווירדיג איז דער מאמר אין מדרש וואו סווערט געזאָגט ווען די פעלקער וואָלטען געוועזן געוואוסט וואָס דער בית-המקדש בעדייט פאַר זיי, וואָלטען זיי אַרום איהם ספּעציעלע פּאַלאַצען געשטעלט, ווייל ער איז געוועזן פאַר זיי בעסער ווי פאַר יודען, וואָרום פאַר די נישט יודען זאָגט שלמה אין זיין תפלה אין אויך צום פרעמדען וועלכער איז נישט פון דיין פאָלק זאָלסטו ערפילען אַלע זיינע פערלאַנגען וואָס ער וועט בעטען פון דיר נישט אָבהענגיג צו ער איז ווערט דערצו, וועהרענד, ביי יודען זאָגט ער די זאָלסט געבען זיין פערלאַנג דעם דאָזיקען, וועלכען די זעהסט זיין „ריין הארץ" 63).

אַלזאָ די אידעאַלען פון הומאַניטעט זענען צו אַלע מענשען, אָן אינטערשיד פון זיין שטאַם אין דענקען.

אויף וויפעל דער אידעאַל פון „ואהבת לרעך כמוך" איז הויך ביים יודישען פאָלק ווייזט הלל'ס פאָרמולע, וועלכער האָט ערקלערט צום גר, פאָלגענדעס דאָס וואָס די ווילסט נישט אַז מען זאָל דיר טאָהן זאָלסטו עס יענעם אויך נישט טאָהן... 64) — דאָס איז דער פונדאַמענט פון דער תּורה.

האָט טאַקי אַ בעקאַנטער פראַנצויזישער פילאָזאָף ערקלערט אַז אויב ס'איז פערהאַן עפּעס עטיק ביי די פעלקער איז עס נור געשעפּט פון קוואַהל פון גרויסען הלל...

ניטשע שרייבט אַפילו וועגען עטיק פון קנעכט... אָבער עס איז קלאָר אַז איהם איז געווען אונבעוואוסט די נשמה פון די יודישע עטיק, ווייל עס האָט איהם געפעהלט די ערידוציע אין די יודישע קוועלען מ'קען אַפילו זאָגען אַז דער וועג פון אָטאָפּיסטישען איבער מענש (וועלכער פאַרגעסט צו זיין אַ מענש) צו טרעטען איבער די קעפּ פון פעלקער אין טויטען דערביי קיין טרעהר נישט לאָזען... איז מעהר אַטעאָריע פון אַ קנעכט צו אייגענע גאוה... צו האַלטען זיך פאַר יענעם ראָסקאָלניקאָוו (דאָסטאַיעווסקיס העלד) וועלכער טויט אין רויבט צוליב שטודיום צוועקען... זיין פּסיכאָלאָגיע איז אַמערקווירדיגע...

אַז צוליבען ענטוויקלען זיך פון אַ זשעני ווי ניטשאַן קענען פערגאָסען ווערען פיל טייכען בלוט... — איז טאַקי דער דאָזיקער העלד נישט מעהר ווי אַ קנעכט צום כבוד לײדענשאַפט... אין צו נידריגע אינסטינקטען... מיר ווילען זיך אומקעהרען צו אונזער ענין אויב יעצט אין די עפּאָכע פון ציוויליזאַציע הערשט יענע פאָרמעלע אַז אַמענש האָט רעכט אויף וויפעל ער האָט מאַכט... אין

ווערטער

60) תר"ב שם. 61) שערי קדושה להרח"י ז"ל. 62) ברכות י"ז, 63) מדרש במדבר. 64 שבת ל.

ווערטער, דאָס קול פון אַ אינדיווידועלען פערזאָן אָדער פון אַקאָלעקטיווע מאַסע ווערט אַזוי פיל געהערט אויף וויפעל ער קען זיך לאָזען הערען דורך דעם האַרמאַטען קול..

אין איבער דעם וועה איז צום שוואַכען! וועה צום עלענדען! וועה צום פערלאָזענעם!

האָט אָבער דער היילִיגער בן עזאי, זיינער צייט פאַרעפענטליכט דעם הויכען אידעאַל.

זה ספר תולדות אדם כלל גדול מזה [65].

עס לויטעט עס איז א הויכער פרינציפ דער אידעאל פון דער תורה „דאס איז דאס לעבענס בוך פון מענש" — אז יעדער מענשליך וועזען האט דאס רעכט צו לעבען אין עגזיסטירען אלס מענש (אן אונטערשיד פון שטאם אין דענקען!)

אַז דאָס רעכט איז נישט אָבהענגיג אין מאַכט נור אין מענשליכקייט..

אין א פאלק וועלכע פרעדיגט פאר די מענשהייט די מאקסימאלסטע אידען פון הומאניטעט פערהאסט די שקלאפעריי אין קנעכטשאפט וועלכע זענען א פראדוקט פון מענשען פיינדשאפט און דעם גאוה אינסטינקט..; איבער דעם איז קלאָר אַז דאָס יודענטום טאָלערירט נישט קיין שקלאַפעריי אין קנעכטשאַפט זיי זענען ביי דאָס יודענטום נישטאָ! ווי ס'איז שוין אין דעם ספר דורך די פיל צוטאַטען דערוויזען געוואָרען.

אין אויך טאַקי פון די ווערטער פון בן עזאי...

זה ספר תולדות אָדם!...

אין נאָך אַ מיינונג איז דאָ אין זיינע ווערטער, „אַז דאָס דער דעוויז פון דאָס מענשליכע לעבען בעדאַרף זיין דאָס בוך אָבער נישט דאָס שווערד... אין ס'זענען דאָ מאָמענטען ווען דאָס בוך זיעגט איבערן שווערד...

עס האָט געקעמפט דאָס בוך פון ירושלים, געגען דאָס שווערד פון רוים...

די לעצטע האָבען אין אַלטערטום דורך פייער אין שווערד פערשפרייט שקלאַפעריי אין קנעכטשאַפט אויף גאָר דער וועלט, די שקלאַפען אין רוים — זאָגט די היסטאָריע — זענען געווען דאָס זויערס פון טויג... דורך זיי איז די רוימישע אימפעריע הויך געשטיגען (ס'איז בעקאַנט פון די היסטאָריע אַז ווען דאָס רוימישע פאָלק האָט נישט געהאַט גענוג שקלאַפען אום צו זעטיקען דעם שקלאַפען הונגער... איז זי געפאַלען..) די שקלאַפען האַלטער פון רוים האָבען בעקעמפט געגען די עטיק פרעדיגער פון ירושלים...

רוים האָט געזאָגט „דאָס וואָס די ווילסט נישט אַז מען זאָל דיר טאָהן זאָלסטו יענעם טאָהן"...

אין ירושלים האָט דורכ'ן ספר פאַרעפענטליכט הלל'ס אידעאַל, דאָס וואָס די ווילסט נישט אַז מען זאָל דיר טאָהן זאָלסטו יענעם נישט טאָהן...

עס

---

65) ירושלמי נדרים פ"ט הלכה ד' ספרא קדושים.

איז אמעריקע רדיגע קאמף פון „מלחמת הסייף והספר"...

און אויב אין די יעצטיגע עפאכע. איז לכל הפחות די שקלאפערייאון קנעכטשאפט אפיציעל אב געשאפט, איז עס דאדורך ווייל ס'האט געזיגט דאס בוך פון ירושלים איבער דאס שווערד פון רוים.

העובד והעבודה עפ"י אור התורה והתלמוד

משפט עבד כנעני.

נקום ינקם מיתה! אתה אומר מיתה או אינו אלא ממון? ר' נתן אומר, נאמר כאן נקימה ונאמר להלן נוקמת, נקם ברית, מה להלן חרב אף כאן חרב 1).

אינו נדון ביום או יומים רק אם הכהו בשבט ולא בחרב 2).

אלא אמר ר' אחי ברבי יאשיה בעבד שברח מחוץ לארץ לארץ, הכתוב מדבר 3).

ההיא עבדא דערק מחו"ל לארץ אזל מריה אבתריה אתא לקמיה דרב אמי, א"ל נכתוב לך שטריו אדמיה וכתוב ליה גיטא דחרותא, ואי לא מפקנא ליה מינך מדר' אחי ב"ר יאשיה 4).

עמך ישב בעיר עצמו! 5).

במקום אשר יבחר, במקום שפרנסתו יוצאה 6).

כשהוא אומר באחד שעריך שלא יהיה גולה מעיר לעיר 7).

לא תוננו זו אונאת דברים 8).

אל תלשן עבד... והוא עבד הבורח מהאומות ע"מ לא"י להתגייר שלא ישבוהו... שנאמר עמך ישב בארצך 9).

אלא אמר ר' אחי ב"ר יאשיה במוכר עבדו לחו"ל הכתוב מדבר 10).

מכאן אמרו המוכר עבדו לעכו"ם יצא בן חורין 11).

א"ר יהושע בן לוי המוכר עבדו לעכו"ם קונסין אותו עד מאה בדמיו 12).

רבי אמר, בלוקח עבד על מנת לשחררו הכתוב מדבר.

זכיות לעבד כנעני.

לעולם בהם תעבודו אין לך בהם אלא עבודה בלבד 1).

ולא עבודת פרך 2).

שמואל בדק באמתיה ויהב לה ד' זוזי דמי בושתה, שמואל לטעמיה דאמר

1) מכילתא משפטים סנהדרין ע"א. 2) רמב"ם ה' עבדים. 3) גיטין מה. 4) שם. 5) ספרי תצא. 6) שם. 7) שם. 8) שם. 9) אבן עזרא משלי ל. 10) גיטין מ"ה ובספרי. 11) גיטין מ"ג ובספרי ובירושלמי שם. 12) גיטין מ"ד.

1) ספרא בהר. 2) הגאון מלבי"ם בהתורה והמצוה.

שמואל לעולם בהם תעבודו לעבודה נתתים ולא לבושה 3).

אסור לבייש את העבד ואת השפחה ואת עשה רצונו לא יאמר לו לא עשית בטוב. 4).

כשם שמצוה לפדות בני חורין כך מצוה לפדות העבדים 5).

כשם שישראל מצווין לפדות בן חורין כך הם מצווין לפדות עבדים 6).

מאן דמרחם אבני חרי, אעבד נמי רחומי מרחם 7).

הולכין ליריד של עכו״ם ולוקחין מהם עבדים ושפחות. מפני שהוא כמציל מידן 8).

ורבנן ? אחיו היא במצוות ! 9).

ישראל מנ״ל שנאמר וישב ממנו שבי, (וקאי על עבד כנעני הרי דקרוי ישראל) 10).

עבדו של חבר הרי הוא כחבר 11).

עבד מלך כמלך 12).

והא ר׳ יוחנן אכל קופד ויהב לעבדיה, שתי חמרא ויהב לעבדו וקרי אנפשיה, הלא בבטן עושני עשהו 13).

ישראל מצווין לפרנס עבדים קטעין יותר מן שלימין 14).

אבוהו בר איהי ומנימין בר איהי, חד ספי מכל מינא ומינא (לעבדו) וחד ספי מחד מינא, מר אשתעי אליהו בהדיה, ומר לא משתעי אליהו בהדיה, הני תרתי חסידי מר מקדים ספי, ומר מאחר ספי דקדים ספי שהיה נותן לעבדו טרם שאכל בעצמון משתעי קאליהו בהדיה, דמאחר ספי לא משתעי אליהו בהדיה 15).

לעבדים ולנשים מנין ? (שהן בכלל ברכת כהנים) ת״ל ואני אברכם 16)

שאני עבדא דחייב ממצוות (ולכך נתן לו בבא בוטי עצה טובה להורדוס) 17).

רבי נפק מן דמוסין אתעטף בבגדים, ויתיב עסיק בצרכיהן דברייתא, מזיג ליה עבדא כסא, מדעסיק בארכיהן דברייתא לא אתפני מקבליה יתיה מיניה, נתכנס עבדא ודמך ליה (נתמנם וישן מת״כ) הפך רבי ואסתכל ביה, ואמר יאות אמר שלמה מתוקה שנת העובד 18).

ועבד ושפחה מסטרא דתפילין דיד 19).

אודות חיי המשפחה של עבדים.

תקנתם את רבו ואת עצמו לא תקנתם ? אלא כופין את רבי, ועושה אותו בן חורין ! 4).

---

3) נדה מ״ז ומובן דעפי״ז יש לפרש גם הספרא הנ״ל לעבודה נתנו ולא לבושה, וז״ב בכוונת הספרא: 4) ספרי חסידים. 5) גיטין ל״ז תוספתא שם. 6) ירושלמי גיטין הלכה ד׳. 7) בפ״ד. 8) ערובין מ״ז כתובות נז מ״ק יא ע״ז י״ג. 9) ב״ק פ״ח. 10) גיטין ל״ח. 11) ע״ז (ל״ט). 12) כתובות ל״ז. 13) ירושלמי ב״ק פ׳ החובל הלכה ד׳. 14) שם בירושלמי. 15) כתובות ס״א עיין כ״מ פ״ט מה׳ עבדים. 16) ספרי נשא. 17) בבא בתרא ד׳. 18 מדרש רבה קהלת. 19) תקוני זהר וישלח.

1) גיטין מ״א פסחים פ״ח חגיגה (ב) ב״ב ״ג עדיות פ״ז מ״י ערוכין ד״ב.

עבד מהו שישא אשה במועד ? א"ל גשמעיניה מן הדא, לבטל והלא לא נברא העולם אלא לפ"ו 2).

יכולים ממזרים לטהר, כי צד ממזר נושא שפחה 3).

תפקידים דתיים, שנתמלאו ע"י עבדים.

ועבדי כהנים היו, 1) מי הם המכים בהלל ? עבדי כהנים 2).

ומעשה במלך ומלכה שאמרו לעבדיהם, צאו ושחטו עלינו את הפסח 3)

ועבדים מזמנין לעצמן 4).

תשעה ועבד מצטרפין 5).

ערך המוסרי והרוחני של עבדים.

רבי אליעזר אומר מנין אתה אומר שראתה שפחה על הים, מה שלא ראה יחזקאל ושאר נביאים ? שנאמר בהם וביד הנביאים אדמה 1).

מעיד אני עלי את השמים ואת ארץ, בין עבד ובין שפחה הכל לפי המעשה שעושה כך רוח הקודש שורה 2).

וי"א אף אליעזר עבד אברהם (נכנס לג"ע בחייו) 3).

גולל אור מפני חשך עבדא דאברהם דנפק מחשך 4).

יפה שיחתן של עבדי אבות מתורתן של בנים 5).

„ויאמר עבד אברהם אנכי"... אמר ר' שמעון בגין לאוקיר ליה לאברהם, דהא בר נש דהוה מייתי כסף וזהב ואבני יקר וגמלין איהו כדקא יאות שפיר בחיזו, ולא אמר רחמא דאברהם או קרוביו דיליה אלא אמר עבד אברהם אנכי בגין לסלקא בשבחא דאברהם ולאוקיר ליה בעינייהו 6).

חרות העבדים כנענים.

והן גזרו על כך שהיו דת יהודית 1).

פרנסני או הוציאני לחרות 2).

קל היא בשחרור 3).

לא מצינו עבד משתחרר חוזר ומשתעבד 4).

שכיב מרע שכתב כל נכסיו לעבדו, ועמד חוזר בנכסים, ואינו חוזר בעבד. חוזר בנכסים מתנת שכיב מרע הוא, ואינו חוזר בעבד שהרי יצא עליו שם בן חורין 5).

2) ירושלמי גיטין פ"ה הלכה ד'. 3) קידושין ס"ט.

1) ערכין י'. 2) תוספת שם. 3) פסחים פ"ז. 4) ברכות מ"ה. 5) שם מ"ז.

1) מכילתא בשלח. 2) תנדב"א פרק ג'. 3) דרך ארץ זוטא פ"א מס' סופרים פי"א, 4) זוהר בהר. 5) מד"ר. 6) זוהר חיי שרה.

1) רש"י עבודה זרה י"א. 2) גיטין י"ב, 3) ירושלמי גיטין פ"ד הלכה ד'. 4) ירושלמי גיטין שם. 5) גיטין ט.

א"ל ר' נחמן לעבדיה עבדא דמפיק ליה מריה לחרות, ויהב ליה כספא ודהבא מה בעי למימר ליה? א"ל בעי לאודויי ולשבוחי? א"ל וכו' 6).

וקונה את עצמו בכסף ובשטר 7).

אמר לנו חוב היא לו שאם היה עבד כהן פוסלו מן התרומה 8).

בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה 9)..

מי שאמר בשעת מיתתו, פלונית שפחתי קורת רוח עשתה לי יעשו לה קורת רוח 10).

הכותב כל נכסיו לעבדו יצא בן חורין 11).

עבד שנשבה ופדאוהו אם לשם עבד ישתעבד. אם לשום בן חורין לא ישתעבד 12).

מצב המדעי והתורני של העבדים ושפחות בתקופת התלמוד.

אמתהא דבי רבי כי הוה מישתעיא בלשון חכמה אמרי הכי עלת קפת בכד, ידאין נישריא לקינהון... וכד הוה בעי דליתבין הוה אמרה להו יעדי בתר חברתה מינה. ותתקפו עלת בכד כאלפא דאזלא בימא, (לשון פיוטי רב התוכן) 4).

דאמתא דבי רבי חזיתיה לההיא גברא דהוה מחי לבנו גדול אמרה להוי האי גברא בשמתא 2)... שפחה של בית רבי... לא נהגו חכמים קלות ראש בנדויה... 3) חרבה בנים היו לכנען שראוין לסמוך... כטבי עבדו של רבן גמליאל אלא שחובת אביהם גרמה 4).

(מזה ראיה נצחית שהיו בקיאים מאוד בתורה ולא ננעלו בפניהם דלתי בית המדרש, ועיין כתובות (כ"ח. עכ"ז יש ליישב ואכמ"ל)· אמרה יה"ר שיכופו העליונים את התחתונים (אמהתא דבי רבי אמרה כן מפאת שיסורי רבי היו עצומים) ולא הוה שתקי רבנן מלבעי רחמי שקלי כוזא שדייה מאיגרא אישתקי מרחמי ונח נפשיה דרבי 5).

(סמכו על דעתה גם בחיי נפשות).

— לא הוו ידעי רבנן מהו סירוגין? — שמעוהו לאמהתא דרבי דחזתנהו רבנן דהוו עיילי פסקי פסקי, אמרה להו עד מתי אתם נכנסים סירוגין סירוגין, לא הוו ידעו רבנן מאי חלוגלוגות, יומא חד שמעוהי לאמהתא דרבי, דחזית להאי גברא, דקא מבדר פרפחיניה, א"ל עד מתי אתה מפזי חלוגלוגך, לא הוה ידעי רבנן מאי סלסלה ותרוממך, יומא חד שמעוהו לאמהתא דרבי דהוות אמרה להאי גברא, דהוו קא מהפך בשעריה א"ל עד מתי אתה מסלסל בשערך? — לא הוו ידעי רבנן מאי וטאטיתיה ומטאטא השמד, יומא חד שמעוהו לאמהתא דבי רבי, דהוות אמרה לחבירתה שקלי טאטיתא, וטאטי ביתא 8).

ממאי דהאי סלסול שערא כדאמרה ליה ההיא אמהתא דבי רבי לההוא גברא

---

6) פסחים ד' קי"ד. 7) קידושין כ'. 8) גיטין י"א. 9) פסחים. 10) גיטין ל"ז. 11) גיטין ד"ט. 12) שם ל"ז.

1) ערובין נ"ג. 2) מועד קטן י"ז. 3) שם. 4) יומא פ"ז. 5) כתובות ק"ד. 8) ר"ה כ"ו מגילה ז'.

עד מתי אתה מסלסל בשערך... 9)

מכל המקומות מוכח שהי"ל ידיעות תורניות מדעיות ופילולגיים, בשפה העברית, והיו איפוא רחוקות מעבודה בפרך, המפרכת את הנפש ומונעתה מהגיון ומדע.

„יצא זה שיש לו אדון אחר"...

ולא יכוף את עבדו היא דכתיב כי נזר אלהיו על ראשו שאין לו אלא אדון אחד יצא עבד שיש לו אדון אחר 1).

וכן מביאו בירושלמי חגיגה פ"א על הא דפטור מראיה „יצא עבד שיש לו אדון אחר" 2).

מעוטים ורבוים תורניים על עבדים.

וסמך ידו ולא יד בנו ולא יד עבדו ולא יד שלוחו 1).

ורצע אדניו את אזנו במרצע ולא ע"י עבדו 2), אין לי אלא בנ"י ומנין לרבות את הגרים ואת העבדים ת"ל כי נפש 3). (גבי זבין) גרים ועבדים מנין ת"ל ואמרת 4), (ולעומת זה) שפחה מנ"ל דת"ר 5) (לענין ערוכין) גרים ועבדים מנין ת"ל ואמרת 6) ישראל מנ"ל 7) כגון עבד זה דשייך במצוות 8)...

הסיסמה הכללית בעבדים כנענים ושפחות הוא הגזירה שוה דלה לה מאשה.

וכל שחרור העבדים בשטר ילפינן מגזירה שוה זו 9).

וכן חייבים העבדים — וחייבות השפחות במצוות שהאשה חייבת בהן.

אדות מצב העבדות במצרים.

מה הסנה קשה מכל האילנות שבעולם שכל צפור שנכנסת בו אינה יוצאת מתוכה בשלום עד שמחתכת אברים, כך היה שעבודן של ישראל במצרים קשה מכל שעבודן של עולם ומעולם לא יצא ממצרים לא עבד ולא שפחה אלא הגר בלבד 1).

אמרו מתחילה לא היה עבד יכול לברוח ממצרים שהיתה סוגרת ומסוגרת. 2).

מוטב שתהא בתי שפחה בבית זו ולא גבורה בבית אחר. 3).

ולה אמהתא מצריתא ושמה הגר ברתא דפרעה" 4).

9) נזיר ד"ג.
1) ירושלמי נזיר פ"ט הלכה א'. 2) שם הלכה א'.
1) ספרא ויקרא. 2) ירושלמי קידושין פ"ב הלכה א'. 3) ספרא. 4) ספרא. 5) כריתות ד' ועיין תו"ה, 6) ספרא. 7) גיטין ל"ח. 8) רש"י שם. 9) גיטין ל"ט.
1) מכילתא דרשב"י. 2) מכילתא יתרו. 3) סנהדרין צ"ט. 4) תרגום יהונתן.

קצור.

מושג „עבד" בשפת עברית, יתפרש מכל מה שביארנו על עובד כזה שנטל עליו עבודה דיסציפלינריא כי עבד היא מלשון עבודה, ואין במלה הזאת הוראת המתרגמים, „קנעכט" כי זה האחרון במושגו המדויק, רחוק כרחוק מזרח ממערב, מעבד התורני.

שלא לבד שיש לו משפט כל האזרחים הנה יש לו לפעמים גם פריבליגיות כמו במי שאין לו אלא כר אחד וכדומה.

„אל יטעה הקורא שאני אומר שהעבד הוא פועל" ממש, כי כבר הקדמתי שהם מושגים נפרדים. — אמרתי רק כי המבקרים, נכנסו לכרם-יבנה עם מנעלים של ברזל וכבלים חזקים, וחפצי להתאים את משפטי התורה שהם דרכי נועם, להמנעלים הצרים שלהם... ולא ידעו כי „קנעכט" שההסטוריא מדברת פה מהו... — איננו בנמצא כלל לא בתורה ולא בתלמוד אך נמצא **עובד במשמעת ידועה**, ומותאמת למוסר העברי.

כגון „להקדים מזון העבדים לסעודת עצמן"... ועוד.

ובכדי צעקו ככרוכיא „על הקנעכטשאפט" שישנה לפי משפט הביבלי — כי כבר נזכרו בראיות ברורות שאינה נמצאת כלל במשפטי התורה והתלמוד.

קראתי ספרו של עם ארץ אנגלי ידוע אינגורסיל — ושם הוא קוצף, על „הקנעכטשאפט הבבלית" — וכל הרואה ספרו יראה, כי אין בינו ליתר אנטישמיים כלום, מתחילה חפצתי לחבר ספר „טעות אי' להוכיח שגגותיו ואחר כך נתיישבתי שלא לענות להכסיל הזה כי דבריו אין צריכים תשובה, הוא „בקי" בתנ"ך כמו פרגיטוס הידוע בתלמוד...

ואמרתי „אל יענו להכסיל הזה"...

אבל לאלה שיראו בראיות אדות זה הנה ספרי הנוכחי כמרומנישישמש בתור אפילגי יפה בנושא זה.

המשפט המדיני עפ"י אור התורה והתלמוד.

כי הא דר"ג ור"י הוה אזלא בספינתא בהדי דר"ג הוה פתא בהדי ר"י פתא וסולתא וכו' נתן דעתו להשיבם בראש וכשעלה שלח להם ולא באו חזר ושלח ובאו אמר להם כמדומין אתם ששררה אני נותן לכם ? — עבדות אני נותן לכם שנאמר וידברו אליו לאמר אם היום תהיה עבד טעם הזה 1).

ר' יוסי עאל לכופרה... עאל ואמר קומיהון בן בבי על הפקיע ומה זה שנתמנה על הפתילות זכה להמנות עם גדולי הדור אתם שאתם נתמנין על חיי נפשות לא כל שכן... 2).

---

1) הוריות י'. 2) ירושלמי שקלים פ"ה הלכה ד'.

אין ממנין פרנס על הצבור אא״כ נמלכין בצבור תחילה 3).

באיזה זכות זכה יהודה למלכות? — בזכות שאמר מה בצע כי נהרוג את אחינו 4).

ויהי רעב בימי דוד שלש שנים וכו׳, ויאמרו לו הגבעונים אין לנו כסף וזהב עם שאול ועם ביתו, ינתן לנו שבעה אנשים מבניו והוקענום להם בגבעת שאול בהר ה׳ ויאמר המלך אני אתן! ויקח המלך את שני בני רצפה בת איה אשר ילדה לשאול את אדמני ויתנם ביד הגבעונים ויקיעם בהר לפני ה׳ ויפלו שבעתים יחד... 5)

וכי היכן מצינו בשאול שהרג את הגבעונים? — אלא מתוך שהרג נוב עיר הכהנים, שהיו מספיקים להם מים ומזון מעלה עליו הכתוב כאלו הרגן 6).

והא כתוב לא יומתו אבות על בנים 7) אמר ר׳ יוחנן מוטב שתעקר אות אחת מן התורה ואל יתחלל שם שמים בפרהסיא, מוטב שתעקר אות אחת מן התורה ויתקדש ש״ש שהיו עוברים ושבים אומרים מה טיבן של אלו, הללו בני מלכים הם?... ומה עשו?.. פשטו ידיהם בגרים גרורים אמרו אין לך אומה שראויה לדבוק כזו. בני מלכים כך, בני הדיוטות על אחת כו״כ, ומה גרים גרורים כך, ישראל על אחת כמה וכמה 8).

„כשם שנאמר לישראל ואהבת לרעך כמוך כך נאמר לגרים ואהבת לרעך כמוך״.

כי כמלך כעם ראשית אחת לכולנו... ומשפט אחד לכל.. 10)

והנגעים לא חלו על ראש הרשעים מבלי קול רעם מקודם אשר הפחידם על רשעתם ומעלים בגרים כי את אלה הרחיקו משבת בתוכם ואתם אשר הקריבו לעבודת פרך לחצי 11).

בן עזאי אומר זה ספר תולדות זה כלל גדול מזה 12).

קצור.

הנה מסרתי כאן רק סקירה קצרה על הקבוץ המדיני העברי, כלומר יסודות המוסריים שהן דבר המעמיד של המלוכה העברית, לא בארתי כאן פרטי ענינם, כמו נושאים המשפטיים לכל סעיפיהן, כי אין זה מטרתי במחברתי הנוכחית, מטרתי רק להוכיח שהממשלה העברית לא שמה על אזרחיה כבלי ברזל של עבדות — רק היו אזרחים שהי״ל חרות הראויה להאדם, כי הסיסמה של המלוכה העברית היא „כי המלוכה נוצרה עבור הלאום. ולא הלאום עבור המלוכה״...

גם כל האזרחים לרבות הגרים הי״ל שויון גמור לאור משפט התורה

---

3) שבת נ״ה. 4) מכילתא יתרו. 5) שמואל ב׳—כ״א. 6) יבמות ע״ח ירושלמי סנהדרין פ״ הלכה ז׳. 7) אף שמה שאכתוב כאן אינו נוגע כל כך לספרי עכ״ז אכתוב בדרך אגב כי בתוספתא בסנהדרין פליגי תנאי אם הטף נהרגים בעיר הנדחת או לא. ויש לי בזה אריכות בנושא זה „אם הבנים נענשים בחטא אבותיהם״ — והארכתי אדות זה בקונטרס מיוחד והבאתי מדוכתין סגיאין מתנ״ך תלמוד בבלי ירושלמי זוהר ועוד. — ואכמ״ל יותר. 9) תורת כהנים. 10) חכמת שלמה 11) שם. 12) ירושלמי נדרים פ״ט הלכה ד׳.

שאמרה משפט אחד יהיה לכם כגר כאזרח".

המושלים — בהמלוכה העברית חתיחשו בהערצה הראויה להעם, והתחשבו רק לעבדי העם ומענין המאמר „אין אדם נעשה שוטר מלמטה‑אא"כ מכריזין עליו רשע מלמעלה". מזה המאמר ומעוד מאמרים אנו מדינים, את האמיתי של המלוכה העברית כי רק מדות מוסריות של ממשלת הדעת והבינה על האינסטינקטום הטבעיים הבשריים. הן השליבות של סולם העולה לכסא המלוכה העברית אין נמדדים הכנסים לפי רכושם בחרבות וכידונים ותותחים, רק ברכושם הרוחני שיהיה מושל ב־רוחו"... ולא יהיה פרנס המתואה על הצבור"... כי פרנס המתגאה על הצבור מלבד שאין הדעת סובלתו 1) עוד הקב"ה בוכה עליו... 2) וזה הפרנס המטיל אימה יתירה על העם שלא לשם לשמים, הנהו נדין בדינים קשים ומָרים 3) ולא יראה נחת מבניו, כי לא יהיו תלמודי חכמים, כי ילמדו ממעשי אבותיהם להתמשך אחרי האינסטינקטים הטבעיים. 4)

להפרנס דרושה מדת ענוה, אשר רק על ידה העטרה הולמתו — ! ואמרו אין מעמידין פרנס על הצבור אא"כ קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו, שאם תזוח דעתו עליו... אומרין לו חזור לאחוריך... 5)

מטרת המושל הוא כמו שאמרנו לחנך את הלאום באור צדק ומשפט ואם כוונתו להתגאות ולהנות ממשלתו כל המקבל עליו איזה שררות, בשביל להנות ממנה יורש גהינם... 6)

ואם חנף ורשע מנהיג את הדור, אף לאזרחים לכרוע לפניו. — רק דברים קשים כגידים, כמו שאמר אליהו לאחאב... צריכים להשמע, מהעם נגד העריץ, כי נוח לו להדיר לפרוח באויר... 7)

להפרנס דרישה גם מתינות וישוב הדעת, ולדון על כל דבר בכובד ראש, ולא להיות פוחז במעשיו שלא יהיה לו לב רַגָז. ואמרו כל פרנס שמנהיג את הצבור בנחת.. זוכה ומנהיגם לעוה"ב. 8) בני ישראל סרבנים הם טרחנים הם על מנת כן יהיה מקבל עליו ההתמנות, שיהיו מקללין אותו וסוקלין אותו באבנים... 9)

היא באמת עבד להצבור. כל הימים שאדם חבר. לא אכפת לו בצבור, ואינו נענש עליו. נתמנה אדם בראש ונטל טלית. לא יאמר לטובתי אני נזקק לא אכפת לי בצבור. אלא כל טורח הצבור עליו 10).

כי היא משועבד אל הצבור 11).

יוצא לנו מזה כי הפרנס צריך להיות בעל אידאלים גדולים, נקי מאיגואסמוס סבלן ונוח לבריות. וגם במדת מסירת נפש ולפי שמסרו עצמן ללקות על הצבור. לפיכך ונשאו אתך במשא העם. ללמדן שהשוון הקב"ה למשה מכאן אתה למד שכל מי שמוסר עצמו על ישראל זוכה לכבוד ולגדולה. ולרוח הקודש". 12)

אותן הזקנים והשוטרים שהיו מוסרים עצמם ללקות עליהם במצרים, במתכנת

---

1) פסחים קי"ג. 2) חגיגה ה'. 3) הרי"ז. 4) שם. 5) יומא כ"ב, 6) פסיקתאי 7) דברים רבה פ"ח. 8) סנהדרין צ"ב 9) ספרי בהעלותך 10) שמות רבה פכ"ו. 11) ספרי דברים. 12) במדבר רבה פט"ו. 13) שם.

ים. יבאו ויטלו בגדולה זו 13).

ומנהיגי ישראל מסרו תמיד גם את נפשם על ישראל, כמו משה רבנו שאמר אין מחני נא מספרך אשר כתבת. ויונה בן אמיתי שברח רק מנמוק זה שלא יה קטרוג לאומו החביב עליו מנפשו ובודאי כל חכמי המדיניים. ואפי' מונטיסהו לא השיגו את ערכה המוסרי של המלוכה. כמו שהוא עפ"י אור התורה והתלמוד.

הנה מסרתי לך קורא נכבד רק יסודות המוסריים של המלוכה העברית ואידך פירושא היא זיל גמור..

השמטה אדות עבד עברי.

אין קונין ב' עבדים כאחד 1).

1) מס' עבדים. ומכילתא משפטים.

צום רעליגיעזען ארבייטער!

עפּעס זעה איך דיר רעליגיעזער ארבייטער, ווי די ביזט טרויער א שווער אומעט האט ווי בליי פערגאָסען דיין ליכטיגע פיזיאָנאָמיע.. ביזט א געפאלען אין א שרעקליכען פּעסעמיזים, אין מעלאנכאליע.

דעם מאָטיוו איז נישט שווער צו געפינען... ווייל עס פעלט דיר שטאָלצקייט. ווייל עס פעהלט דיר דרייסקייט, עס פעהלט דיר מוט! — פערמאָגסט נישט יענעם נביאישען פּאטאָס צו ערקלערען אין מאָמענט ווען די כוואליעס דערהויבען זיך — „עברי אנכי"...

ווען די רויטע כוואליעס האָבען זיך געגען דיר דערהויבען האָסטו פערלירען דעם קוראַזש, ביסט געוואָרען א נחבא אל הכלים...

האָסט דיין קלאַנג נישט געלאָזט הערען!

האָסט זיך פערלאָרען און לאַבירינט פון פאַרבען...

דיין וואָרט איז נישט געקומען אין דער עפּענטליכקייט.

האָסטו טאַקי איינגעוויקעלט דיין פאָהן אין פערבאָרגען איהר אין בית-מדרש ווינקעלע.

זיי מודה אַז די האָסט זיך מיט דיין פאָהן געשעמט...

האָט עס טאַקי פּעראירזאַכט טרויעריגע רעזילטאַטען די פיהלסט שוין די טרויעריגע פאָלגען...

אין די ביזט טרויעריג, שטעהסט מיט א געבראָכען געמיט אין פון דיינע אויגען וועלכע זענין צושויער פון רויטען טייוולאָנים טאַנץ — פליסען טרעהרען אויפ'ן „חורבן"...

רעליגיעזער ארבייטער! פער מייד דיין קול פון געוויין אין דיינע אויגען פון טרעהרען!.

וואָרום בלויז טרעהרען אָן אקטיווע אַרבייט זענען נישט קיין רעגען צו בעפּריכטערען דעם באָדען 1).

איבער דעם זיי אַקטיוו טעטיק שאַף פראָדוקטיוועס פאַר'ן אידעאַל, „אַז דער תורה קלאַנג זאָל זיין האָרמאַניזירט מיט'ן האַמער קלאַנג"... זיי נישט ביי דיזע געפאַלען, זי וועלכער האָסט זיך נישט געקניהט צום רויטען בעל, ערקיער שטאָלץ -- ה' הוא — אלקים!

וויקעל אויף דעם פאָהן פון הייליגען הלל וועלכער איז א ארבייטער געווען אין פערשפּרייט די הויכע הומאַניטאָרע אידעאַלען פון דער תורה, אין טראָג איהר מיט שטאָלצקייט.

פון דיינע ברוסטען זאָל דינערען דער אמת'ער יודישען הימן בעגלייט מיט די מעלאָדיעס פון דוד'ס האַרפע...

זיי זשע פון די תלמידים פון הייליגען הלל!

שטעה אויף דער וואך „אַז עס זאָלין פערווירקליכט ווערען ביים

1) פון מיין ספר „פתגמים".

פאָלק די אידעאַלען פון דער תּורה, אויף „בין אדם לחבירו״ אָבער זיי זשע פון די תּלמידים פון הלל.. רוהיג זאָלסטו דיין רעכט אין נאָמען פון דער תּורה פאָדערען, אָבער נישט דורך זידלערייען, און ליידענשאַפטליכע אויפרעגונגען, אָט דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו די אידעען פון הייליגען הלל.

רעליגיעזער אַרבייטער, גיה שטעל איבער רויטע דערנער מיט הלל׳ס פּאָהן, און ווען אויפ׳ן וועג וועלין דיר באַגעגענען רויטע נשמה כאַפּערס און וועלין צו דיר רעדען כּלומר׳שט אין „נאָמען פון סאָציאַלע גערעכטיקייט זאָלסטו זיי ענטפערען פּונקט ווי באַריש ס׳איז דאָס יונגעט וועלכער זאָגט, „אַז די אַסטראָנאָמען האָבען געשעפּט זייערע ידיעות פון קאַלענדאַר... אַזוי זענען לעכערליך די רייד פון יענע יונגלעך וועלכע ווילען אַז די זאָלסט שעפּען גערעכטיקייט פון רויטע פּנקסים...

וואָרום ווי ס׳פערוואַלגערט זיך ערגעץ אַ קערען פון גערעכטיקייט איז עס נור פון די פּרוכטען פון גרויסען יבנה גאָרטען!...

ווייל נור אין דער תּורה אין די נביאים און אין תּלמוד געפינען זיך די אידעאַלען פון סאָציאַלע גערעכטיקייט!

די זאָלסט זיי אויך ערקלערען פאָלגענדעס. ניין, דאָס איז נישט פאַר אייך די קנאַספּען צו עפענען אויף בליהעכץ טרייסעלט דעם קנאָספּ האַקט איהם. ס׳איז נישט אייער כח צו מאַכען איהם בליהען, אייער אָנריהר באַשמוצט איהם איהר צופליקט זייגע בלעטער אויף שטיקלעך און וואַרפט זיי אין שטויב... אָבער קיין שום פאַרבען קומען נישט אַרויס און קיין ריח נישט... אָ! דאָס איז נישט פאַר אייך די קנאַספּען צו עפענען אויף בליהעכץ!...

עס איז נישט פאַר אייך צו פערווירקליכען די אידעאַלען פון גערעכטיקייט, ווייל מיט אייערע אייזערנע רויטע אָנגעגליטע הענד פאַרברענט איהר די שעהנסטע בלומען...

אָ! דאָס איז נישט פאַר אייך!...

איהר קענט מאַכען נור אַ גהינם מיט רויטע פייער צינגער מעהר נישט. רעליגיעזער אַרבייטער, ערוואַך אין יעצטיגען מאָמענט עס איז דיין צייט! ווען אַרבייט איז געוואָרען דאָס געצען דינסט אין די יעצטיגע עפּאָכע, און פיל ברענגען צו איהר מענשען קרבּנות, איז עס טאַקי דיין פליכט צו פיהרען אין יעצטיגען מאָמענט אַ אויפקלערונגס אַרבייט.

ויגזל את החנית מיד המצרי ויכהו בחניתו... נור די קענסט זיך אַ קעגען שטעלען די רויטע סטרא אחרא...

די האָסט דאָס וואָרט.. אָבער די פרעגסט וועהרענד די געגנער האָבען אַזוי פיל פענעס אין שפּיזען פערוואַנדעלט, האָב איך דאָך אָבער זעהר ווינציג ליטעראַטור אויף אָט דעם פּראָבלעם, דורך וועלכער איך זאָל קענען פיהרען אַ אויפקלערונגס ,אַרבייט...

אָבער ווען די ווערסט נור ערוואַכען, וועלען אויך ערוואַכען פון דיר די בעהאַלטענע ליטעראַרישע טאַלאַנטען עס וועט זיך אין דער צוקונפט שאַפען אַליטעראַטור צו בעלייכטען דאָס פּראָבלעם.

אויף דער שרייבער פון די שורות האָט אויף זיך גענומען אָט דעם אידעאַל

שאפען א ענציקלאפעציע בעסער געזאגט א אבהאנדלונג, וועגען דאס פראג פון ארבייט אין ארבייטער ווי בכלל פון סאציאלען פראבלעם אין ליכט פון תורה אין תלמוד.

דאס ערשטע טייל „די טאלעריכט דאס-יודענטום קנעכטשאפט ליגט פאר דיר".

אבער מיין נישט אז אט דורך דעם דאזיקען טייל איז שוין ערשעפט געווארען דאס גרויסע פראבלעם פון סאציאלע גערעכטיקייט אין ליכט פון דער תורה און תלמוד.

ווייל דאס דאזיקע בוך וואס איז יעצט פאר דיר, איז נישט מעהר ווי א פרוזדור צום טרקלין איך האב דא נור דערוויזען אז קיין שקלאפעריי אין קנעכטשאפט עגזיסטירט נישט ביים יודישען פאלק, אבער די געזעצען פון ארבייטער זענען נאך דא זעהר קנאפ געגעבען געווארען.

איז עס טאקי מיין פליכט צו מאכען דיר וויסען, אז איך האב אגרויסע ענציקלאפעציע וועגען דעם געשאפען וועלכע ענטהאלט פאלגענדע טיילען (אויסער דאס ערשיינע טייל).

2) סאציאלע גערעכטיקייט אין ליכט פון די נביאים.

3) געזעצען פון פועלים, ערשעפט אלע ציטאטען וועגען זיי פון תנ"ך תלמוד בבלי ירושלמי תוספתא ספרי ספרא זוהר הושן משפט שו"ת ראשונים שו"ת אחרונים.

4) באדען פראבלעם אין ליכט פין תורה אין תלמוד.

5) פריוואט אייגענטום (אין די דערמאהנטע בעלייכטונג).

6) ארבעטס פראבלעם (אויפ'ן זעלבען פארעם).

7) קאמוניזים אלס די נירוואניא פון פרייהייט ווי ס'ווערען קריטיקירט די קאמוניסטישע דאגמען אין ס'ווערט אויפגעוויזען אז קאמוניזים איז נישט מעהר ווי שקלאפעריי אין קנעכטשאפט איבער דעם רעליגיעזער ארבייטער וואס די ביזט געוויס דורשטיק צום תורה קוואהל, פארשפרייט דאס דאזיקע בוך צווישען דיינע בעקאנטע וועלין טאקי קורצליך ערשיינען די איבריקע טיילין אין דיין אידעאל צו וויסען דאס פראבלעם פון ארבייט אין ארבייטער אין ליכט פון תורה אין תלמוד, וועט ערוייכט ווערען.